STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07189

# LIDER UN POEMEN (1888-1938)

Abraham Liessin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם וואַלט (א. ליעסין)

# לידער און פּאָעמען



אברהם וואַלט-ליעסין אין 1897

אברהם וואַלט (א. ליעסין)

# לידער און פּאָעמען

(1938—1888)

מיט צייכנונגען פון מאַרק שאַגאַל

אין דריי בענדער

●

## באַנד דריי

אין אַנגסט פון די צייטן. — פון אידישן עפּאָס. — ביי דער וואַנט. — איבער די תהומות. — ביבלישע געשטאַלטן. — קריסטלעכע מאָטיוון. — די ערשטע רעוואָלוציאָנערע לידער — ביים סוף וועג. — איבערזעצונגען. — די גאָר ערשטע לידער.

אַרויסגעגעבן פון „פאָרווערטס אסאָסיאיישאָן"
ניו יאָרק, 1938.

Copyright, 1938
by ABRAHAM WALT
New York, N. Y.

Printed in U.S.A.

Combo Press, Inc.
161 Grand Street
New York, N. Y.
446

# הקדמה

## פון א. ליעסין

אין דער זאמלונג פעלן עטלעכע צענדליק פון די אלטע לידער, וואס איך קען זיי ניט אויסזוכן. די עטלעכע פון די גאר אלטע לידער, וואס זיינען פאראן, זיינען זייער פארגרייזט. זיי פלעגן גיין פון האנט צו האנט, און די איבערשרייבער, פארשטייט זיך, זיינען געווען גאר ניט פינקטלעך. איניקע פון זיי זיינען אזוי פארגרייזטערהייט אפגעדרוקט געווארן.

יעדע אפטיילונג פון די לידער איז מער אדער ווייניקער כראנאלאגיש. די אלטע לידער האבן אלע א דאטום, כאטש איניקע פון זיי, ווען איך האב אין 1904 די לידער פארפערטיקט צום דרוק אויפן פארשלאג פון א פארלעגער (איך האב דערנאך חרטה געהאט), זיינען פון מיר גאנץ שטארק באארבעט געווארן, ווי למשל: „די תליה" („דער צארן"), „דער ניום-באי", און נאך עטלעכע. פון א פאר לידער, ווי למשל פון „דוכטע-נישן", האב איך די ערשטע טיילן אויפגעשריבן און אפגעדרוקט אין 1902 און די לעצטע אין 1919, מיט 17 יאר שפעטער — גייען זיי אונטערן דאטום 1902—1919. א רעכט ביסל האב איך אין מיין אמאליקער רעדאקציע געענדערט אויך אין די „ים-לידער" פון יאר 1897, וואס פריער פלעגן זיי זיך גראמען א שורה איבער א שורה און דערנאך האט זיך שוין געגראמט יעדע שורה. פון די נייע לידער זיינען פיל אן א דאטום, ווייל איך האב ניט באוויזן אויסצוזוכן און אוועקצושטעלן דעם ריכטיקן דאטום.

*
**

די „הקדמה" איז געשריבן געווארן פון א. ליעסינען אין פרילינג פון 1937, ווען ער איז געלעגן א געפערלעך קראנקער אויף לונגען-אנצינדונג; האט ער באשלאסן מער ניט אפצולייגן און נאך פון קראנקן-בעט געגומען גרייטן צום דרוק זיינע געזאמלטע לידער. ער האט געלעבט צו זען אפגעדרוקט דעם צווייטן און די ערשטע העלפט פון ערשטן באנד. די „הקדמה" אבער האט ער אלץ ניט געגעבן, האבנדיק מסתמא בדעה זי אויסצובריטערן. איז זי געבליבן פארן דריטן באנד — אין דער פארם, ווי זי איז געשריבן געווארן.

דאס דרוקן איז פארענדיקט געווארן אונטער דער השגחה פון א. ליעסינס טעכנישן ארויסהעלפער ביים צונויפשטעלן די זאמלונג; אבער דער צונויפשטעלער

האָט געהאַט פאַר זיך אַ פעסט אויסגעלייגטן פּלאַן, מיט אַלע איינטיילונגען און גרופּירונגען; מיט אַן איינגעשטעלטער אָרטאָגראַפיע, וועלכע איז דער ווילנער נוסח מיט היפשע הנחות צום היגן נוסח; מיט עטלעכע אייגענע כללים, אין אויסלייג און פּונקטואַציע, וואָס א. ליעסין האָט זיך געהאַט אויסגעאַרבעט פאַר מער קלאָרקייט און וואוילקלאַנג. אַ צאָל לידער פון א. ליעסינס לעצטן לעבנס־יאָר האָבן נאָך ניט געהאַט געפונען זייערע פּלעצער אין זייערע געהעריקע אָפּטיילונגען. פאַר די מערסטע פון זיי האָט דער צונויפשטעלער געהאַט שריפטלעכע אָדער מינדלעכע אָנווייזונגען פון ליעסינען.

אַנדערש ווי די פאַרשפּרייטע מיינונג איז, קען דער צונויפשטעלער עדות זאָגן, אַז דאָס וואָס האָט פאַרהאַלטן די פאַרעפנטלעכונג פון זיינע געזאַמלטע לידער אויף צענדליקער יאָרן — איז געווען ניט אַזוי א. ליעסינס לוידנשאַפט צו קאָרעגירן, ווי זיין לוידנשאַפט צו צאָלן „חובות". ווי ער אַליין שרייבט אין דער באַטיץ צו „הירש לעקערט" — אַז מיטן ליד באַצאָלט ער אַ „הייליקן חוב". וואו איז געווען אַזוי פיל געלעגנהייט צו קאָרעגירן, ווי ביים פאַרפער־טיקן די לידער צום דרוקן? קענען סך הכל אָנגערופן ווערן 5-6 לידער, וואָס זיינען שטאַרק געענדערט געוואָרן פאַרן דרוקן. אַזוי דאָס ליד „אויפן ווייטן צפון". אָבער וואָס עס האָט יאָ פאַרצויגן דאָס דרוקן אויף כמעט צוויי יאָר — איז געווען, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אין צאָלן לידער־„חובות" צו די העלדן, געשטאַלטן און ספרים, וואָס האָבן אים געגעבן שטאַרקע איבערלעבונגען אין זיין קינדהייט און יוגנט. ניט אַלע „חיבות" האָט ער באַצאָלט: 14 לידער איז ער געבליבן שולדיק דער סעריע „ביי דער וואַנט", וואָס זייער מערקווירדיקע רשימה ווערט געגעבן אויף ז. 186, באַנד דריי. ער איז געבליבן שולדיק אַ גרויסע פּאָעמע צו יוסף פּלאַוויוס — אַ פּאָעמע, וואָס האָט אים געדאַרפט פאַרענטפערן, הלמאי ער איז ניט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, לויטן אָפּרייד מיט זיינע חברים, פאַרבלייבנדיק דער לעצטער פון זיי אין הייל: — יאָ, ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד ווי אַ אידישער פירער, און איז געבליבן לעבן ווי אַ קינסטלער היסטאָריקער, כדי צו טאָן ווייטערן דינסט פאַרן באַזיגטן פאָלק. קורץ פאַר זיין טויט האָט א. ליעסין אין איין טאָג באַזוכט די דענקמעלער פון פּאָו און היינע: צו פּאָו האָט ער באַוויזן דעם „חוב" צו באַצאָלן — מיטן ליד „ביים פּאָו־קאָטעדזש אין פאָרדהעם". און היינען איז ער געבליבן שולדיק אַ סעריע פון 8 לידער.

וואָס שייך די דאַטומס, וואָס פעלן, וועגן וואָס עס רעדט זיך אין דער „הקדמה" — איז געלונגען פעסטצושטעלן די דאַטומס פון אַלע לידער, אויסער איינעם — „דער לאַטוטניק", וואָס קומט גאָר צום סוף פון דריטן באַנד.

ב. ר.

ביילע'ן און רחליען —
אַ מתנה

ערשטע אָפּטײלונג

# אין אַנגסט פון די צייטן



# זאָלען זיי קומען!

איך האָב ניט, אָ, עלענדע אומה, מיט וואָס דיר צו דינען
אַרום אין דעם אָרימען, וואָכיקן לעבן.
דעם נפש, דאָס האָב איך, דעם נפש דעם הוילן —
איך קען דיר אים געבן!

אָ, זאָלן זיי קומען, די הענקער, די ווערגער, די קוילער,
וואָס האָבן דיר אַלע היסטאָרישע וועגן
מיט בלוטן פאַרטרונקען — איך שטרעק מיט אַ שמחה
דעם האַלז זיי אַנטקעגן!

און ווארעם זאָל פליסן אויך מ י י ן בלוט אַהין אין די ריינע,
אַהין אין די הייליקע בלוטיקע ימען
פון דיינע מיליאָנען גבורים און קדושים —
און פליסן צוזאַמען!

מינסק, 1894.

# דער אייביקער איד

עס ציט זיך דורך ענדלאָזע דורות און ציט
דער גוואַלטיקער פעלקער־געשלעג;
עס ציטערט דאָס שלאַכט־פעלד מיר אונטער די טריט —
איך גיי מיר אַלץ ווייטער מיין וועג!

עס רוישט מיר אַנטקעגן אַ גרויסער אוקיאַנוס,
אַ גיהנם אַ פורכטבאַרער ברענט;
עס קראַכט און עס פלאַקערט, עס סטראַשעט סכנות —
איך וואַנדער זיי דורך ביזן ענד!

אַרום און אַרום, אין דער לענג, אין דער ברייט,
איז אַלץ אויף מיין וועג אַ בהלה צעשפּרייט,
עס לויערט דער בלבול, די פּגע רע גרייט,
און האַס אָן אַ ברעג, אָן אַ גרונט;
דורך זאַמד און דורך דערנער, דורך שטיין און דורך ביין,
איך גיי און איך גיי און איך וועל נאָך אַלץ גיין,
איך האָב מיטן שטן המשחית אַליין
געשלאָסן אַן אייביקן בונד:

דאָס פייער, עס זאָל מיך ניט ברענען,
דאָס וואַסער, עס זאָל מיך ניט שלינגען,
דער שפּיז זאָל מיך שטעכן ניט קענען,
די קויל זאָל צוריק פון מיר שפּרינגען.

עס יאָגט מיך אַ שלאַנג, דאָך זי וועט ניט דעריאָגן,
עס קייקלט אַ דונער — ער וועט מיך ניט שלאָגן,
עס גייט אַ מגפה — זי וועט מיך ניט פלאָגן,
איך שטעל אין מיין גאַנג זיך ניט אָפ;
די זון ווערט פאַרפינצטערט — עס טוט מיך ניט אַרן,
די ערד נעמט זיך טרייסלען — איך לאַך פון געפאַרן,
עס ברעכן זיך דעמבעס — מע וועט מיך באַוואַרן,
איך קען פון מיין וועג ניט אַראָפ!

איך פיל, איך בין שטאַרקער פון אַלע יסורים,
פון מענטשלעכער בייזקייט און שטרייט,
און שטאַרקער פון וואַסער, פון פייער, פון שטורעם,
און שטאַרקער אַפילו פון צייט.

עס זיינען פאַר מיר, דורך די טויזנטער יאָרן,
די מלוכות די גרעסטע געגאַנגען פאַרלאָרן,
די פעלקער די שטאַרקסטע פאַרטיליקט געוואָרן,
און וועלט־שטעט צעאַקערט אין זאַלץ;
און ריזיקע בערג זיינען לאַנג שוין צעשאָטן,
און אייביקע וועלדער — צעפוילט און צעטראָטן,
און מעכטיקע פעלזן — צעווייכט און צעקנאָטן —
איך לעב און געדייע נאָך אַלץ!

איך לעב און איך לעב און איך וועל נאָך אַלץ לעבן
דורך טויזנטער יאָרן פון שטרייט;
איך וועל נאָך אַלץ לעבן און קעמפן און שטרעבן, —
און טעמפ איז דער צאָן פון דער צייט!

מינסק, 1894.


ЛАВК

## נאָך אַ בלעטל, מיין פאָלק...

נאָך אַ בלעטל, מיין פאָלק, נאָך אַ שרעק־בילד
פון דיין לעבנס־בוך האָב איך דערקענט,
נאָך ענויים, נאָך בלוט און נאָך פלאַמען
האָבן העליש דעם מאַרך מיר געברענט.

דאָך אין ברען פון אַ מאַכטלאָזן צאָרן
האָב איך קרעכצן געקענט נאָר, ניט מער;
איך האָב ראַכע געדאַרשט אַזוי גלוטיק
און זיך שטילן געמוזט מיט אַ טרער.

נאָך אַ טרער אין דעם אָפגרונט פון טרערן,
וואָס באַצייכנט דיין וועג אויף דער ערד;
נאָך אַ קרעכץ אין אַ וועלט־רוים פון קרעכצן —
וואָס זשע האָט עס ביי דיר פאַר אַ ווערט!

מינסק, 1894.

# פאַרן נייעם יאָר

נאָך אַ יאָר איז אַוועק, פול רדיפות און שלעק —
אַ ביטערער, פינצטערער יאָר!
און עס נעמט ניט קיין עק צו די המנ'ס און שרעק —
די נייע מיט יעטווידן דור.

און מיר שטייען גענאַרט, אין די געטאָס פאַרשפאַרט,
און זוכן אַן אויסוועג פון פּלאָג,
און מיר טאַפּן פאַרשמאַכט אין דער פינצטערער נאַכט,
און זוכן אַ סימן פון טאָג.

ניט קיין שפור פון אַ שטראַל! עס איז שוואַרץ איבעראַל,
און טיף איז דער יאוש און שטום;
הילכט אַ קנאַל נאָך אַ קנאַל פונעם פיינטס איבערפאַל,
פון צורר — דער חיהשער ברום.

און פון אָפּגרונט פון שלעכטס, דאָ פון לינקס, דאָ פון רעכטס,
אַ ברודער־וויי רייסט זיך דורך שווער;
וועט דער אָפּרוף אין שמערץ ווידער זיין נאָר אַ קרעכץ?
און ווייטער ניט מער!

מינסק, 1894.

# צוויי תפילות

עס זיינען אַמאָל צו דעם כסא הכבוד
צוויי תפילות אין הימל געפלויגן —
צוויי ערדישע תפילות, צוויי מענטשלעכע תפילות,
פון צווייערליי הערצער געצויגן.

די ערשטע איז בלוטיק אַרויס פון אַ אידן,
מיט לייב און מיט לעבן צוזאַמען,
אין מאַטערניש ווייטע, אין קאַרטשעניש ווילדע,
אין זיילן פון רויך און פון פלאַמען.

די צווייטע איז שמאַלציק אַרויס פון אַ גלח,
אין ווייערעכשן, וועקסענעם זינגען,
מיט גלאַצעניש פרומע, מיט סאַפּעניש טיפע,
און גלעקערנעם, קופּערנעם קלינגען.

דער איד, אַ פּאַרעקשנטער, גרויסער בעל העזה,
אַליין צווישן קריסטלעכע מאַסן,
אַליין אין מיליאָנען, האָט אָפן דערוועגט זיך
די קריסטלעכע געטער צו האַסן.

דער גלח, אַ פינצטערער, דיקער בעל רחמים,
מיט בלייענדע באַקן, ווי רויזן,
געוואָלט האָט אומזיסט דעם פּאַרבלאָנדזשעטן אידן
ניט אַנדערש פון גיהנם דערלייזן.

אומזיסט האָט ער גלח'עשן בוימל געגאָסן,
געשאָטן מיט פּערל פון לשון,
געשטראָפט אויך מיט בייזן, אַזוי ווי אַ פאָטער,
דעם אידישן לייב אים געדראָשן.

אומזיסט האָט ער לאַנג אים אין קייטן געהאַלטן,
פאַרהאַקט אונטער דר'ערד אין אַ קבר,
און אַלע כלי משחית און פּייניקונג־מיטלען
געפּרואווט אים אויף יעטווידן אבר.

אומזיסט איז די גרויסע באַמיאונג געוועזן,
די גלח'עשע שענסטע פאַרלאַנגען —
די קריסטלעכע ליבע, די קריסטלעכע זאָרגן,
זיי זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען.

און מ'וואַרפט אויפן ברענענדן שייטער דעם עקשן,
און ס'טוט זיך אַ ריס אים פון האַרצן
אַ תפילה, אַ שוידער־געשריי פון אַ תפילה,
אין פלאַמיקן רויך־זייל, אין שוואַרצן.

ער ברענט און ער גלויבט, אַז די תפילה וועט תיכף
צום הימל צום זיבעטן שטייגן,
און אויפהויבן דאָרטן אַ גרויסע בהלה
און אויפוועקן גאָט פון זיין שווייגן.

עס ברענט, ווי אַ ליכטל, דער איד, און דער גלח
שטייט שטרענג מיטן קרייץ ביי די פלאַמען ;
אים רינגלען אַרום נאָך דעם ראנג און דעם טיטול
די גלענצענדסטע ריטער און דאַמען.

און מעכטיק צעקלינגען זיך צענדליקער גלעקער,
און איבער דעם שטאָלצן געפילדער
קוקט נאַריש דער אידישער פנים פון ישו'ן
אַרויס פון די הייליקע בילדער.

עס צלמט זיך היציק דער עולם און קניט זיך,
און הימנען פון דאַנקען און לויבן,
די אַלטע מזמורים פון אידישן תהלים,
באַגלייטן די „טאַט פון דעם גלויבן".

און בויכיק צעשמעלצט זיך דאָס גלח'עשע פרעפּלען,
מעלאָדיש און פעט און געצויגן,
און גלעזערדיק גלאָצן די גלח'עשע קאַלטע,
אין חלב פאַרשוואומענע אויגן.

ער לויבט און ער דאַנקט פאַרן ברענענדן אידן,
וואָס איז פאַר זיין העזה געשטאָרבן,
צום הערלעכן רום פון דער זיגרייכער קירכע,
פאַר גאָט אַ באַווויליקטער קרבן.

דער גלח טוט תפילה און גלויבט, אַז אין הימל
וועט זיס זיין די תפילה און טייער,
אַזוי ווי דער בראַטן-גערוך פון דעם קרבן,
אַזוי ווי דאָס הייליקע פייער.

* * *

צוויי ערדישע תפילות, צוויי מענטשלעכע תפילות,
זיי הויבן זיך אויף און זיי שוועבן

געשווינד און געשווינדער צום טויער פון הימל,
אַריבער דעם זינדיקן לעבן.

און יאָרן נאָך יאָרן, זיי קומען און שווינדן —
פאַרשטיקט זײַנען לאַנג שוין די פלאַמען;
דאָס אַש האָבן ווינטן צעשפּרייט און צעטראָגן
אויף אַלע יבשות און ימען.

דער גלח איז אויך שוין אַוועק צו זײַן ישו׳ן,
באַלאָדן מיט מצוות און יאָרן;
זײַן הומר, ווי אַלץ וואָס איז פלייש׳יק, איז לאַנג שוין
פון ווערים פאַרשלונגען געוואָרן.

און דורות נאָך דורות, זיי קומען און שווינדן,
און ערגעץ אין הימל אין הויכן
די תפילות פון ביידע, זיי יאָגן זיך אַלץ נאָך
דעם כסא הכבוד צו גרייכן.

מינסק, 1895.

# פון פינצטערן עבר

און טראַכט איך, מיין פאָלק, פון די שרעקן פון עבר,
דאַן פאַנגט און באַצווינגט מיך דיין צער —
די פראַכט פון דיין דאָרן־קראַנץ צווישן די פעלקער,
דער דריי טויזנט־יאָריקער גזר.

און טראַכט איך, מיין פאָלק, פון דער בעסערער צוקונפט,
דאַן ווערט אַזוי שווער, אַזוי באַנג:
צי וועסטו פאַרשווינדן אין גליק? טאָ צו וואָס זשע
די ליידן יאָרטויזנטער לאַנג!

עס שטראַלט מיר אין קאָפּ די אַל־מענטשלעכע צוקונפט,
דאָך שטייט נאָכאַנאַנד פאַר מיר שוואַרץ
דיין פינצטערער עבר, מיין פאָלק, און עס דוכט מיר,
אַ בר־מינן טראָג איך אין האַרץ.

איך לעב מיטן קאָפּ אין דער שטראַליקער צוקונפט,
מיין האַרץ דאָך איז פול נאָר מיט דיר —
אָ, פינצטערער, גרויסער, העראָאישער עבר,
ווי טייער, ווי ליב דו ביסט מיר!

ניו יאָרק, 1897.


ЛАВКА

# דער קבר

עס לייגט זיך דער אָוונט פאַרצאָרנט און קראַנק,
די בלייכע לבנה, זי קוקט אַזוי באַנג.

זי קוקט פון אַ טרערנדן הימל־געצעלט,
ווי ס'גייט מיט זיין עלענד דער הערבסט אויף דער וועלט.

ווי ס'גייען די וואָלקנס אין ווינט און געשריי,
ווי ס'גייט אַ לויה צוזאַמען מיט זיי —

צום ווייטן בית עולם, וואו באַלד גרייט מען צו
דעם אָרעמען מת צו זיין אייביקער רו.

עס שטעלט די לויה צעשראָקן זיך אויס
און קוקט, ווי די שאָף, צום פאַרצוקער אַרויס.

און פאַרטיק... אַ יאָמער ברעכט אויס מיט אַמאָל,
מען וויינט זיך פאַנאַנדער אין נאַכט אויפן קול.

מען לייגט עס אין קבר דעם טויטן אַריין,
עס פאַלט אויף אים שוואַך פון לאַמטערנע דער שיין.

אַט קלאַפּט אויף די ברעטלעך דאָס זעמדל און קלאַפּט,
די ווייטע לויה, זי אײלט זיך און כאַפּט.

אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ און אַ בערגל וואַקסט אויס,
מען רוקט זיך פאַרוויינטע פון רעדל אַרויס.

געענדיקט! דער עולם צעגייט זיך, צעפּאָרט,
און פּוסט ווערט און וויסט אויפן אייביקן אָרט.

די מענטשן פאַרשווינדן מיט זייער געוויין,
עס בלייבט נאָר דער קבר דער פרישער אַליין.

ער בלייבט מיטן מת, אַ פאַרשטילטער, אין נאַכט —
די דירה די נייע פון שאָטנס באַוואַכט.

און שאַטנדיק־שטיל שלייכט אַ לעבן פאַרביי,
עס טראָגט זיך געשפּענסטיק אַדורך פון דאָס ניי.

אַ וויסט־אומעט לעבן, פול אַנגסטן און פּיין,
פון וויגעלע ביז אין דעם קבר אַריין.

פאַרצאַרנט און פינצטער, און קראַנק און פאַרשמאַכט,
אַזוי ווי דער הימל אין אַסיען ביינאַכט.

און עלענד און איינזאַם, אַזוי ווי דער שטיין,
וואָס ליגט פאַר אַ סימן ביים קבר אַליין.

און ס׳גייען די טעג, און עס קומט אויף דער וועלט
דער ווינטער דער שווערער, מיט שנייען און קעלט.

עס פירט די אלמנה אין שול מיט געוויין,
באַגינען און אָוונט, איר יתומל קליין.

דאָס קרענקלעכע קולכל, ווי לעבערט דאָס האַרץ!
דער קינדערשער קדיש, ווי גייט ער אויף שוואַרץ!

דאַן רייסט אין בית עולם דער ווינט זיך און טראָגט,
און הודיעט מיט קולות מיט ווילדע און קלאָגט.

דאַן שטייט אַרום קבר אַן ענדלאָזער קרעכץ,
עס קרעכצן די בוימער פון לינקס און פון רעכטס.

עס קרעכצט און עס רייסט און עס הודיעט אָן סוף;
דער טויטער, ער שלאָפט זיך זיין אייביקן שלאָף.

און ס'גייען די טעג און עס קומט אויף דער וועלט
דער פרילינג פון שטראַליקן הימל־געצעלט.

דאַן פריילעך לעבט אויף די נאַטור און דערוואַכט,
דאַן גרינען די בוימער אין צערטלעכער פראַכט.

דאַן גייען תעניתים און וויינענדע טעג,
דאַן גייט די אלמנה צום קבר אַוועק.

עס טראָגט זיך אַ שוואַרצע יללה אין לופט,
עס רייסט זיך פון קבר צום הימל און רופט.

עס שפּאַלטן די גוואַלדן אין הימל אַריין
דער הימל, ער קוקט אַזוי בלוי, אַזוי פיין!

ניו יאָרק, 1897.

# געשפּענסטער

איך האָב אַ גאַנצע נאַכט דיין לעבנס־בוך געבלעטערט,
און ווידער האָט מיך טיף דערשיטערט און דערשטוינט
דער וויסטער, ווילדער וואונדער פון דיין גרויסן קיום,
און ווידער האָב איך לאַנג, מיין פאָלק, אויף דיר געוויינט.

קאַפּיטלען נאָך קאַפּיטלען, גלוטיקע געראַנגלען,
אַלץ הייסע טייכן טרערן, שטראָמען בלוט און בלוט;
איך הער פון יעדן בלאַט דעם בייזן ברום פון צורה,
עס ענטפערט יעדע שורה פעסט מיט קדושים־מוט.

איך זע געקוילעטע, דערשטאָכענע, פאַרברענטע,
זיי טראָגן זיך פאַר מיר פון נאָענט און פון ווייט;
עס הילכט מיר כאָרכלענדיק אין בלוט דער שמע ישראל
פון יעדן־יעדן לאַנד, פון יעדער־יעדער צייט.

עס ווערט מיין צימער פול מיט בלוטנדע געשפּענסטער,
זיי ציען זיך צו מיר, זיי רינגלען מיך אַרום,
אין בלייכן שיין פון קדושים, מיטן טויט־שמערץ־אויסדרוק —
„אָ, זיידעס הייליקע, קערט אייער גאָט מיר אום!

„קערט אום מיר אייער גאָט, דעם גרויסן גאָט, דעם אַלטן,
דעם ליבן, פאַרכטיקן, פאַר וועלכן שטענדיק גרייט
געליטן האָט איר שטום די גוואַלטיקסטע ענויים,
געגאַנגען אין עקסטאַז צום שוידערלעכסטן טויט.

„אָ, גיט מיר אייער טרייסט, אָ, גיט מיר אייער גלויבן,
דעם זין פון אייער לייד, די האָפענונג, דעם ברען!
אָ, טרייסטלאָז, צוועקלאָז, זינלאָז זיינען מיר די צרות,
די לייד די אייביקע — צו וואָס? פאַר וואָס? פאַר ווען?"

עס דריקט זיך אויף די פויסט און פאַלט אַרונטער מאַכטלאָז;
וואָס קען איך אַנדערש טאָן — נאָר וויינען אָן אַ שיעור!
נאָר ברומען, צאָרענען, ביז וואַנען דורכן פענצטער
קוקט וואָכעדיק אַריין דער גרויער טאָג צו מיר.

ניו יאָרק, 1910.

# דאָפּלטע אַנגסטן

מיר זיינען דאָ מענטשן
אַ טויזנט צוזאַמען,
און טראָגן זיך עלענד
אויף שטורמיקע ימען,
פון אויבן דער הימל,
פון אונטן דער תהום.

מיר זיינען דאָ אידן
נאָר איינער פון הונדערט,
און טראָגן זיך הילפלאָז,
פאַרהאַסט, אָפּגעזונדערט,
אין מיטן דעם פרעמדן,
דעם קריסטלעכן שטראָם.

עס שטעלן זיך וועלן,
ווי בערג, און זיי זידן,
און סטראַשען די קריסטן,
און סטראַשען די אידן,
די טויט־געפאַר לויערט
אויף אַלעמענס וועג.

עס פלאַמען די סמען
פון שנאה און זידן,
און סטראַשען אַליין נאָר
די אידן, די אידן —
די צען צווישן טויזנט
פאַרגייען פון שרעק.

וואו נעמט זיך דער כח,
וואָס הויבט און וואָס טורעמט
די שוימיקע וועלן,
און דונערט און שטורעמט —
דער בלינדער, דער בייזער,
וואָס ווייס ניט קיין צאַם?

וואו נעמט זיך די שנאה,
וואָס זידט, ווי די וועלן,
אַ בלינדע, אַ בייזע,
אין מענטשלעכע זעלן,
און איז אַזוי פינצטער
און טיף, ווי דער ים?

מיר שווימען אין דאָפּלטע אנגסטן,
עס גרוילט אונז אַ ים און אַ ים —
אָט ברעכט זיך דער הילצערנער צאַם,
אַ זייט פון דער קעמפנדער שיף;
דאַן ווערן מיר אַלע פאַרזונקען
אין אָפּגרונט אין פינצטערן טיף.
אָט ברעכט זיך די שוואַכינקע דאַמב,
די שייד־וואַנט פון מענטש און פון חיה;
דאַן רייסט זיך די חיה אַ פרייע,
דאַן ווערן מיר, אידן, דערטרונקען
אין קריסטלעכער שנאה און סם. —
מיר שווימען אין דאָפּלטע אַנגסטן.

ניו יאָרק, 1910.

# ביים טויער פון רוים

והיכא יתיב? אפיתחא דקרתא. ומאי סימניה? יתיב בינו עניי סובלי חלאים, וכולן שרו ואסירי בחד זימנא, איהו שרי חד ואסיר חד. אמר: דילמא מבעינא, דלא איעכב. (סנהדרין, צח׳)

און וואו זיצט ער (דער משיח)? ביים טויער פון דער שטאָט (רוים). און וואָס זיינען זיינע סימנים? ער זיצט צווישן בעטלער, ליידנדע פון קראַנקהייטן, און זיי בינדן אָפּ און פאַרבינדן (זייערע וואונדן) אַלע מיט אַמאָל. ער בינדט אָפּ איין וואונד און פאַרבינדט עס באַלד. ער טראַכט: טאָמער וועט מען אים אַ פאָדער טאָן (צו קומען), זאָל ער זיך ניט פאַרהאַלטן.

ער זיצט צווישן בעטלער און קאַליקעס קראַנקע
ביים טויער פון זינדיקן רוים —
דער קערפּער אין טראַנטעס, אין קרעץ און אין וואונדן,
דער גייסט אין דעם הערלעכסטן טרוים.

ער זיצט צווישן בעטלער און קאַליקעס קראַנקע,
און הערט זיך אַליך אומרואיק צו,
צי בלאָזט שוין מיכאל אין שופר הגדול,
צי ווייזט אליהו זיך וואו.

ער זיצט און בינדט אָפּ און פאַרבינדט זיך די וואונדן,
און קוקט אומגעדולדיק אַרויף,
צי שטראַלט שוין דער צייכן אין הימל, צי גייט שוין
דאָס ליכט דאָס באַהאַלטענע אויף.

ער זיצט און ער קראַצט זיך די קרעץ מיט אַ שערבל
און וואַרט, פון יסורים געקוועלט,
צי קען ער אַוועקגיין שוין הויך מיט די וואָלקנס
און ברענגען די גאולה דער וועלט.

און טרעפט זיך אַמאָל, דורכן לויף פון די דורות,
פאַרלירט ער די גואל־געדולד,
דאַן וויינט ער און בעט זיך: „אָ, האַר פון די וועלטן,
איז גרויס אַזוי טאַקע מיין שולד?

„פאַרוואָס בין איך אייביק צו לעבן פאַרשאָלטן,
פאַרוואָס אַזאַ פורכטבאַרע שטראָף —
צו טראָגן די משא, דעם דראַנג פון דער גאולה,
און וואַרטן און ליידן אָן סוף?

„די שטערבלעכקייט בין איך מקנא, אָ, גאָט מיין,
אַ הויט אַ געזונטע אָן קרעץ,
דעם איינפאַכסטן טרייבער פון אייזלען, דעם לעצטן,
וואָס ליידט נים און טראַכט נים פון „קץ"!

„פאַרוואָס האָסטו אויסדערוויילט מיך פאַר אַ גואל,
פאַרוואָס אַזאַ שכר, אַזאַ גזר —
צו קוועלן אַליין זיך און טראָגן דערצו נאָך
פון וועלטן פון גאַנצע דעם צער?"

ער וויינט אַזוי ביטער און זיצט אַזוי ווייטער,
פון גרויסע יסורים געקוועלט,
און קוקט פון דער הויך פון זיין עלענד דעם שטאָלצן
מיט מיטלייד אַראָפּ אויף דער וועלט.

ער זיצט און ער וואַרט ביזן סוף פון די דורות,
ביים טויער פון זינדיקן רוים —
דער קערפּער אין טראַנטעס, אין קרעץ און אין וואונדן,
דער גייסט אין דעם הערלעכסטן טרוים.

ניו יאָרק, 1919.

צווייטע אָפּטיילונג

# פון אידישן עפּאָס



# יהודה המכבי

## 1

## אין מדבר יהודה

מזמור לאסף: אלהים באו גוים בנחלתך,
טמאו את היכל קדשך, שמו את ירושלים
לעיים.

(תהלים, עט׳, א׳)

זיצן די אַנטרונענע גבורים שטום
ביי די היילן, אין פאַרשטיקטער גלות,
וואו די רוחות פון עזאזל ווייהען אום
און דער שווערער טאָג פאַרגייט אין בלוט.

וויינט די האַרף פון זינגער, ווי ער שרייט צו גאָט
אויפן צאָרן דעם צעגאָסענעם,
אויפן חורבן פון דער אויסדערוויילטער שטאָט,
אויפן כבוד דעם פאַרלאָשענעם.

וויינט די האַרף פון זינגער אויף דער וויסטער שאַנד,
וואָס אין בית־המקדש שטייט אַ געץ;
און דאָס פיל־געפּלאָגטע און פאַרצאָגטע לאַנד
צאַפּלט הילפלאָז זיך ביים פיינט אין נעץ.

און הרוגים ליגן אויפן פעלד, ווי מיסט,
און אין שטאָט טוט טויט אַליץ לויערן,

און מען הענגט די עופּהלעך אויף מוטערס בריסט
און די זקנים אויף די טויערן.

אָ, ביז וואַנען, גאָט, ביז וואַנען בלייבט אין שטראָף
אַלץ די האַנט פון משחית אויסגעשטרעקט,
ווען דאָס גאַנצע פאָלק ווערט אויסגעשלאַכט, ווי שאָף,
און ישראלס נאָמען אָפּגעמעקט.

אָ, ביז וואַנען! און די קעמפער שפּרינגען אויף,
ווי די פעלזן, כמורנע, ריזיקע,
און נקמה־רופן מעכטיק קלינגען אויף,
און עס בליצן בליקן שפּיזיקע.

1932

2

# דער קאַמף אויף דריי פראָנטן

ותיתה עת צרה אשר לא נהיתה מהיות
גוי עד העת ההיא.

(דניאל, יב׳, א׳)

ווי עס לאָזט אַרויס אנטיוכוס דעם באַפעל
צעאוסן צו האַלטן פאַר אַ גאָט,
האָבן אַלע פעלקער קנעכטיש אויפן שטעל
אָנגענומען זייער האַרם געבאָט.

נאָר איין עקשן פאָלק, דאָס אידישע, אַליין,
האָט זיך אויפגעשטעלט מיט מוט אָן שיעור
און געענטפערט דעם טיראַן מיט שטאָלצן ניין:
ניט ווי אַלע פעלקער זיינען מיר!

און ווי וואַסער, גיסט זיך אידיש בלוט און גיסט,
און דער שטאַרקער און דער מוטיקער
לויפן קלייבן כוחות אין דער ווילדער וויסט
פון נקמה פון דער בלוטיקער.

זע איך אויפן ווייטן מדבר־האָריזאָנט
די קאָשמארנע זעאונגען פון היינט;
שטורעמט פון דריי זייטן דער מלחמה־פראָנט,
פינצטערט, פרעסט אַ דרייענדיקער פיינט.

קעמפט אַנטקעגן אונז, די ווידערשפעניקע,
מיט איר גאַנצער מאַכט די טיראַניי;

קעמפן שכנים־פעלקער אונטערטעניקע,
וואָס מיר זיינען ניט, ווי זיי, געטריי.

ווינטשט דער צורר, ווי ער שעכט און ווערגט און ברענט,
אונזער אומה צו פאַרטיליקן;
גיבן אים די ליבע שכנים גרייט די הענט
דאָס געווינטשטע צו באַוויליקן.

און די רייכע לויפן מאַסנוויַיז אַוועק,
מייז אין שיף־ברוך, ערשטע אין דעם שמד,
פלייסן זיך צו ווערן פיינט אַליין פאַר שרעק,
קויפן מיט פאַרראַט זיך אויס פון חשד.

ווייַנט די האַרף פון זינגער, ווי דער פיינט שפּאַרט אָן,
פון דריי זייטן, אויפן האָריזאָנט.
איר פאַרבליבענע, וואָס טראָגן הויך די פאָן,
שטאַרקט זיך, ברידער, האַלט, אָ, האַלט דעם פראָנט.

1932

3

# יהודה המכבי פאַרלאָזט די באַרג־היילן

כי לא בחר ה׳ בעמו בגלל העיר, כי אם
בחר בעיר בגלל עמו.

(השמונאים ב, ה׳, כד׳)

איז דער אַלטער פירער מתתיהו טויט,
הייבט זיין זון יהודה אויף די פאָן,
וואָס דער פאָטער האָט אים פאַרן טויט פאַרטרויט,
און דער פרייהייטס־קאַמף גייט ווייטער אָן.

כאָטש ירושלים איז ניט אידיש מער,
און דער בית המקדש איז געשענדט,
און דער יאוש פרעסט אויף אַלע הערצער שווער,
לאָזט יהודה ניט אַראָפ די הענט.

און ער רופט פון פעלזן־שפאַלט צו פעלזן־שפאַלט,
קעגן פיינט אין אָפן פעלד צו גיין;
הילכט פון דערנער־קוסט צו דערנער־קוסט און שאַלט,
ווי מען שווערט זיך ביזן סוף צו שטיין.

ווייגען בערדיקע גבורים אַזש פאַר גליק,
וואָס עס פאַלט אויף זייער חלק אוים,
ווי די אַלטע העלדן, אויפשטיין גרוים צוריק
פון דער אַלטער גרויסער ערד אַרוים.

ווי זיי גייען, קליין אין צאָל און גרוים אין ברען,
און זיי קוקן אויפן לאַנד אַראָפ,

וואו עס לעבט דאָס פאָלק, פאַר וועמען נאָך מען קען
אין עקסטאַז אַוועקלייגן דעם קאָפּ.

איז ירושלים צווישן פיינט צעטיילט
און איר הייליקטום — צו שאַנד און שפּאָט;
האָט די שטאָט דאָך גאָט צוליב זיין פאָלק דערווײלט,
אָבער ניט זיין פאָלק צוליב דער שטאָט.

און דערהויבט זיך וואו דאָס פאָלק אין שטאָלצן מוט,
שטראַלט פאַר זיי אַ מקדש שטאָלצערהייט;
און פאַרגיסט מען וואו אין פרייהייטס־קאַמף דאָס בלוט,
טוט זיי פלאַמען אַ מזבח גרייט.

און עס רופט דער שופר, און פון יעדער זייט
קומען, קלייבן זיך אנטרונענע,
און פון וויסטן שמד, פון נאָענט און פון ווייט,
די פאַרפירטע און געפונענע.

1932

## 4

# דער שופר־רוף

וככלות נפץ יד עם קדוש,
תכלינה כל אלה.

(דניאל, יב׳, ז׳)

באַרג־רחבות און ליכט, פֿאַרפֿלייצונגען פֿון ליכט,
און דאָס פֿינצטערסטע מאַרטירערטום;
טראָגט זיך דער מחבל אויפֿן אָנגעזיכט
פֿון דעם צעאַרטסטן ים פֿון בליט און בלום.

שרייען בלומען צו די בלויסטע הימלען הויך,
פֿילט אַ טויט־קרעכץ אָן די העלסטע לופֿט,
און פֿון דערפֿער ברענענדיקע שפּאַרט אַ רויך,
און דער קול פֿון שופֿר שאַלט און רופֿט.

אָ, מיין פֿאָלק! דורך איין און צוואַנציק הונדערט יאָר
הערסטו אַלץ דעם זעלבן רוף, וואָס שאַלט —
זינט יהודה איז מיט וואָרט און שופֿר נאָר
קעגן פֿיינט אַרויס פֿון פֿעלזן־שפּאַלט.

פֿלאַמען אויף אין חושך די פֿאַרלאָשענע
מיט אַ ליכט אַ וואונדערלעכס, אַ העלס;
שטייען אויף אַרמייען פֿלאַם־פֿאַרגאָסענע
הינטער יעדן וויסטן מדבר־פֿעלז.

זאַמלט זיך צונויף אַ פֿאָלק פֿון מענטשן־שטויב,
פֿון פֿיר ווינטן די פֿאַרלאָרענע;

טוען זיך די קנעכט די נעכטיקע אַ הויב,
גלייך ווי אָדלערס פריי־געבאָרענע.

אָ, מיין פאָלק! דורך איין און צוואַנציק הונדערט יאָר
גייסטו אַלץ פון יענעם פלאַם פאַרכאַפּט,
וואָס דו האָסט אַמאָל, אין גרויסן העלדן־דור,
אויף מודיעינס זון־בערג איינגעזאַפּט.

גייסטו מיטן שופר מוטיק קעגן שווערד,
און אין שלאַכטן קוים־געוואונענע,
ווען עס ברענט נאָך אונטער דיינע פיס די ערד,
קלייבסטו אומעטום אַנטרונענע.

1932

5

# יהודה המכבי דער משוח מלחמה

אשרי המחכה.
(דניאל, יב׳, יב׳)

אַ געזאַלבטער, ווי אַ גואל, ניט מיט אויל,
נאָר מיט פייער אין מלחמה־פעלד,
האָט ער ניט געוואוסט, דערשיינענדיק פון הייל,
אַז ער איז דער היים־געגאַרטער העלד.

דער דערוואַרטער, וואָס ער ווייס דאָס ניט אַליין,
אין זיין צדקות און באַשיידנהייט,
ווען אין זאַק און אַש, אין תפילה און געוויין,
נעמט ער אויף דעם פיל־געוואַגטן שטרייט.

האָט מען הויך אין הימל איבער אים געזען
ווייסע רייטער אין אַ גאָלד־געשפאַן,
האָט מען שוין פאַרשטאַנען וואָס עס וועט געשען,
אַז ער איז דער גאָט־געשיקטער מאַן.

פליט ער וואו אין שלאַכט נאָר, פליען אויבן אויך
ווייסע רייטער הויך אויף ווייסע פערד,
און די צוימען שוימען גאָלדיק פון דער הויך
און באַלויכטן ווייט אַרום די ערד.

פלאַקערט אונטן די באַגייסטערונג אַלץ מער,
שטורעמט אויף די שלאַכט אַלץ ברוזנדער,

און עס וואַרפֿן זיך אָן שפּייז און אָן געווער
הונדערטער אַנטקעגן טויזנטער.

און עס איז געשען! און וואָלט עס ווער געגלויבט!
פּירט דאָס קלענסטע פֿאָלק דעם גרעסטן קריג,
און די וועלט־מאַכט פֿון אַנטיוכוס ווערט צעשטויבט,
און ישׂראל גייט פֿון זיג צו זיג.

אָ, דו טרוים פֿאַרווירקלעכטער! אין שוואַרצסטער שוואַרץ
האָסטו אויפֿגעלויכטן גרויס און צאַרט,
און צעזונגען האָט זיך יעדע טרייע האַרץ:
וואויל, אָ, וואויל צו דעם, וואָס האָט געוואַרט!

1932

## 6

# יהודה המכבי גורט אָן די שווערד פון געפאַלענעם אַפּאָלאָניוס

רוממות אל בגרונם
וחרב פּיפיות בידם.
(תהלים, קמט׳)

האָט יהודה אָנגעגורט די גרויסע שווערד
פון זיין אַלטן פיינט, דעם קאָמאַנדיר,
וועלכער האָט נאָך נעכטן פון זיין הויכן פערד,
סטראַשענדיק אַזוי, געפאָכט מיט איר.

ליגט שוין איצט דער קאָמאַנדיר צעשפּרייט אין שטויב,
און יהודה טראָגט די גרויסע שווערד;
אין דעם קריג אַ לייב און נאָכן קריג אַ טויב,
טראַכט ער שטיל פון פיינט, וואָס לעקט די ערד.

ווי ער האָט, דער פיינט, אַן איבערפאַל געמאַכט
גראָד אום שבת, ווען מען האָט גערוט,
און גאָטס־שטאָט פאַרוויסט, און מאַן און קינד געשלאַכט,
און געשענדט די פרוי אויף זייער בלוט.

און ווי ער, יהודה, לויפט אין מדבר ווייט,
לעבט פון ווילדע גראָזן, ווי אַ שאָף,
קלייבט ער כוחות, ביז ער טרעפט דעם פיינט אין שטרייט,
און צעשמעטערט ליגט דער פיינט צום סוף.

„אפּאָלאָניוס! ווי איך נעם אַוועק דיין שווערד,
נעם איך זי ניט מער, ווי ביז דער צייט,

ווען מען וועט פֿאַרטרייבן אייך פֿון אונזער ערד
און ניט זיין ביי אונז וועט מער קיין שטרייט.

„אַפּאָלאָניוס! אונזער גאָט איז ריין און גוט,
ליבט ער אַקער־אייזנס, ניט קיין שווערד,
און ער האַסט צו שמעקן מענטשן־אָפּפֿער בלוט,
וויל ער רעכט און שלום נאָר אויף ערד.

„אַפּאָלאָניוס! לאָזט נאָר רואיק אונז די ערד,
זי צו אַקערן אין שטילער פֿרייד,
קומט ניט מיט מלחמה־העלפֿאַנטן און פֿערד,
וועט פֿאַרזשאַווערן די שווערד אין שייד!“

1932

## 7

# יהודה המכבי ביינאַכט פאַר דער אַנטשיידענער שלאַכט ביי עמאוס

מי האיש הירא ורך הלבב ילך וישב
לביתו ולא ימס את לבב אחיו כלבבו.
(דברים, כ׳, ח׳)

נאָך אַ טאָג פון פאַסטן, וויינען און געבעט,
שטעלט די אידישע מיליץ זיך אויס
און מאַרשירט צום פיינט און קוקט אין נאַכט און זעט,
ווי עס איז זיין חייל שטאַרק און גרויס.

טרעט אַרויס יהודה אין אַ זאַק געקליידט,
און באַגייסטערט ליכטיקט זיין געזיכט,
ווי ער האַלט די ספר תורה אויסגעשפּרייט,
און עס פלאַמט זיין וואָרט ביים פאַקל־ליכט.

און עס שאַלט דער שופר און מען רופט באַלד אויס:
יעדער נאַר, וואָס פילט אין האַרצן שרעק,
זאָל ער פון די רייען אומגעזאַמט אַרויס
און אַהיים צו זיין געזינד אַוועק.

שרומפּט די מחנה איין, דאָך פייערדיקער נאָך
קעמפן דעמאָלט די פאַרבליבענע,
די געהייליקטע צו שטעלן זיך אין בראָך,
פאַר דער גאולה אָפּגעקליבענע.

און אויף הינטער־וועגלעך גנבענען זיך שנעל
אין פחדנות די צעלאָפענע —

גליקלעך, וואָס זיי בלייבן ביי דער גאַנצער פעל,
פון התלהבות ניט געטראָפּענע.

גליקלעך, וואָס זיי בלייבן מיטן ליבן גוף,
פון דעם שופר אַלץ דערווייטערטער,
ווען דאָס טרייע הייפל וואַרפט זיך אויפן רוף
אין דעם קריגס־פּלאַם אַלץ געלייטערטער.

אָ, מיין פאָלק! ווי שפּרייט דורך דורות זיך און שפּרייט
דער געלאַף פון די, וואָס פאַלן אָפּ,
ווען פון קריגס־פעלד רופט פאַרצווייפלט דער טרומייט
און דאָס הייפל לייגט אַוועק דעם קאָפּ.

אָ, מיין פאָלק! ווי פאַלט פון דור צו דור דער שטרייט
שווערער אַלץ אויף די פאַרבליבענע;
דאָך דער קאַמף גייט אָן, אין רוים און צייט באַנייט,
אַלץ מיט הייפלעך אָפּגעקליבענע.

1932

## 8

# יהודה המכבי צינדט אָן די ליכט

> און פון יענער צייט ביז איצט פייערן מיר דעם יום־טוב און מיר רופן אים ליכט. ווי איך דענק, דערפאַר, ווייל די פרייהייט, וואָס מיר האָבן ניט געקענט דערוואַרטן, האָט דעמאָלט אויפגעלויכטן פאַר אונז.
>
> פלאוויאוס, „אידישע אַלטערטימלעכקייטן“, 12, 7, 7.

אַז יהודה נעמט ירושלים איין,
איז מיט לייד די גרויסע פרייד געמישט,
ווען מען טרעט אין דער באַפרייטער שטאָט אַריין
און מען זעט, ווי לער זי איז און וויסט.

און מען גייט מיט פּאַלמען־צווייגן אין די הענט,
זינגענדיק מזמורים אין עקסטאַז,
און די בליקן זיינען אין דער הויף געווענדט —
זעט מען עס אַ טרזים, צי אַ מיראַזש?

זינגט מען הלל און מען גלויבט די אויגן ניט,
אַז די שטאָט איז טאַקע שוין באַפרייט,
אַז עס שטייט אַ וואַך אַ אידישע און היט,
און דער בית המקדש ווערט באַנייט.

און דאָס פאָלק פאַרזאַמלט זיך אין מקדש־הויף,
און יהודה צינדט אין נאַכט די ליכט;
גיסן זיך געזיכטער טויזנטער צונויף
מיטן ליכט פון פרייד אין איין געזיכט.

איז די נייע גאָלד־מנורה נאָך ניט גרייט,
און די אַלטע איז אַוועק אין בראָך,
שיינט אין פראָסטן אייזן־רער דער פּאָדים־קנייט
רירענד־ריין אַזוי און ריינער נאָך.

לוגט פון פעסטונג אַקראַ*) בייז דערביי דער פיינט,
שוועבט נאָך טויט־געפאַר פון יעדער זייט,
דאָך גאָטס ליכט איז אָנגעצונדן, און עס שיינט,
און עס לעשט זיך ניט אין אייביקייט.

און די דורות די נאָך ניט געקומענע
שטייען אומגעזעענע אויך דאָ,
ביזן סוף פון אַלע טעג באַנומענע
פון דעם וואונדער פון דער גרויסער שעה.

טוט דורך דורות ווייט דער וואונדער אַלץ געשעהן,
ברענט אַלץ אויף דאָס זעלבע ליכט און שיינט —
שענער פון דער שענסטער זעאונג אָנצוזעהן,
וואָס פאַרלעשן קען ניט קיין שום פיינט.

לויערט אַלץ אַרום דער אַלטער, בייזער פיינט,
שוועבט די טויט־געפאַר פון יעדער זייט,
דאָך דורך ווייטע דורות ברענט דאָס ליכט און שיינט,
און עס לעשט זיך ניט אין אייביקייט.

1932

---

*) אַ פעסטונג דעמאָלט אין ירושלים אין די הענט פון גריכישן גאַרניזאָן און די העלעניזירטע אידן.

9

# יהודה המכבי באַגינען פאַר דער שלאַכט ביי בית זכריה

ויהי בצאת השמש וזרח על מגני הזהב
ותנחשת, ויאירו פני ההרים, ומראיתם
כיקודי אש.

(חשמונאים א, ו׳. מא׳)

און יהודה ווייזט די וואונדער אַלץ און ווייזט
נאָך אין גרויסע שלאַכטן אייניקע —
ניט מיט חייל, ניט מיט כוח, נאָר מיט גייסט,
ניט מיט פילע, נאָר מיט ווייניקע.

רייסט זיך אַליין דער פיינט אין לאַנד אַריין און רייסט —
מיט דער שכנים־הילף דער גרויזאַמער;
שטאַרקט זיך אַליין יהודה שטאָלענער אין גייסט,
און זיין וואַגעניש זיין איינזאַמער.

קומען הונדערט צוואַנציק טויזנט קריגער שטאַרק,
הייבן אָן מיט טויט צו רעגענען;
שלייכט יהודה שטיל צום דורכגאַנג פון אַ באַרג,
ווייט פון שטאָט זיי צו באַגעגענען.

שלייכט ער שטיל אַ גאַנצע נאַכט מיט זיינע לייט,
און עס שלייכן מיט אין זיינע טריט
די דערוואַכטע גייסטער פון פאַרגאַנגנהייט,
וואָס זיי לויכטן אויף אין זיין געמיט.

גדעון רעדט זיך דורך מיט גאָט געהיים,
פֿאַר דער שלאַכט אַן אָפּגעזונדערטער;
שיקט ער צוויי־און־דרייסיק טויזנט מאַן אַהיים,
און ער קעמפּט נאָר מיט דריי הונדערטער.

יונתן, פֿון וואָפֿן־טרעגער נאָר באַגלייט,
וואַגט פֿאַר גאָט און יאָגט דעם פֿיינט אין שרעק;
קעגן ריז, וואָס לעסטערט, שטעלט זיך דוד גרייט,
און מיט שטיינדלעך לייגט ער אים אַוועק.

הערט אין זיך יהודה זייער העלדן־שטים,
ווי עס קלינגט נאָך דורכן אַלטן לאַנד;
און פֿון מדבר־באַרג טוט שטראַלן משה אים,
אויפֿגעהויבן הויך אין נאַכט די האַנט.

און באַגינען שטייט ער אין געבעט און זעט,
ווי אין בלאָ און גראָ פֿון נעבל־רויך
שיקט די זון איר ערשטן פֿלאַמען־עסטאַפֿעט
צו די בערג די כּמורנע אין דער הויך.

און אויף באַרג און טאָל אַנטפּלעקט זיך מיט אַמאָל,
אין איר גאַנצער גרויס, דעם פֿיינטס אַרמיי,
און עס פֿלאַמען קיווערס קופּערנע אָן צאָל,
ווי עס פֿאַלט דער שטראַל פֿון זון אויף זיי.

ברענען אַלע הערצער פֿון די קריגער ווילד,
מיט די אייזן־פּאַנצערס, אין איין פֿלאַם;
ברענט זון אויף יעדן גאָלד־ און קופּער־שילד,
טוקן זיך די בערג אין זונען־ים.

לויפן, בושעוועס די העלפאַנטן צערייצט,
יאָגן, כראַפּען קריג־צעהיצט די פערד,
און דער גאַנצער חייל וואַרפט זיך פלאַם־פאַרפלייצט,
און עס ציטערט אונטער זיי די ערד.

שטייט יהודה מיט זיין הייפל גייסט־באַהעלט,
רופט און שאַלט מיט שאַלן גרויליקע:
קעמפט נאָר בראוו, און גאָט זאָל טאָן ווי אים געפעלט!
הינטן איז די שטאָט די הייליקע!

אָ, מיין פאָלק! זייט איין־און־צוואַנציק הונדערט יאָר
רייסט זיך אַלץ דער פיינט אַזוי און רייסט,
און דאָס הייפל אונזערס קעמפט און ווערט זיך נאָר
נים מיט קראַפט מיט רויער, נאָר מיט גייסט.

שטייט דאָס הייפל אַליין יאָרטויזנטער אין שלאַכט,
ווייזט דער גייסט די וואונדער אַלץ און ווייזט —
ניט, אָ ניט, דער גייסט פון אומבאַזיגטער מאַכט,
נאָר די מאַכט פון אומבאַזיגטן גייסט!

1932

## 10

# יהודה המכבי נעמט אַ פּרוי. פֿאָלגנדיק די עצה פֿון גריכישן פֿעלדמאַרשאַל ניקאַנאָר — ער גייט זיך אָבער באַלד ווידער שלאָגן

ויראה יהודה כי שקטה הארץ וישמע
לקולו ויקח אשת ויראה בטוב נפשו.
(חשמונאים ב, יד׳, כז׳)

זע איך זיי אין ווייסער קלייד און הויכן מיץ,
פֿון מלחמה די פֿאַרמאַטערטע —
זקנים, כהנים, וואָס פֿילדערן מיט היץ,
ברעמען שווערע, בערד צעפֿלאַטערטע.

גרויסע שטאַרבער! דאָך פֿאַרשפּרעכט זיי נאָר דער גריך
רעליגיעז דעם יאָך צו מילדערן;
טוט מען אויס די שווערדן די פֿאַרהאַסטע גיך,
נעמט מען קעגן אויפֿשטאַנד פֿילדערן.

איז מען פֿון אנטיוכוס־גזרות שוין באַפֿרייט,
וויל מען מער אין קאַמף ניט קווענקלען זיך;
גייט יהודה אָפּ באַשיידן אָן אַ זייט,
קעגן שלום ניט צו שטעלן זיך.

טענהט איין מיט אים דער גריך, דער פֿעלדמאַרשאַל:
וואָס זשע וואַכט ער, אַ פֿאַרדעכטיקטער,
ווען די אומה, זיכער שוין פֿון איבערפֿאַל,
גאַרט נאָך אָפּרו נאָך באַרעכטיקטער.

וואָס ער לעבט, יהודה, שטרענג אין לאַגער נאָר,
פון אַ פרוי אַן אָפּגעזונדערטער,
און ער שטעלט ניט אויף נאָך זיך קיין העלדן־דור —
ער, דער גבור דער באַוואונדערטער!

און יהודה נעמט אַ פרוי און לעבט אין גליק;
דאָך אין ליבע־נעץ אין גליקלעכן
בלייבט נאָך וואַך זיין האַרץ און שאַרף זיין אָדלער־בליק,
גרייט צום רוף צום אויגנבליקלעכן.

לייגט דער גריך דער פאַלשער שווערער אַלץ זיין האַנט,
ברעכט דעם פרידן דעם פאַרשפּראָכענעם;
הויבט צום קאַמף יהודה ווידער אויף דאָס לאַנד,
אין זיין מוט זיין ניט־געבראָכענעם.

וואַרפט דער פעלדמאַרשאַל די מאַסקע שוין אַראָפּ,
לאָזט די זקנים ניט צעלויפן זיך,
און ער פאָדערט ווי אַ פּרייז יהודה'ס קאָפּ,
פון נקמה אויסצוקויפן זיך.

שווערט ער, קעגן מקדש הויבנדיק די האַנט,
ווי עס טוט זיין צאָרן פלאַקערן,
אַז ער וועט דעם טעמפּל אומשטירצן אין בראַנד
און דעם באַרג אַרום צעאַקערן.

וואַכט די נאַכט יהודה פאַרן שלאַכט־טאָג שטום,
פון גאָטס רוף אַ דורכגעדרונגענער,
הערט די שטימען פון פאַרגאַנגנהייט אַרום,
פון נבואה פון פאַרקלונגענער.

וואַכט וואו ווייט זיין פרוי און קוקט אַרויס צום וועג —
בליקן — גלוטן, צעפּ צעלאָזענע,
ברעכט די הענט און וויינט אויף אירע יונגע טעג,
אויף די טרוימען די צעבלאָזענע.

קומט דער אָנזאָגער צו איר מיט פרייד און שאַל
און דערציילט פון זיג פון הערלעכן,
ווי יהודה האָט צעקלאַפּט דעם פעלדמאַרשאַל
אין געראַנגל אין געפערלעכן.

און אַנטציקט און שטאָלץ, און פאַרבענקט און באַנג
טוט זי דעם נצחון פייערן;
ווייס זי דאָך אין האַרצן, אז זי וועט נאָך לאַנג
אים ניט זען, איר העלד איר טייערן.

ברענט אין אים איין לוסט — די פרייהייט, פלאַמען־גרויס,
זיין פאַרצערעריך און פירעריך;
קומט זי מיט דער לוסט נאָר אין צוזאַמענשטויס,
מוז זי בלייבן די פאַרלירעריך.

וועט דער קאַמף פאַר פרייהייט דער פאַרצויגענער
שטענדיק אים אַלץ מער פאַרשכורן,
און עס וועט איר אַדלער איר פאַרפלויגענער
לאַנג אין נעסט זיך ניט צוריקקערן.

## 11

# יהודה המכבי און דער „טאָג פון ניקאַנאָר"
# אין ירושלים

ואת ראש נקנור הוקיעו מול פני המצודה
לאות עולם כי הושיע ה' את עמו.
(חשמונאים ב, טו', מד')

וואַרטן אַלץ אין אַקראַ די פאַררעטער נאָך
אויפן פעלדמאַרשאַל דעם בלוטיקן,
אַז ער קומט באַלד ווידער מיטן ווילדן יאָך,
מיטן צאָרן מיטן גלוטיקן.

ווייזט זיך בלאָ זיין קאָפּ זיין טויטער פאַר דער וואַנט,
אויף אַ שטאַנג, פאַר די פאַרשלאָסענע,
ווי אַ גרויל־געשאַנק, פאַר זייער שמד און שאַנד,
פאַר בלוטן די פאַרגאָסענע.

קוקט פון הויכן שטאַנג דער אָפּגעהאַקטער קאָפּ,
מיט אַ חוזק מיט אַ שטשירענדן,
אויפן פחד פון די אַקראַ־לייט אַראָפּ,
אויפן פאָלק דעם טריאומפירנדן.

און יהודה קומט, אַ מילדער, ווי אַ טויב,
נאָך די שלאַכטן נאָך די העפטיקע —
ערשטער אין סכנה, לעצטער אין דעם רויב,
וואָס ער טיילט די נויטבאַדערפטיקע.

זע איך אים, דעם זוניקן, דעם זון פון זיג,
שטיל זיין הייסע תפילה ברומענדיק,

מיטן פאַרגעפיל פון נייעם גרויסן קריג,
וואָס ער זעט אין אַנגסטן קומענדיק.

זוכט ער גאַרנישט מיט זיין שווערד פאַר זיך אַליין
אין די קאַמפן אין די ברוויזנדע —
נישט קיין כהנס פורפור, נישט קיין קעניגס קרוין,
נאָר באַפרייאונג נאָר דערלייזנדע.

און ער זעט די טייכן בלוט, וואָס שטייען פאָר,
וואו ער בראָדזעט, דער באַפרייענדער:
איז אויף גרויסע אָפּער אַלץ נאָך גרייט דער דור
פאַר דער גאולה דער באַנייענדער?

ווי ער האָט אַ לאַנד אין חורבן אויפגעבויט
און אַ פאָלק געשמידט אין פייערן —
וועלן לאַנד און פאָלק, פאַרמאַטערטע ביז טויט,
צאָלן אַלץ דעם פרייז דעם טייערן?

## 12

# יהודה המכבי ראַטעוועט די הייליקע ספרים

כן עשה גם יהודה כי אסף את הספרים
אשר נפוצו ונפזרו בשערורית המלחמה
בארץ.

(חשמונאים ב, ב׳, טו׳)

לויפט יהודה דורך די אַנגסטן פאַר זיין דור,
דורך דער בייזקייט דער פאַרביסענער,
ווי אַ גאָט־געשיקטער וואונדער־מעטעאָר,
אין דער נאַכט דער אויפגעריסענער.

זוכט ער פאַרן פאָלק באַשיצער פון דער ווייט —
מיט די רוימער צו פאַרבינדן אים;
וועקט ער אויך פאַר אים די אַלטע העלדן־צייט —
מיט דער גבורה אָנצוצינדן אים.

זאַמלט ער די ספרים, וואו אַ דונער־שפּראַך
בליצט אין מיטן פון געוויטערן;
וואו גאָטס־וואָרט, געשפּראָכן דורך וואולקאַנען־קראַך,
טוט אין אַלטע פאַרמעטס ציטערן.

וואו ביים צדיקס שווערד אַנטפּלעקט זיך גאָט אין רום,
אין באַפרייאונגס־קאַמפן געטלעכע;
וואו אַרמייען גאַנצע קומען פאַרכטיק אום
דורך די אויסדערוויילטע עטלעכע.

זוכט ער זיי, די ספרים, היט פון חורבן אויס,
ראַטעוועט פון הענט פון גוישע;

שטייען אויף פון יעדן בלאַט אין פולער גרויס
די געשטאַלטן די העראָאישע.

און פון זיג צו זיג באַגלייט אים זייער קול,
מיטן קאַמף־רוף דעם פּאַטעטישן;
קלינגען באַרג און טאָל מיט עכאָס פון אַמאָל,
אויף זיין וועג דעם מאַיעסטעטישן.

קומט אויך ירמיה פאַר אים אין זעאונג איצט,
שוין ניט מער מיט קלאָג מיט ביטערן,
נאָר ער טראָגט אים צו אַ שווערד פון גאָלד, וואָס בליצט,
אַז די שונאים זאָלן ציטערן.

און דאָס טרוים־געזיכט אין זילבער־לאָקן שיינט,
און דאָס נביא־וואָרט טוט וואַרעמען:
נעם די שווערד, מיין זון, און שלאָג צוריק דעם פיינט,
און עס וועט זיך גאָט דערבארעמען.

1932

13

# יהודה המכבי און דאָס מלחמה־מידע פאָלק

„רצא נא את הקרבן הזה בעד עמך ישראל".
(חשמונאים ב, א׳, לג׳)

נעמט יהודה אָפּ נאָך יעדן זיג די ערד
פון פאַרכאַפּער פון דעם סירישן,
און ער ברעכט די מאַכט, מיט פייער און מיט שווערד,
פון משומד פון דעם גבירישן.

זוכט ער צו באַזעצן ווידער דאָרף און שטאָט
מיט די קינדער די פאַרטריבענע,
מיט אַן אומה — אַ געהייליקטע צו גאָט,
אין איר לייד אַן אויסגעקליבענע.

גארט זיין פויערשע מיליץ און שמאַכט אומזיסט
נאָך די נחלות די פאַרשפּראָכענע —
ברעכן שטיין־גרונטן, וואָס וואַרטן ווילד און וויסט,
זייט דור דורות ניט געבראָכענע.

בענקען הענט געזונטע נאָכן אַקער הייס,
נאָך דער קאָסע נאָך דער פרידלעכער —
ניט מיט בלוט זיך אָפּצוגיסן, נאָר מיט שווייס,
אין דער מי דער אונערמידלעכער.

דאָך אַרום די שכנים לויערן, ווי וועלף,
און די בלוט־פיינט אויף די גרענעצן,

און פון אַלע זייטן טראָגט אַ ווײַ־רוף: העלף! —
און אַן אָפּגרונט טוט רק גענעצן.

גייט יהודה פּעסט ביים אָפּגרונט אויפן ראַנד,
מיטן ווילן מיטן שטאָלענעם,
נאָך זיין פּלאַם־זעאונג פון אַ ישראל־לאַנד
און אַ פיינט אַ שטויב־צעמאָלענעם.

גייט ער, מיט זיין מלאך ביי דער רעכטער האַנט,
אויפן קאַמף־וועג דעם געפערלעכן —
אויפשטעלן אין אַלטן גבול ישראלס לאַנד,
און גאָטס־נאָמען צו פאַרהערלעכן.

ווערט ביים מידן פאָלק אַלץ שווערער דאָס געמיט,
וואָס דער קריג טוט לענגער דויערן,
און אַן אָפּגרונט גענעצט שוואַרץ אויף יעדן שריט,
און די בלוט־פיינט וואָלפיש לויערן.

און עס פאַלט שוין אויך ביים מוטיקסטן דער מוט,
וואָס דער טויט־שרעק טוט רק הויערן,
און די שטעט די פּוסטע גייען אָפּ מיט בלוט,
און די וויסטע פעלדער טרויערן.

גייט פאָרויס יהודה און ער שטאַרקט די הענט,
טראָגנדיק דעם פּלאַם דעם הייליקן,
ווען דאָס פאָלק דערפילט זיך אויסגעשעפּט צום ענד
פון דעם אויספרואוו פון דעם גרויליקן.

פילט יהודה, אַז וואָס־אַנדערש מוז געשען,
כדי דעם שטראַלן־ציל, דעם בלענדיקן,

אויפצוהאַלטן פאַרן פאָלק אין פולן ברען,
און די גאולה צו פאַרענדיקן.

זע איך אים, דעם גבור, ווי ביים סוף פון וועג
מוט די איינזאַמקייט אים פּייניקן,
ווען ער קוקט צוריק אויף זיינע טעג,
אויף זיין לעבן אויף זיין שיינינקן.

ווי ער זוכט דאָס האַרץ פון פאָלק אין גואל־צער,
גרייט, אַ קרבן אַ באַגערנדער,
אויפגיין אויפן אויסגעלאָשענעם אַלטאַר,
אין זיין ליבע זיין פאַרצערנדער.

קען ער מיט זיין לעבן שוין ביים פאָלק ניט מער
אויפהויבן דעם מוט דעם פאַלנדן,
וואַרפט ער אים זיין טויט אין פלאַמיקסטן באַגער —
אַ גבורים־טויט אַ שטראַלנדן.

1932

## 14

# יהודה המכבי׳ס טויט

> און ווען זיי האָבן אים געראַטן אָפּצו־טרעטן און ראַטעווען זיך, און ערשט ווען ער וועט אַלע זיינע לייט צוזאַמענעמען, זאָל ער דעמאָלט באַפאַלן דעם פיינט, איז זיין ענטפער געווען: „זאָל די זון ניט זען אַזאַ זאַך, אַז איך זאָל ווייזן דעם פיינט מיין רוקן“.
>
> יוסף פלאַוויאוס, „אידישע אַלטער־טימלעכקייטן“, 12, 11, 2.

ווען די ווינטער־וואָלקנס די צעפּלאָסענע
גייען שוין אַוועק מיט ליידיקן,
און עס זינגט די ערד אַן אָנגעגאָסענע,
אין איר אויפבלי אין איר פריידיקן —

קומט דער שונא אָן, מיט חורבן אין זיין טראָט,
אין דעם ניסן אין דעם פרוכטבאַרן,
גייט אַרויס יהודה קעגן אים פון שטאָט,
אין ניט־גלייכן קאַמף, אין פורכטבאַרן.

לייגט זיך, ווי אַ היישעריק, דער שונא אויס,
מיטן חייל דעם אומצאָליקן;
גייט יהודה, מיט זיין קליינער מחנה — גרויס,
מיטן קריגס־ברען דעם אַמאָליקן.

בלאָזט ער שופר, רופט דאָס פאָלק אויף, ווי אַמאָל,
מיטן אַלטן רוף, דעם מעכטיקן;
דאָך, אומזיסט, אומזיסט! עס בלייבט דער שטאָלצער קול
ניט דערהערט פון קנעכט פון נעכטיקן.

קריכט מען ווידער אין באַהאַלטעניש, ווי מייז,
אין אַן אימה אַ פאַרגליווערטער,
ווי דעם פיינטס אַ העלפאַנט טוט זיך נאָר אַ ווייז
און אַ קריגער אַ באַקיווערטער.

זע איך אים, דעם גבור, פאַרן פיינט אין פעלד,
פאַרן חורבן פאַרן רויבנדן —
מיטן צער פון גואל, מיטן שטאָלץ פון העלד,
מיטן חלום דעם פאַרבלייבנדן.

ווי ער קוקט פאַר זיך, די בליקן ווייט צעשפּרייט,
אויף זיין חייל דעם צעלאָפּענעם,
און ער בלייבט און שטייט, צו דער עקדה גרייט,
אויפן שלאַכט־פעלד אויפן אָפענעם.

איז אין ליכט פון זון אַזוינס נאָך ניט געשען,
אַז ער זאָל פאַר ווערמען ציטערן!
אַז דער שונא זאָל זיין רוקן ווען דערזען —
אויפן פעלד, אין קאַמף אין ביטערן!

וואַרפט ער אָפ די עצה פון די טרייסטע לייט —
פון צוריקטריט פון דערווייליקן,
און ער לאָזט זיך אויף זיין שטייגער באַלד אין שטרייט —
אין אַן אָנגריף אין אַן איילִיקן.

טרעט ער קעגן פיינט דעם מעכטיקן אַרויס
מיט אַכט הונדערט נאָר פאַרבליבענע —
קעגן קרעפטן — דרייסיק מאָל אַזוי די גרויס,
קריגער ווילדע, אָפּגעקליבענע.

אין היסטאָרישן, הויכן גבעון־טאָל,
אויף דער פרילינג־ערד דער קוואַליקער,
לויכט ער אויף, דער זוניקער, צום לעצטן מאָל,
מיט זיין גבורה מיט זיין שטראַליקער.

זוכט ער אין דעם טויט דעם רומפולן זיין גליק,
כדי דעם קריגס־ברען דעם פאַרשוואונדענעם
אויפצופלאַקערן אין האַרץ פון פאָלק צוריק,
אין עקסטאַז אין אַנגעצונדענעם.

האָט ער באַלד איין פליגל פון דעם פיינט צעקלאַפּט,
וואָס אַנטלויפט שוין אַ צעהאמערטער;
האָט דער צווייטער פליגל הינטן אים פאַרכאַפּט,
און ער בלייבט אַן איינגעקלאַמערטער.

זע איך אים, דעם גבור, ווי ער פלאַמט זיין שווערד
אין אַ רינג פון פיינט פון טויזנטער —
ווי אַ טאָג אַ גאַנצן ציטערט אַזש די ערד
אונטער אים אין שלאַכט אין ברויזנדער.

ברעכט מען שווערדן אין די טויזנטער אויף אים,
אויף זיין פאַנצער דעם צעשפּאָלטענעם,
און אָט ברילט צום לעצטן מאָל זיין לייבן־שטים
אין דעם טויט־רינג דעם פאַרשאָלטענעם.

וואו יהושע האָט דעם זון־גאַנג אָפּגעשטעלט
אין נצחון אין פאַרביטערטן,
לעשט זיך אויס די זון, און פינצטער ווערט די וועלט
פאַרן פאָלק דעם אויפגעציטערטן.

און עס פֿאַלט דער גבור מיט דער שווערד אין האַנט!
דאָך אין סוף אין שוואַרץ־פֿאַרהאנגענעם
לויכט ערשט אויף זיין אָנהויב פֿאַרן פֿאָלק און לאַנד,
אין עקסטאַז אין אויפֿגעגאַנגענעם.

ווי עס ווערט די אומה ווייט אין צייט געבויט
און דערהויבן הויך פֿון שטויביקייט,
פֿייערט ער דעם זיג פֿון לעבן מיט זיין טויט,
ביזן ווייטסטן דור אין אייביקייט.

1932

15

# דער קאַפּיטל קוף יוד טית

כמעט כלוני בארץ
ואני לא עזבתי פקדיך
(תהלים קיט׳, פז׳)

דער קאַפּיטל — קלאַנגען פֿון יהודה׳ס שטריט,
וואָס מען הערט אין קלויזן זיי אַמאָל
שבת אָוונט, אין פֿאַר־מעריבֿדיקער צייט,
דורכן חושך, פֿון אַ סומנעם קול.

זע איך זיך אין קלויז, אַ אינגל, שטיל, פֿאַרטראַכט,
אין דעם אומעט דעם צעגאָסענעם —
זיך בײַם טיש און זע די עדה, ווי זי שמאַכט
נאָכן שבת דעם פֿאַרלאָשענעם.

ווי מען פֿליט רק הין און הער פֿאַרבײַ דעם טיש,
פֿון דער וואַכיקייט דער קומענדער —
מענטשן, שאָטנס, אין אַ פֿינצטערן געמיש,
אין אַן עצבֿות אין אַ ברומענדער.

לאָזט ער פֿלוצלונג הערן זיך, דער סומנער קול,
מיט די פּסוקים די באַצויבערטע;
שײַנען אויגן אויף אין חושך מיט אַמאָל,
דורך די שאָטנס די צעשויבערטע.

ווי עס וואָלט אַראָפּ אַ פייערלעכע רו,
וואו פון אור־אַלט אַ פאַרטראָגענע:
ווי אַ ליכטיקייט וואָלט אויפגעגאַנגען וואו,
פון דער ווייט אַן אָפּגעשלאָגענע.

ווער האָט אָנגעצונדן מונטערקייט אין בליק
ביי די שמייאיקע און שמאַכטיקע?
ווער האָט אומגעקערט אַ יום טוב־זון צוריק
צו די וואָכיקע און נאַכטיקע?

האָט אַמאָל אַ פייער־וואָגן דורכגעבליצט —
ווייט אין אַזיע, אין אַ פלאַם־געברויז;
האָבן פונקען זיך פון אונטער אים צעשפּריצט
אַזש צו אונז אין דער פאַרשנייטער קלויז.

פליען זיי דורך איין און צוואַנציק הונדערט יאָר,
מיטן חלום מיטן שייניקן,
ווען עס ווערט אונז וויסט און פינצטער אויף דער וואָר,
און די בענקשאַפט נעמט אונז פייניקן.

פליען זיי מיט מיר פון ווייטער קינדהייט מיט,
שבת אָוונט אויפגעגאַנגענע;
פליט מיט זיי מיין האַרץ און מיטן האַרץ מיין ליד,
פון דעם סומנעם קול געפאַנגענע.

דער קאַפּיטל קוף יוד טית! ווי אין זיין ברען
טו איך אַלץ די אָנגעצונדענע
אויגן פון די דורות אין דעם חושך זען —
קיינמאָל־קיינמאָל ניט פאַרשוואונדענע!

וואו די מדבר־פעלזן פון יהודה׳ס שטרייט
קוקן הויל אין זון אין בלענדיקער,
קומט ער, דער קאַפּיטל, אויף — און בלייבט אין צייט,
ווי דער באַרג אין זון, אַ שטענדיקער.

טרייסט און טרויער — דער קאַפּיטל קוף יוד טית,
אַלץ דורך איין און צוואַנציק הונדערט יאָר,
דער ראָמאַנס פון דער געשיכטע און דער נס,
אָן קיין גלייכן, איינער־איינער נאָר.

1932

# די באַלאַדע פון יהודה בן צריפה און מתתיהו בן מרגלית און דעם גאָלדענעם רוימישן אָדלער *)

## און ווען הורדוס הרשע, פאַרגעלט פון יסורים,
## האָט געשטיקט זיך אין גרויסן, ווייס־מאַרמערנעם טורעם,

---

*) דער גאָלדענער אָדלער, וואָס הורדוס האָט אַרויפגעשטעלט אויפן גרויסן טויער פון בית המקדש, האָט באַליידיקט אויפן פיינלעכסטן אופן ניט נאָר די רעליגיעזע, נאָר אויך די נאַציאָנאַלע געפילן פון די אידן. דער רוימישער רויב־פויגל אויפן הויפט־אַריינגאַנג צום טעמפל, איז געווען ניט נאָר אַ סימבאָל פון געצנדינערײַ, נאָר אויך אַ סימבאָל פון קנעכטשאַפט צו רוים. רענאַן, וואָס נעמט אָפט די ראָליע פון הורדוסעס אַדוואָקאַט, וויל האָבן, אַז דער אָדלער איז צוגעקלאַפט געוואָרן נאָר צייטווייליק, צוליב אַ רוימישן יום טוב. אָבער יוסף פלאַוויאוס, וואָס דערציילט די געשיכטע אין די „אידישע מלחמות“ (2, XXXIII, I) און נאָך מיט מער פרטים אין די „אידישע אַלטערטימלעכקייטן“ (2, XVIII, X) גיט ניט קיין שום אָנדייטונג, אַז דער אָדלער איז אַרויפגעשטעלט געוואָרן נאָר צייטווייליק. הורדוס, דער קנעכט פון די רוימער און דער טיראַן פון די אידן, איז געווים דערמיט אויסן געווען צו צוחנפהנען זיך נאָך מער צו זיינע אויבערהערשער, די רוימער, און צו דערצאָרענען נאָך מער זיינע אונטערטאַנען, די אידן. דאָס איז פאָרגעקומען שוין אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן, ווען ער האָט געגוסס'ט פון אַ מיאוסער קראַנקהייט אויף זיין בעט פון עלפענביין (אין דער זעלבער וואָך האָט ער אויך באַוויזן צו דערמאָרדן אַ דריטן זון זיינעם). ער האָט שוין לאַנג אויפגעגעבן יעדע האָפענונג צו געווינען אַ ביסל פּאָפּולאַריטעט ביי די אידישע מאַסן, קעגן וועלכע ער איז געווען זייער פאַרביטערט. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס אידישע פאָלק האַסט אים מיט אַ טויטלעכן האַס, ווי אַ בלוטדורשטיקן דעספּאָט און ווי אַן „אַדומי“, וואָס האָט פאַרטיליקט די חשמונאים און פאַרכאַפּט מיט דער רוימישער הילף זייער טראָן.

און אַזוי איז אויך געווען מיט די מטבעות, וואָס הורדוס האָט אַרויסגעלאָזן פאַר ארץ ישראל — נאָר קופּערנע, ווייל גאָלדענע און אַפילו זילבערנע האָבן די רוימער ניט דערלויבט. אין די ערשטע יאָרן

האָט געפּוילט אויפֿן עלפֿענבייןבעט און געפּלאַטערט,
אונטער פּורפּור און קרוין, פֿון קאַשמאַרן געמאַטערט,
האָבן ביידע באַרימטע דרשנים באַנומען,
אַז די הייליקע שעה איז געקומען.

און ווען גאַנץ ירושלים, פֿאַרטייעט אין אימה,
האָט געוואַרט אויף זיין סוף און אויף בשורות געהיימע,
און געפֿלאַמט אונטערערדיש פֿון נייעם פֿאַרברעכן,

---

האָבן זיינע מטבעות ניט געהאַט קיין געצנדינערשע און קנעכטישע סימבאָלן, אָבער אין די לעצטע יאָרן האָבן שוין אויך זיינע מטבעות געהאַט אויף זיך אַ רוימישן אָדלער.

יוסף פֿלאַוויאוס, וואָס האָט געלעבט מיט אַ יאָר 50 שפּעטער, רעדט מיט פֿיל באַגייסטערונג וועגן יהודה בן צריפה און מתתיהו בן מרגלית, וואָס האָבן געוואגט אויף אַזאַ רעוואָלוציאָנערער טאַט קעגן הורדוסן און קעגן רוים, ווייסנדיק גאַנץ גוט, אַז זיי שטייט פֿאָר אַ שרעקלעכער מאַרטירער־טויט. פֿלאַוויאוס שילדערט זיי ווי וואונדערלעכע דרשנים און ראשי ישיבות, גרויסע געלערטע אין דער תורה און קריסטאָל־ריינע נשמות, וואָס האָבן געהאַט אַ גוואַלטיקן איינפֿלוס אויף דער יוגנט. און אָט־די יוגנט האָבן זיי אויפֿגעפֿלאַמט אין מיטן העלן טאָג אַראָפּצוהאַקן און צו צעשמעטערן דעם רוימישן אָדלער. די צוויי דרשנים האָבן זיך געקענט אין דער בהלה ראַטעווען פֿון דעם חיל, וואָס איז באַלד אָנגעקומען. זיי האָבן דאָס אָבער געהאַלטן פֿאַר צו נידריק — צו שיקן אַנדערע צום טויט און אַליין צו באַהאַלטן זיך.

און ווען מען האָט זיי געבראַכט פֿאַרן צערייצטן דעספּאָט און ער האָט דערזען זייערע גליק־שטראַלנדע פּנימער, איז ער געוועזן דערשטוינט. האָבן זיי אים געזאָגט, אַז שטאַרבן מוז דאָך יעדער מענטש, און איידער צו שטאַרבן אויפֿן בעטל פֿון קראַנקהייטן, איז דאָך שענער צו שטאַרבן מיט אַ רומפֿולן, הייליקן טויט.

הורדוס האָט זיי פֿאַרברענט לעבעדיקערהייט. 40 פֿון זייערע תּלמידים האָט ער אָפּגעהאַקט די קעפּ. פֿלאַוויאוס דערציילט, אַז אין יענער נאַכט איז געווען אין ארץ ישׂראל אַ לקוי לבנה. לויט אַסטראָנאָמישע אויסרעכענונגען, איז דאָס פֿאָרגעקומען דעם 13טן מערץ, אין פֿערטן יאָר פֿאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג.

א. ליעסין.

וואָס ער וואגט פאַרן טויט אויף דעם מקדש פאַרשווערן,
גייען ביידע דרשנים, אין טרויער געבויגן,
דאָס אומגלויבלעכע זען מיט די אויגן.

און ווען הורדוס האָט בייז, מיטן לעצטן פונק לעבן,
די באַפעלן די בלוטיקע אַלץ נאָך געגעבן,
און עס האָט אַרום מקדש געשווירבלט מיט שפּיאָנען,
און געלויערט, ווי וועלף, האָבן רוימער־לעגיאָנען,
זיינען ביידע דעם טויט־שרעק אַנטקעגן געגאַנגען,
עקזאַלטירט פון וואונדער־פאַרלאַנגען.

און דערשיינט זיי דער אָדלער דער רוימישער ענדלעך,
אויפן טויער פון מקדש געשטעלט אַזוי שענדלעך,
און ער גלאַנצט אין טריאומף און ער שטייט פאַר דער אומה,
ווי אַ סימבאָל פון קנעכטשאַפט, פון מאָרד־לוסט און טומאה,
האָבן ביידע אין צאָרן די הענט אויפגעהויבן
צו דער גאָלדענער שענדלעכקייט אויבן.

און ווען פייערדיק האָט זייער רוף זיך צעטראָגן:
זאָל דער רויב־פויגל ווערן אַרונטערגעשלאָגן! —
האָבן בראַוו זיך ביים טויער פון מקדש באַוויזן
גאַנצע מחנות תלמידים מיט העק און מיט שפּיזן.
און נאָך איידער די וואַך האָט געשטעלט זיך אַנטקעגן,
איז דער אָדלער צעשמעטערט געלעגן.

און ווען הורדוסעס חייל נעמט רעכטס און לינקס שפּאַלטן,
און מען פּרוּווט אין געדרענג די צוויי פירער באַהאַלטן,
קומען ביידע אַרויס, מיטן שטאָלץ מיטן שטרענגן,
זיך אַליין פאַרן קרבן דעם ערשטן צו ברענגען:
איז ניט רעכט דאָך אין פייער דעם אַנדערן טרייבן
און אַליין אין פאַרבאָרגעניש בלייבן!

און ווען הורדוס נעמט ביידן זיי פייניקן פינצטער,
איז פאַר זיי אין עקסטאַז יעדער פּיין אַ געווינשטער,
און זיי ענטפערן פעסט, אַז ניט הורדוסעס ווילן,
נאָר דעם ווילן פון גאָט דאַרף מען מוטיק דערפילן,
און אויב שטאַרבן, איז שיין — מיט אַ טויט מיט אַ וואוילן,
איידער העסלעך אין קראַנקן־בעט פוילן.

און ווען הורדוס האָט ביידען פאַרברענען געהייסן,
נעמען ביידע דאָס אויף ווי אַ זכות ווי אַ גרויסן,
און זיי גייען צום פייער־טויט שטאָלצע און שטילע,
און דער פלאַם איז פאַר זיי ווי אַ הייליקע טבילה,
בעת דער דעספּאָט וועט לאַנג אין זיין קראַנקן־בעט ברענען,
און פאַרברענט ווערן וועט ער ניט קענען.

1931

## ביים ים גינוסר

(אַ פראַגמענט פון אַ גרעסערער פּאָעמע „יהודה הגלילי״)

אונטן בלאָע ים און היגל,
און די בלאָע הימלען אויבן;
גייט מען אויפן וואַסער־שפּיגל,
ווי אויף ערד, אין קראַפט פון גלויבן —
אויפן וואונדער־ים גינוסר,
אין באַגייסטערונג אין גרויסער.

און אַרום — אַלץ אומגעריכטער
זינקט אין ליכטער יעדער טראַט,
און אַ לעבן — ריין און ניכטער,
אָנגעטרונקען נאָר מיט גאָט.

הינטער וואַרשטאַט, הינטער אַקער,
הינטער נעצן אויף די ברעגן,
שטייען, שמאַכטן, פול מיט פלאַקער,
וואַרטער פון גאָטס נאָמען וועגן,
און זיי זוכן אין די הויכן
דעם געגאַרטן הימל־צייכן.

העל־זעער, אין ווייסע ליינען,
און פון טבילות פייכטע האָר,
פריידיקן אויף בערג און שיינען
אין חלומות אויפן וואָר.

בלאָע הימלען, בלאָע היגלען,
און דער בלאָער ים־כינוסר;
שוועבט אַ טרוים אויף בלאָע פליגלען
אין דער לויטערקייט דער גרויסער,
וואו אַמאָל נביאים זיינען
אומגעגאַנגען אין די שיינען.

ווערט דאָס שווערסטע טרוים־באַוועגלעך,
ווערט דאָס ווייטסטע — נאָענטקייט,
און אוממעגלעכעס ווערט מעגלעך
אין דער גרויסער לויטערקייט.

1931

# יהושע בן חנן*)

**פון וואַנען נאָר האָט זיך גענומען דער גרייז!**
**ער האָט, ווי אַ וואונדער, געטאָן זיך אַ ווייז**
**אין הויף פון דעם מקדש, אין גאַס און אין מאַרק;**

---

*) יוסף פלאוויאוס דערציילט וועגן דעם אין די „אידישע מלחמות" (3, V, VI). פלאוויאוס רעכנט אויס פאַרשיידענע שרעק־צייכנס, וואָס מען האָט געזען פאַרן צווייטן חורבן (די שווערע, מעשענע טויערן פון בית המקדש, וואָס צוואַנציק מענטשן פלעגן זיי מוזן עפענען, האָבן זיך פּלוצלונג אַליין אויפגעעפנט; פאַרנאַכט, איבער ירושלים, האָבן זיך באַוויזן אין די וואָלקנס רייטוואָגנס און אַרמייען פון באַפּאַנצערטע קריגס־לייט; ביינאַכט, אין בית המקדש, האָבן די כהנים דערפילט אַן ערד־ציטערניש און דערהערט אַ גרויסן טומל פון פיל שטימען, אויסרופנדיק: לאָמיר אַוועק פון דאַנען, א. אַז. וו.). דאָס שרעקלעכסטע איז אָבער געווען, וואָס סוכות צייט איז פון ערגעץ־וואו דערשינען אויף די גאַסן פון ירושלים אַן אומבאַקאַנטער, אַ מענטש פון פאָלק, מיטן נאָמען יהושע בן חנן, און ער האָט גענומען אַרויסזאָגן די פּאַרכטיקע אויסגעשרייען, וואָס ווערן ציטירט אין דער פּאָעמע. טאָג און נאַכט איז ער אומגעגאַנגען איבער די גאַסן און גערופן זיין וויי־רוף. דאָס איז געשען אַ יאָר פיר פאַרן גרויסן אויפשטאַנד. דער רוימישער פּראָקוראַטאָר האָט אים אַרעסטירט און געגעבן אַזעלכע שמיץ, אַז די ביינער האָבן אַרויסגעטאַרטשעט פון צעריסענעם פלייש. ער האָט אָבער קיין איין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. ער פלעגט נאָר נאָך יעדן שמיץ אויסרופן: „אוי וויי דיר, ירושלים!". מען האָט אים צום סוף פריי געלאָזן. און אַזוי איז ער געגאַנגען איבער ירושלים העכער פון זיבן יאָר, אַרויסזאָגנדיק אַלץ זיינע אויסגעשרייען, און ער איז קיינמאָל נישט מיד געוואָרן, און זיין שטים איז קיינמאָל נישט הייזעריק געוואָרן. ווען די באַלעגערונג האָט זיך אָנגעהויבן, איז ער גלייך אַרויף אויף די מויערן־ווענט און אויסגעשריען נאָך פּאָרכטיקער זיין וויי־געשריי, ענדיקנדיק שוין: „אוי וויי

גאָטס האַנט איז געווען אויף אים אַזוי שטאַרק,
זי האָט, ווי אַ ווינט, אים געטראָגן אַהער,
פון פאַרכטיקער זעאונג פאַרפאָלגט אַזוי שווער.

ער האָט זיך אַנטפלעקט פאַר די מענטשן אַרום,
אַ צייכן פון גאָט, אַזוי פלוצלונג און שטום —
מיט באָרוועסע פיס, מיט אַ וועקסן געזיכט,
אין קודלעס אין ווייסע באַוואָקסן געדיכט.
אַ זאַק אויף די לענדן פאַרבונדן מיט שטריק,
און אַלץ־אַלץ פאַרצערנדיק פייער אין בליק.
ער האָט ניט גערעדט מיט נביאישן ברען,
ווייל גרויס איז דער ווייטיק פאַר ווערטער געווען.
ער האָט ניט גערופן צו תשובה און שטראָף,
ווייל אויפגעדעקט האָט ער געזען שוין דעם סוף.
ער פלעגט זיך פאַרביי־טראָגן גיך, אַזוי גיך,
און קיינעם ניט זען, נאָר די שרעק־וועלט אין זיך,
און פלעגט ער ניט אויסהאַלטן מער שוין דעם וויי,
דאַן פלעגט זיך אַ ריס טאָן פון אים אַ געשריי,
און גרויליק פלעגט הילכן זיין יאָמער און גרויס,
אַ דונער פון פינצטערן וואָלקן אַרויס:

„פון מזרח און מערב אַ קול!
„פון אַלע פיר זייטן אַ קול!
„אַ קול אויפן מקדש, אַ קול אויפן פאָלק!
„אַ קול אויפן חתן, אַ קול אויף דער כלה!
„אוי וויי צו דיר, ירושלים!"

---

איז אויך צו מיר אַליין!" און באַלד האָט אים אַ שטיין פון אַ רוימישער שלידער־מאַשין געטראָפן אין קאָפּ, און אײדער נאָך זיין אויסגעשריי האָט דורכגעהילכט, איז ער שוין געלעגן, צווישן די אידישע קריגער, טויט.

א. ליעסין.

און שיין אין פאַרגיין איז די הויפּט־שטאָט געווען,
אַזוי ווי די זון אין פאַרנאַכטיקן ברען.
זי האָט אַזוי פלאַמיק אויף בערג זיך צעשפּרייט,
אין מאַרמער געפלאַמטערט, אין טורעמס געקליידט —
די איינציקע־איינציקע שטאָט אויף דער וועלט,
וואָס האָט קעגן מעכטיקן רוים זיך געשטעלט.

און שיין האָט געשטראַלט אין פאַרגייאיקער גלוט
דער רוח הקודש, וואָס דאָרט האָט גערוט —
דער פריי־גייסט, וואָס האָט זיך פאַר רוים ניט געבוקט
און שטאָלץ אויף דער וועלט דער פאַרשקלאַפטער געקוקט.

און איבער די מאַרמערנע גאַסן אַליין,
אַליין מיט זיין שטומקייט אין ברום פון המון,
האָט פינצטער דער נביא דער לעצטער געשפּרייזט,
אַ וואָלקן געיאָגט פון אַ זעאיקן גייסט.
און שפּלער האָט זיך דער סוף אים אַנטפּלעקט,
וואָס שטאָלצער מען האָט זיך מיט לאָרבער באַדעקט;
און פינצטערער האָט ער דעם חורבן געזען,
וואָס שענער די פּראַכט פון פאַרגיין איז געווען.
און פלעגט זיך די זעאונג אים אויפדעקן קלאָר,
דאַן פלעגט ער זיך אָנכאַפּן ווילד פאַר די האָר
און לויפן, געטריבן פון פאַרכטיקן בילד,
און וויינען מיט קולות באַנומענע ווילד:

„פון מזרח און מערב אַ קול!
„פון אַלע פיר זייטן אַ קול!
„אַ קול אויפן מקדש, אַ קול אויפן פאָלק!
„אַ קול אויפן חתן, אַ קול אויף דער כלה!
„אוי וויי צו דיר, ירושלים!"

און זוניק ביים פאָלק האָט צעשפּילט זיך דאָס בלוט,
עס פלאַקערט די הויפּט־שטאָט מיט גלוט־רויטן מוט,
מיט מאַסן גבורים צום העלדן־קאַמף גרייט,
וואָס שווערן די שבועה די גרויסע פון טויט —
צו שטיין ביזן סוף און ניט אויסטאָן די שווערד,
ביז פריי וועט ניט ווערן די אידישע ערד.

און אָט אויף די ברוזיקע פּעסטונגען־ווענט,
וואו רויט הענגט אין לופטן די שבועה און ברענט,
באַווייזט זיך דער זקן, דער פינצטערער, שטום,
פאַרפלייצט פון די כוואַליעס פון קריגער אַרום;
עס בלאַנדזשעט זיין בליק אין דער ווייט, אין דער הויך,
ער קוקט אויף די בערג מיט די דערפער אין רויך.
ער קוקט אויפן פיינט וואָס גענענט זיך, גייט —
אַ לאווע פון חורבן, אַ לאווע פון טויט;
ער קוקט אויפן מקדש, ער קוקט אויף דער שטאָט,
ער ווענדט זיינע בליקן צום הימל, צו גאָט.
און יאָמערלעך ברעכט אים אַרויס אַ געוויין,
דאַן פליט פון אַ וואַרף־מאַשין ריזיק אַ שטיין —
דעם פיינטס ערשטער שאָס פייפט אַדורך אַזוי ווילד,
אין האַרץ פון דעם נביא דעם לעצטן געצילט.
און פאַלט ער, דער נביא, אויף אייביק פאַרשטומט,
הילכט הויך נאָך אין לופטן זיין יאָמער און ברומט:

„פון מזרח און מערב אַ קול!
„פון אַלע פיר זייטן אַ קול!
„אַ קול אויפן מקדש, אַ קול אויפן פאָלק!
„אַ קול אויפן חתן, אַ קול אויף דער כלה!
„אוי וויי צו דיר, ירושלים!"

ניו יאָרק, 1921.

# רבי עקיבא

דער אויפשטאַנד איז דערשטיקט, בר־כוכבא איז שוין טויט,
דער לעצטער שטראַל יהודה׳ס טונקלט און פאַרגייט.

די לעצטע פעסטונג ביתר פאַלט אין בלוט דערטרונקען;
עס ליגט דאָס גאַנצע לאַנד צום דעספּאָטס פוס געזונקען.

עס טראָגט דער אָדלער רוימס פאַרוויסטונג, טויט און בראַנד;
עס פאַלט אַרויס די שווערד ביים מוטיקסטן פון האַנט.

דער שוואַכער און דער שטאַרקער לויפן זיך באַהאַלטן
אין וועלדער און אין היילן און אין פעלזן־שפּאַלטן.

עס בלייבט נאָר רבי עקיבא — איינער נאָר אין פעלד;
עס לויפט ניט פאַרן פיינט דער אַלטער תנא־העלד!

עס קומט צו גיין דער פיינט און נעמט דעם גרייז געפאַנגען;
עס הייסט דער רשע רופוס רייסן אים מיט צוואַנגען.

דאָך רואיק קוקט דער גרייז ביים תליון אין די הענט,
און ווילד און ווילדער אַלץ דעם רשעס כעס ברענט.

„די ערגסטע, שווערסטע מיתה!״ — איז ער פינצטער גוזר —
„יהודה׳ס גרעסטן מאַן זאָל זיין דער טויט וואָס בייזער!״

דאַך מונטער קוקט דער גרייז; עס רייסט דער צוואַנג פון אים
קיין איינציק וואָרט אַרויס, קיין קרעכץ ניט און קיין קרים.

נעמט קאַמען אים דער תליון, פון נקמה שיכור,
מיט קאַמען אייזערנע, און פליקט זיין לייב אויף שטיקער.

דאַך פרייליך קוקט דער גרייז, און שטראַלט מיט גליק און שיינט;
דער תליון איז צעמישט, נשתומם בלייבט דער פיינט.

און אויך אַפילו רופוס קוקט אים אָן דערשראָקן,
דעם בלוטענד־שטראַלענדן, צעפליקטן וואונדער־זקן.

„ווער ביסטו, שטאָלצער מענטש, ווער ביסטו אַלטער, רעד!
צי ביסטו אַ מכשף אָדער גאָר אַ שד"?

און מיט אַ מילד־אַנטציקטער, הימלש־העלער מינע,
געלייטערט אין דעם טויט־שמערץ, ליכטיק ווי די שכינה. —

דער תנא טוט אַ בליק, און ווי אַ שטילער שיין,
גיסט הייליק זיך זיין וואָרט אין האַרטסטן האַרץ אַריין:

„קיין שוואַרצן כישוף, רופוס, שוואַרצע שדים־טומאה,
געפינסטו ניט אין מיר, געפינסט ניט אין מיין אומה!

„אָ, ניט די גיהנם־גלות, אַן אַנדער־אַנדער גלוט
פלאַמט־דורך מיין לעצטע שעה, מיין לעצטן טראָפּן בלוט!

„עס גליט אין מיר דער וואונטש, עס פלאַמט אין מיר דאָס שטרעבן
אין קדושה פאַר דעם שם מיין נפש אָפּצוגעבן.

„איך האָב אויף דעם געוואַרט אַ גאַנצן לעבן לאַנג,
געטרוימט פון אַט דער שעה, פון תליון און פון צוואַנג.

„געוואָלט האָט אָבער גאָט באַלאָדן מיך מיט יאָרן,
צו מאַכן מיך דעם עדות פון זיין גרויסן צאָרן.

„איך האָב געזען דעם חורבן אונטער טיטוס' האַנט;
איך האָב געזען דעם מקדש קראַכענדיק אין בראַנד.

„איך האָב מיין פאָלק געמונטערט, דאָך אין האַרצנס־ברומען
גערופן צו דעם טויט. דער טויט איז ניט געקומען!

„איך האָב געזען אין רוים דעם זיג־טריאומף און גלאַנץ,
דעם מחבל פון מיין פאָלק געקרוינט אין לאָרבער־קראַנץ.

„עס האָבן אַלע זקנים וויסט די הענט פאַרבראָכן;
איך איינער האָב געשמייכלט, שטאַרק אין מיין בטחון.

„דאָך האָב איך טיף געפילט, ווי שענדלעך איז דער מוט
צו בלייבן לעבעדיק אין ים פון קדושים־בלוט.

„איך האָב געזען די חורבות אויף דעם הר־הבית,
איך האָב געזען אין מקדש וואוינען ווילדע חיות;

„עס האָבן אַלע זקנים יאָמערלעך געקלאָגט;
איך איינער האָב געשמייכלט, טרייסט־ווערטער געזאָגט.

דאָך האָב איך טיף געפילט אַ קנאה צו די שטיינער,
וואָס ליגן אויסגעמישט מיט די קדושים־ביינער.

„גאָטס ווילן איז געווען! איך האָב געלעבט, געלעבט,
ווען טויזנט טויטן האָבן איבער מיר געשוועבט.

„איך האָב געלעבט צו זען דעם בלוט־מאַרשרוט דעם רויטן
דעם וועג פון גלות־פאָלק, וואָס רייסט זיך פון די קייטן.

„איך האָב געלעבט צו זען בר־כּוכבא'ן און זיין קאַמף
און ווי מיין פאָלק גייט אויס אין לעצטן פרייהייט־קראַמף.

„איך האָב גערעדט צום פאָלק, געוועקט זיין גלויבן, האָפן,
ווען ענדלעך האָט מיך דאָ דער תּליון אָנגעטראָפן.

„אָ, זיי געגריסט, דו תּליון, זיי געגריסט, דו לייד,
איך האָב אויף אייך געוואַרט, איך נעם אייך אויף מיט פרייד!

„אָ, זיי געגריסט, דו מיתה, זיי געגריסט, באַשערטע,
איך גיב זיך איבער דיר, געווינטשטע און באַגערטע!

„וואָס הער איך, לוויים־קלאַנג — עס זינגט צו מיר און שאַלט!
וואָס זע איך, לבנון־שניי — עס בליצט פאַר מיר און שטראַלט.

„דאָס רופט מען מיך, איך גיי, דערפילט איז מיין פאַרלאַנגען,
געבענטשט זיי גאָט, אחד!" — דער גרייז איז אויסגעגאַנגען.

ניו יאָרק, 1907.

# רבי יהודה בן בבא

שפעם אחת גזרה המלכות גזרה על ישראל שכל הסומך יהרג, וכל הנסמך יהרג, ועיר שסומכים בה תיחרב ותחומיו שסומכים בהן יעקרו. מה עשה רבי יהודה? הלך וישב לו בין שני הרים גדולים, ובין שתי עירות גדולות, ובין שני תחומי שבת, בין אושא לשפרעם, וסמך שם חמשה זקנים... כיון שהכירו אויביהם בהם, אמר להן: בניי, רוצו! אמרו לו: רבי, מה תהא עליך? אמר להן: הריני מוטל לפניהם כאבן שאין לה הופכים. אמרו, לא זזו משם, עד שנעצו בו שלש מאות לונביאות של ברזל ועשאוהו ככברה. (סנהדרין, יב׳)

דעם בית המקדש האָט דער צורר לאַנג פאַרברענט שוין,
און נאָכדעם אויך דעם בית המדרש וויסט געמאַכט;
די בליטן פון כהונה האָט ער לאַנג פאַרלענדט שוין,
און ניט געשטילט נאָך — די חכמים אויסגעשלאַכט.
פון טויזנט וואונדן בלוטעט גוססדיק די אומה,
און טויט־צו־שטיקן איז זיין האַנט נאָך אויסגעשטרעקט,
ניט האָבן זאָל די אומה אויך אין גייסט קיין תקומה,
זי זאָל פון אונטער הימל ווערן אָפּגעמעקט.
און ס׳גייט אַרויס די גזרה: צאָלן מיטן לעבן
זאָל דער, וואָס דרשנט תורה, לערנט זי, פאַרשפּרייט!
צעשטערט זאָל זיין די שטאָט, וואו סמיכה ווערט געגעבן!
פאַר סמיכה געבן — טויט! פאַר סמיכה נעמען — טויט!

לאַכט ביטער רבי יהודה: טויט פאַר סמיכה געבן!
די סמיכה־געבער זיינען אַלע שוין אין גרוב;
פון אַלע רבי'ס ביסטו נאָר געבליבן לעבן —
אַ זקן שוואַך, וואָס קען קוים איבערגיין די שטוב.
טאָ שטאַרק זיך, שוואַכער זקן, שטעל זיך ווי אַ טורעם!
עס קומט שוין אויך דיין שעה, מאַך פאַרטיק זיך צום טויט,
צום אויסדערוויילטן טויט, געליטערט אין יסורים,
וואָס ווערט פון גאָט פאַר זיינע ליבסטע אָנגעגרייט —
ווי רבי ישמעאל, לעבעדיק די הויט געשונדן!
ווי רבי עקיבא, שטיקערווייז צעפליקט פון קאָם!
ווי רבי חנינא, נאָס אין וואָל דאָס האַרץ פאַרבונדן,
פאַרהילט אין ספר תורה, לאַנגזאַם ברענט אין פלאַם.

* * *

און צווישן צוויי שטעט, אין העלפט וועג, מיטאַמאָל
באַווייזט זיך דער תנא, דער זקן;
און צווישן צוויי בערג, אין דער טיף פון אַ טאָל,
צעשאַלט זיך זיין רוף אומדערשראָקן.

און ס'גייען צו אים זעקס תלמידים אַוועק,
פון צייטן פון גרויסע די גרעסטע;
זיי גייען אַנטקעגן דעם פינצטערן שרעק,
אַזוי ווי די בערג־פעלזן, פעסטע.

ער לייגט אויף די ליכטיקע קעפּ זיי די הענט,
ער גיט זיי סמיכה — אָן מורא —
צו פלעכטן אַליין ווייטער און ווייטער אָן ענד
די שטראַליקע קייט פון דער תורה.

מען זינגט זיי קיין לויב ניט מיט פּאַקל און טאַנץ,
ווי זיין פלעגט דער מנהג פּאַרצייטן,
ווען אויפנעמען פלעגט מען דעם מוסמך מיט גלאַנץ.
דעם שטרייט פון דער תורת צו שטרייטן.

עס רעדט נאָר דער זקן; ער היילִיקט זיי, ריין
צו האַלטן די גרויסע ירושה.
און צווישן די הענגענדע מאַסן פון שטיין
צעטראָגן זיך פלאַמען פון קדושה —

די פלאַמען, אויף וועלכע עס זיינען געשמידט
די שטאָלענע פורעמס געוואָרן,
וואָס האָבן די אומה באַוואָרט און באַהיט
דורך טויזנטער נע ונד יאָרן.

נאָר פלוצלונג בלאַנקט אַדורך וואו, ווי אַ פייל פון בויגן,
אַנטקעגן אויפן באַרג אַ מענטשלעכע פיגור;
דעם זקנס פּנים ווערט מיט פינצטערניש פאַרצויגן:
„לויפט קינדער, לויפט! דער צורר איז אויף אונזער שפור!"
און ווילן זיי ניט לויפן אָן דעם אַלטן רבין,
באַפעלט ער זיי און יאָגט צו פליען פון געפאַר:
„צו שוואַך שוין זיינען מיר די פיס, צו אַלט מיין לעבן,
איך בלייב דאָ פאַרן שפיז, פון הימל איז דער גזר.
לויפט שנעלער, קינדער מיינע, לויפט איר יונגע לערער!
ישראלס האָפענונג קען אויפגיין נאָר פון אייך!
און איך, אָט ווי אַ שטיין, וואָס האָט ניט איבערקערער,
וועל ליגן פאַרן רשע." — און ער לייגט זיך גלייך.

און באַלד שוין האָט זיך אויפן באַרג דער פיינט באַוויזן,
דריי הונדערט ווילדע רייטער יאָגן אין גאַלאָפּ.

עס בליצן קעגן זון דריי הונדערט לאַנגע שפּיזן
אַט לאָזן זיי זיך גרוויזאַם פון דער באַרג אַראָפּ.
און שטיל אין וועג זיי ליגט דער זקן אויסגעצויגן,
אין הייליקן עקסטאַז, און בליקט פאַר זיך און זעט,
ווי די תלמידים שווינדן מער אַלץ פון די אויגן,
און זיינע ליפּן פליסטערן אַ דאַנק־געבעט:
אַנטרונען ווערן זיי, די יונגע תורה־ריזן,
און ווייטער שטראַלט די קייט אין אייביקייט אַרויס...

* * *

באַלד שטעכט מען דורך זיין קערפּער מיט דריי הונדערט שפּיזן,
און ווי אַ זיפּ, צעלעכערט גייט דער צדיק אויס.

ניו יאָרק, 1920.

# די ליכט-בענטשערין

(אַ בילד פון די גזרות פון די פייער־דינער אין בבל *)

**שוין רויטלען אין פאַרנאַכט די הייזקעלעך פון ציגל,**
**שוין שפּילט מיט פונקען טויזנטער דער וואַסער־שפּיגל,**
**אָט וועט אַ גלאַנץ טאָן דימענטיק אַ שטערן וואו —**

---

*) אין אַמאָליקן בבל פון תלמודישן פּעריאָד האָבן געוואוינט גרויסע צאָלן אידן. דאָס לאַנד צווישן די טייכן פרת און חדקל איז געווען דורכגעשניטן פון קאַנאַלן, באַדעקט מיט פּאַלמען, און זייער פרוכטבאַר. אין די שטעט (געבויט פון ציגל, וואָס אידן פלעגן אויסאַרבעטן), אויף די ברעגן פון די טייכן און קאַנאַלן, איז אָנגעגאַנגען אַ טיכטיקער האַנדל. און ווען אין ארץ ישראל האָבן די אידן דורכגעמאַכט די מלחמות פון די חשמונאים, די מלחמות קעגן רוים, דעם חורבן און דעם אויפשטאַנד פון בר כוכבא'ן, האָבן די אידן אין בבל געלעבט פאַרהעלטניס-מעסיק רואיק. די כמאַרע אויפן אידישן הימל איז דאָרט געקומען מיט דער הערשאַפט פון די פּערסישע פייער־דינער, די מאגיער (די אמגושים אָדער חברין, ווי מען רופט זיי אין גמרא), וואָס האָבן נאָך אַ הפסקה פון 550 יאָר ווידער איינגענומען בבל.

עס ווערט דערציילט, אַז ווען דער ארץ ישראלדיקער אמורא רבי יוחנן האָט דערהערט, אַז די אמגושים זיינען געוואָרן די בעלי־בתים איבער די אידן פון בבל — האָט ער פון גרויס אויפרעגונג געחלשט. ער האָט זיך באַרואיקט ערשט, ווען ער האָט דערהערט, אַז די אמגושים נעמען כאַבאַר (די אַלטע מעשה פון „גוטן גוי, וואָס נעמט"). און מיט דער הילף פון כאַבאַר און צינזן און דער גרויסער קאָנצענטרירטער מאַכט פון די אידישע ישובים אין בבל, האָבן זיך די אידן דאָ־ט אַ לאַנגע צייט ווי־עס־איז איינגעלעבט מיט די פּערסישע אויבער־הע־שע־ר. אונטערן איינפלוס פון דער אידישער אויסוואַנדערונג פון דער פאַראומגליקטער ארץ ישראל זיינען דאָרט אויפגעקומען און גרויס און שטאַרק געוואָרן די ישיבות אין נהרדעא, פומבדיתא, סורא און מחוזא, וואו עס איז געשאַפן געוואָרן דער תלמוד בבלי. צום סוף האָבן אָבער אויך די אידן אין בבל אויסגעטרונקען אין פולן דעם כוס פון פורעניות. אין קאַמף

## זי קוקט מיט אימה ווייט אַריבער די קאַנאַלן,
## אַט לייגן זיך די לעצטע ערב שבת־שטראַלן:
## די צייט די פאַרכטיקע פון ליכט־בענטשן קומט צו!

---

פון דעם קעניג קעגן דער אַריסטאָקראַטיע האָט די קעניגלעכע מאַכט געזוכט אויסצונוצן די אמגושים און זייער ווירקונג אויף די פאָלקס־מאַסן. איינער פון די מלכים האָט אָנגענומען אַפילו אַ ווילדע קאָמוניס־טישע תורה פון איינעם פון די אמגושים, פון מאזדאק'ן, כדי צו רואינירן די אַריסטאָקראַטיע און צוציען די פאָלקסמאַסן. דאָס האָט נאָך מער אויפגעפלאַקערט דעם פאַנאַטיזם פון די אמגושים און זייער תאוה צו מאַכט, און די אידן האָבן דאָס אויף זייערע רוקנס שוידערלעך דערפילט. די גזרות אין בבל זיינען אויסגעפאַלן אין איין צייט מיט די פינצטערע אידן־פאַרפאָלגונגען פון די קריסטן, וואָס זיינען געקומען צו מאַכט אויפן מערב. די אידן אין בבל און די אידן אין ארץ ישראל און אין דער ביזאַנטישער אימפּעריע האָבן זיך אין זייערע צרות אויסגעגליכט.

ארמוזד (אהורא מאזדא), דער גאָט פון ליכט, און אהרימאַן, דער גאָט פון פינצטערניש — זיינען געווען די צוויי הויפּט־געטער פון די פּערסער. נאָך זיי אין ראַנג איז געווען דער גאָט מיטרא, אַ קינד פון דער זון, וואָס האָט געהאַט פיל ענלעכקייט צו יעזוסן, ווייל דער יעזוס־מיף איז נאָך זיין מוסטער געשאַפן געוואָרן. אויך מיטרא איז געבאָרן גע־וואָרן דעם 25טן דעצעמבער און פון אַ בתולה, און די טויף־צערעמאָניע און דער מיסטעריעזער מאָלצייט פון הייליקע ברויט און ווייַן זיינען געווען זייט אוראַלטע צייטן וויכטיקע טיילן פון מיטרא־דינסט. און לאַנג־לאַנג נאָך פאַר יעזוסן איז שוין מיטרא אומגעגאַנגען אויף דער ערד, ווי אַ וואונדערשיינער יונג, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון הימל צו ווערן אַ משיח און אויסלייזן די מענטשהייט. אין די קאטאקאמבען פון רוים האָט מען נאָך געקענט זען אַ בילד פון דעם קליינינקן מיטרא'לע אין שויס פון זיין מוטער די בתולה, פאַר וועלכע עס קניען די מאגיער, ברענגנדיק איר מתנות — ריכטיק ווי מען האָט שפּעטער געמאָלן דעם קליינינקן יעזוסל און די מאדאָנע. נאָך אין צווייטן יאָר־הונדערט איז דער מיטרא־מיף פאַרשפּרייט געווען אין דער רוימישער אימפּעריע, וועלכן דער יעזוס־מיף האָט אויסגעקאָנקורירט און אָפּגע־ירשנט. און ווען דער יעזוס־מיף איז געוואָרן צום סוף די הערשנדע

## דער שבת קודש גייט, דאָך ווער איז אים מקבל? אין טויט־פאַרשטומטער שטאָט, אַ חוץ נאָר דער מחבל?

## זי פאַלט צום פענצטער צו און זוכט און פאָרשט דעם דרויסן,

רעליגיע פון דער רוימיש־ביזאנטישער אימפעריע (ארץ ישראל איינגעשלאָסן) און עס האָט גענומען האָגלען אויף אידן מיט שוידערלעכע גזרות, הלמאי זיי גלויבן ניט אין דעם יעזוס־מיף, האָט אין דער פערסישער אימפעריע (בבל איינגעשלאָסן), וואו דער מיטרא־מיף איז געווען די הערשנדע רעליגיע, אויך גענומען האָגלען אויף אידן מיט שוידערלעכע גזרות, הלמאי זיי גלויבן ניט אין דעם מיטרא־מיף, און עס איז ניט געווען פאַר די אידן וואוהין צו לויפן, וואו אַהינצוטאָן זיך.

האָבן שוין אויך די אידן אין בבל, ווי די אידן אין ארץ ישראל, געהאַט זייערע הרוגי מלכות, ווייל די געדולד האָט געפלאַצט און אידן האָבן זיך גענומען בונטעווען. דער פירער פון אויפשטאַנד אין מחוזא איז געווען דער יונגער העלדישער ריש גלותא מר זוטרא, וועמען די פערסער האָבן צום סוף באַזיגט, און מען האָט אים, צוזאַמען מיט זיין גרייז־גרויען זיידן, מר חנינא, אויפגעהאנגען אויפן בריק, און גרויסע מאַסן אידן האָט מען אויסגעשלאַכט און זייערע קליינע קינדער האָט מען אַוועקגעשלעפט צום שמד אין די פייער־טעמפלען צו האָדעווען זיי פאַר אמגושים. און די אידן אין בבל האָבן שוין אויך, ווי די אידן אין ארץ ישראל, געהאַט זייערע רעליגיעזע מארטירער. די אמגושים פלעגן שטראָפן אָפטמאָל אַפילו מיט טויט פאַר מקבר זיין אַ מת (ווייל די ערד איז הייליק און מתים דאַרף מען אָפגעבן צו רויב־פויגלען) און פאַר אויסרופן „אחד" אין קריאת שמע (ווייל די פייער־דינער האָבן דאָך געגלויבט אין צוויי הויפט־געטער) און פאַר צינדן ליכט פריטיק-צונאַכט אין געוויסע הגאות זייערע, ווען פייער האָט געדאַרפט ברענען נאָר אין די פייער־טעמפלען.

און די העלדישע אידישע פרויען פלעגן יע צינדן די ליכט לכבוד שבת און בענטשן און פאַלן טויט פון די הענט פון די אמגושים בענטשנדיק.

מען דענקט, אַז דעם מנהג אויסצושטרעקן די הענט ביים ליכט-בענטשן און צו פאַרשטעלן די ליכט האָבן אונזערע מאַמעס געבראַכט נאָך פון יענע פינצטערע גזרות פון בבל.

א. ליעסין.

די גרויסע אויגן ברענען אין עקסטאַז אין גרויסן,
און אין די פּערל־ציין פאַרשצעמעט איז געוויין ;
זי זעט ניט קיינעם, דאָך זי פילט מיט אַלע חושים,
אַז ערגעץ לויערן די רוצחים די אמגושים :
אָ, גיב נאָר כוח, גאָט, די גזרה בייצושטיין !

און ווידער לייגט זיך איימה אויף די לאַנגע ברעמען,
און דינע ליפּן טוען דעם געוויין פאַרשצעמען.

זי זעט פאַר זיך דעם חורבן, די צעהאַקטע פּאַלמען,
די לערע קברים פון צעגראָבענעם בית עלמין,
און די פאַרוויסטע שול, צעשפיגלט רויט אין שיין,
און הויך אין מיטן בריק די העלדן אויף דער תליה,
דעם אייניקל און דעם זיידן, שיינענדיק אין שקיעה,
וויביידע וואָלטן זיי מקבל שבת זיין.

און פעסטער דריקן זיך די קליינע, צאַרטע פויסטן,
און האסן שלאָגן הויך אין האַרץ אין אויפגעברויזטן.

דאָך קעגן שטורעם אירן נעמט זי פרום זיך ווערן :
מען טאָר דעם שבת קודש קיינמאָל ניט פאַרשטערן !
טאָ כאַפּט זי קאָנוואולסיוו זיך איבערטאָן אויף גיך,
און אָט שוין שטייט זי, מיט די ליכט אין האַנט, אַ גרייטע,
אין פיין־געפאַרבטע וואָל, אַ שבתדיק־געקליידטע,
אין ווייסן זיידן־טוך און פאַרפּיומירטע שיך.

און ווי זי צינדט די ליכט און בענטשט און ענטפערט אָמן,
ברעכט אויס איר טרערן־קוואַל אין ברענענדיקע שטראָמען.

זי טראַכט פון קינד פון אירן, וואָס די רוצחים האָבן
אַוועקגערויבט פון איר און וואו אין שמד פאַרגראָבן —
דער פורכטבאַרער קאָשמאַר פון אירע טעג און נעכט:
צי וועט ער אָנטאָן נאָך אַ פּריסטער־גאַרטל שפּעטער,
און גיסן וויין פון בעכער פאַר די פייער־געטער,
און פאָכן קעגן ברידער מיט אַ שווערד, וואָס שעכט?

זי זעט אַ שרעק־געשפּענסט, דאָך ביין פון איר געביין —
אין היידן־טעמפּל פאַר אהורא מאזדא'ן שטיין.

זי יאָמערט ביי די ליכט פאַר דער נשמה זיינער,
און בעט פאַר יעדן קינד אין צידקות אין איר פיינער;
עס גייט איר הארץ פאַר די גערעטעוועטע איין:
זיי זאָלן, ווי די ליכט, אין תורה־לערנען לויכטן,
און ביישטיין יעדן גזר אין ווילן אין דערהויכטן,
און ריין אין לעבן, ווי אין טויט, געהייליקט זיין.

און פּלוצלונג כמאַרעט אויף פאַר איר אַ פּריסט־געזיכט —
דער פינצטערער משרת פון דעם געץ פון ליכט.

און ווי זי שטרעקט די הענט די ליכט פון אים צו שיצן,
טוט באַלד זיין בלאַנקע שווערד פאַר אירע אויגן בליצן
און טרעפט איר שטאָלצן בליק, וואָס בעט ניט קיין גענאָד;
און ווען זי פאַלט אַנידער, טראָגט אַדורך אַ ציטער
אין לופט אין אָנגעלאָדענער, אין אָנגעגליטער —
דער רוף דער גלויביקער, דער גוואַלטיקער: אחד!

און פאַרכטיק טראָגט זיך אַלץ דער ציטער דור נאָך דור,
פון בבל ביז אַהער, דורך פופצן הונדערט יאָר.

עס האָבן דורות מאַמעס, קייטן דורות לאַנגע,
ביי ליכט ביי ברענענדיקע, אין געבעטן באַנגע,
דעם ציטער אויפגענומען און געשטרעקט די הענט:
געזען די בלאַנקע שווערדן פאַר די אויגן בליצן,
און דאָך געזוכט דאָס ליכט דאָס הייליקע צו שיצן,
און מיט מארטירער־טויטן שטראַלנדיק געבלענדט.

רק די געשטאַלט געזען אין שטראַליקער דיאַדעם —
די שטאַרבער ביי די ליכט אין קדושה פאַר אַ שם.

1934

# בילדער פון ערשטן קרייץ־צוג

(גזרת תתנ״ו *)

## 1

## די נאָמענלאָזע

**די מארטירערינס די שטילע**
**אין די ווילדסטע גרוילן —**

*) דאָס איז אַן אָנהויב פון אַ סעריע פּאָעמען, וואָס איך האָב פאַר־טראַכט — וועגן די מארטירערינס פון די קרייץ־צוגן און פון דער שוואַרצער פעסט און פון גזרת ת״ח. די פּאָעמען זיינען געשריבן אויפן גרונד פון אַ שורה, אַ פּאָר ווערטער אָדער אַן אָנדייטונג אין די אידישע כראָניקעס פון יענע צייטן.

לויט די כראָניקעס האָבן זיך די אידישע פרויען געהאַלטן אין די גזרות פון די קרייץ־צוגן אַזוי העראָאיש, ווי די מענער. און אפשר נאָך מער. לויט דער וויכטיקסטער אידישער כראָניק פון ערשטן קרייץ־צוג, דער כראָניק פון רב׳ שלמה ברב׳ שמעון, האָבן די קרייץ־טראָגער איינע צו די אַנדערע געזאָגט: כל זאת עושות הנשים שמסיתות את בעליהן להחזיק ידם למרוד בתלוי (דאָס טוען אַלץ די פרויען, וואָס ריידן איין זייערע מענער און שטאַרקן זייערע הענט ווידערצושפּעניקן אין דעם נוצרי). דער קרייץ־צוג איז געווען דערהויפּט אַ באַוועגונג פון ערדלאָזע פעאָדאַלן צו דערווערבן גרויסע רייכע גיטער אויפן מזרח, געהאָלפן פון די אויפגעקומענע איטאַליענישע האַנדל־שטעט, וואָס האָבן געוואָלט מאַכן דעם מיטל־לענדישן ים (אויך דעם מזרח פון דעם ים) פאַר אַ ים פון קריסטלעכן מסחר, פון זייער מסחר. האָט מען, פאַרשטייט זיך, ניט דורכ־געלאָזן די געלעגנהייט דערוויַיל צו באַרויבן און צו פאַרטיליקן די אידישע מאַסן, וואָס וואוינען צווישן זיי גופא. דער ערשטער קרייץ־צוג אַליין האָט געקאָסט 12 טויזנט אידישע לעבנס, און חרוב געמאַכט די בליענדע אידישע קהילות ביים רהיין, וואו די אידן, און אויך די אידישע פרויען, זיינען געשטאַנען פאַר יענער צייט קולטורעל זייער הויך. די פאָלגן פון קרייץ־צוג זיינען געווען פאַר די אידן קאַטאַסטראָ־

איז דער נאָמען אויך אַפילו
זייערער פאַרהוילן.

האָט די וועלט ניט זייער ליבן
נאָמען אויפגעהאַלטן,
זיינען ליכטיק דאָך פאַרבליבן
זייערע געשטאַלטן.

זאָל אין אייביקייט אַריין
הייליק, הייליק, הייליק זיין
זייער נאָמענלאָזער נאָמען —
אמן!

איז געוועזן ווען אַ קרבן
העכער, הייליקער?
איז אַזוי ווען ווער געשטאָרבן —
גרעסער, גרויליקער?

---

פאַל. די באַוועגונג פון קריסטלעכן מערב צום מזרח האָט אויך צוריק־געשטויסן די אידן פון מערב צום מזרח.

צווישן די מיתות משונות, וואָס די כראָניקעס רעכענען אויס, ווערן ניט דערמאָנט די פאַרגוואַלטיקונגען, וואָס זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די חיות אין מענטשן־געשטאַלט פון אונזער צייט. אפשר איז דאָס דערפאַר, וואָס די קירכן־פאַרזאַמלונגען האָבן מיט אַ קורצער צייט פריער שטרענג פאַרווערט געשלעכטלעכן פאַרקער צווישן קריסטן און אידן. אַזוי ווי די באַוועגונג האָט געהאַט אַ רעליגיעזן כאַראַקטער, האָט מען עס אויסגעהיט. מען פלעגט נאָר די דערמאָרדעטע פרויען, ווי די מענער, אויסטאָן נאַקעט. דאָס אָבער באַלאַנגט שוין צו דער קאַטעגאָריע פון רויב, אויף וואָס די קירך אַליין האָט געגעבן אַן אָפיציעלן היתר. איינער פון די פּאַפּסטן האָט יעדן קרייץ־טראָגער באַפרייט אַפילו פון צאָלן זיינע חובות צו אידן.

א. ליעסין.

האָט די הערצער ווען געצונדן
אַזאַ זיג־עקסטאַז?
און געצונדן און פאַרשוואונדן
שטיל, ווי אַ מיראַזש.

זאָל אין אייביקייט אַריין
הייליק, הייליק, הייליק זיין
זייער נאָמענלאָזער נאָמען —
אמן!

1933

2

## די געלט־וואַרפערקע

זי שטייט אין איר שעה אין איר שענסטער
ביים בישאָף אין שמאָל־הויכן פענצטער.

און הינטער איר שטייען אין תפילה,
פון בישאָף אַהערצו פאַרנאַרטע,
די שארית הפליטה פון קהילה,
און מאַמעס און קינדערלעך צאַרטע.
ער האָט ביי זיי שוחד גענומען
און שוץ אין זיין פּאַלאַץ פאַרשפּראָכן,
און איצט, ווען דער פיינט איז געקומען,
זיין וואָרט אַזוי שענדלעך געבראָכן.

דאָך קען ער ניט זיי אין פאַרראַט אין זיין גרויסן
פון זייער אמונה פאַרשטויסן!

זיי וועלן אָט־דאָ, צווישן גלח'עשע ווענט,
זיך טויטן מיט אייגענע הענט!

אין דרויסן שוין פלאַקערן פינצטער אין מאָרגן
די רוצחים מיט צלמים בלוט־רויט;
און אינווייניק מאַכן הכנות פאַרבאָרגן
די אידן צום הייליקן טויט;
און זי, אויף דער וואַך, אין דער מיט,
זי שטייט אין דעם בראָך און זי היט.

זי זוכט אין עקסטאַז אין צעשטראַלטן
דעם משחית אַ ווײלע פאַרהאַלטן.

און דרויסן דער חייל ווערט גרעסער
און רוקט אויפן פּאַלאַץ זיך אָן —
מיט אידישן בלוט אויפן מעסער
און אידישן בילד אויף דער פאָן.
דאָך באַלד ווי די באַנדע קומט אונטער
מיט פיקעס און העק צו דער טיר,
דערלאַנגט עס אַ רעגן אַרונטער
מטבעות פון פענצטער אויף איר.

און אַלע דעם נוצרים סאָלדאַטן,
זיי קייקלען זיך, קנוילן זיך, פלעכטן,
און ראַנגלען זיך פאַר די דוקאַטן
אין ביטערע, ווילדע געפעכטן,
אין שטויב, אויף דער ערד אויסגעשפּרייטע,
אין קרייץ און אין שווערד איינגעדרייטע.

זי קוקט, אַ מאַדאָנע, אין פענצטער פון אויבן,
אַראָפּ אויפן שטרייט דעם טשיקאַווען,

די הענט אין דער הויך מיט מטבעות געהויבן
אַריבער דעם חייל דעם בראַוון.

און הינטער איר דרייען זיך, גייען,
ווי רעדער פון פייער, געשרייען —
פון וויינענדע קליינינקע קינדער
אין ספּאַזמעס פון אימה פון בלינדער,
און טאַטעס מיט שעפּטשענדע ליפּן,
וואָס קושן די קינדער און כליפּען,
און מאַמעס, וואָס טוען זיך וואַרפן
די שווערדן פון טאַטעס צו שאַרפן,
און קלאַפּן אין ברוסט זיך מיט גוואַלטן,
די הימלען די זיבן צו שפּאַלטן.

עס צוקט דורך איר רוקן אַ פראָסט,
דאָך בלייבט זי געשמידט צו איר פּאָסט.

אין דרויסן שוין הויבט מען זיך אויף פון די שטויבן,
און ווידער שוין כאַפּט מען די העק —
דערלאַנגט זי אַ שאָט מיט מטבעות פון אויבן
און לייגט זיי באַלד ווידער אַוועק.

און הינטער איר ווילדעווען גרוילן,
אין פלאַמען פון קדושה פאַרהוילן,
און צווישן יללות צעגליטע
דערהערן זיך ברכות אויף שחיטה,
דערהערן זיך ענטפערס פון אָמן,
עס מישן זיך בלוטן און שטראָמען.

עס גייט די געלערנטע עדה
אין פאַרכטיקייט צו דער עקדה.

און אָט איז דער אָפּפֿער צו ענד,
ניט אָפּגעשטעלט האָט שוין די הענט
קיין מלאך אין הימל ניט מער;
געווען איז דער פּרואוו אַזוי שווער,
דאָך האַלט מען אים אויס ביזן סוף —
דעם זכות, דעם נצחון, די שטראָף;
זי טוט אין טריאומף זיך אַ הויב
און זינגט אין איר שטומקייט אַ לויב:

אַ דאַנק דיר, מיין גאָט, פֿאַרן הייליקן
דיין עדה צום טויט צו דעם גרוויליקן!

אַ דאַנק דיר, מיין גאָט, פֿאַר מיין חלק
צו שטאַרבן מיט זיי אַזוי הייליק!

אַ דאַנק דיר, מיין גאָט, פֿאַרן געבן
אין טויט אונדז אַן אייביקן לעבן!

זי לויכט עקזאַלטירט אין איר פּיין
און רופֿט זיי פֿון פֿענצטער אַריין,
ווי געסט ווי געווינטשטע, אַהער,
צום מאָלצייט פֿון זייער באַגער,
צום בלוט — פֿאַרן בישאָף דעם ווירט
פֿון הונדערטער גאָרגלען סערווירט.

בלאַנקט אויף באַלד אַ שווערד הויך אין פֿענצטער פֿאַר זיי,
און גליקלעך אַזוי אין גענאָד
באַרירט זי איר האַלז, און זי פֿאַלט אין געשריי:
אחד!

1933

## 3

## די געווינערין *)

**די רויטקייט פון נאַר־וואָס געבאָרענעם מאָרגן,**
**די צאַרטקייט פון נאַר־וואָס געבאָרענעם קינד.**
**זי ליגט אויפן דאַך פון דעם טורעם פאַרבאָרגן**
**און שלינגט, אַ דערפרישטע, דעם טויאיקן ווינט.**
**און גייען די ווייען אַוועק,**
**שלאָגט גלוטיק אַרויס איר אַ שרעק,**
**אַזוי ווי אַ פלאַם פון דעם רויך פון זכרון;**
**דערזעט זי זיי רויט, אַזוי רויט,**
**דעם צורר, דעם צלם פון טויט;**
**די הורבעס הרוגים, דעם טאָג פון דעם צאָרן.**
**מען פליט, ווי צעשראָקענע שאָף;**
**ניטאָ וואו צו פליען פון שטראָף!**

---

*) די וואונדערלעכע נשמה־גרויסקייט פון די אידישע מוטערס, וואָס פלעגן אַרונטערשפּרינגען פון שפּיץ פון אַ טורעם צוזאַמען מיט זייערע קלייניטשקע קינדער — זיך אַריינוואַרפן אין אַ פייער־גרוב צוזאַמען מיט זייערע קלייניטשקע קינדער. דאָס איז געווען ניט נאָר דער ברענענדיקער רעליגיעזער געפיל אַליין. דאָס איז אפשר נאָך מער געווען די אימה פון הויבע, איידעלע נשמות, אַז זייערע קינדער, אויפגעצויגן פון די פינצטערע קריסטלעכע בעסטיעס, וועלן שפּעטער אַליין אויך ווערן פינצטערע בעסטיעס.

אונזערע הייליקע עלטער־באָבעס האָבן מיטן אינסטינקט דורכגעפילט די ווערטער, וואָס דער אידישער פילאָזאָף משה מענדעלזאָן האָט מיט 7 הונדערט יאָר שפּעטער געשריבן: יש בכך משום שטת האהוד של הזאבים, המבקשים להתאחד עם הכבשים, לבלוע אותם ולעשות בשר־כבשים בשר זאבים. די ערגסטע מיתה איז פאַר אונזערע באָבעס ניט געווען אַזוי שרעקלעך ווי דער געדאַנק, אַז זייערע שעפעלעך זאָלן שפּעטער אַליין אויך ווערן וועלף.

אָט לויפט זי, געטראָפן אין שטראָם פון אַן עולם,
צום בישאָף אין הויף פון די קוילער אין שטאָט;
זי זעט ווי דער בישאָף טראָגט אונטער דעם צלם,
זי זעט ווי דער עולם פאַרוואַרפט אים מיט שפּאָט.
אָט יאָגט זי שוין ווייטער־וואו, שווער,
און קוים זי דערלויפט נאָר אַהער,
פאַרכאַפּן זי ווישט אויפן וועג די יסורים.
און אָט איז דאָס קינד שוין פאַראַן,
נאָר וואו איז דער פאָטער און מאַן?
עס בלאָנדזשעט אין טויט־אַנגסט איר בליק וואו פון טורעם,
זי זוכט אים, זי שטרעקט אים דאָס קינד,
זי יאָמערט צו אים אין דעם ווינט.

און רויט, ווי דער צאָרן, גליט אויבן דער מאָרגן,
און מילד, ווי דאָס וואַלד־גרין, בלויט אונטן דער רהיין;
עס שווינדלען די נעבלען, וואָס האָבן פאַרבאָרגן
די שייניקע שטעט און דעם פינצטערן פּיין.
אָט זעט זי, עס שלענגלען זיך שטום
פון קהילות פאַרוויסטע אַרום,
אַזוי ווי פון ווייטע מזבחות, די רויכן;
אָט דוכט זיך, עס הויבן זיך אויף
נשמות פון קדושים אַרויף,
און וואָגלען אַוועק אין די הימלשע הויכן;
און אָט איז די זון אין איר ברען,
ווי אונטן וואָלט גאָרנישט געשען.

זי ווייזט זיך, די זון, אין אַ בלוט־פאַרב אַ רויטער,
אַזוי ווי דער בלוט־רויטער צלם אַליין —
אַן אויפפלאַם פון פנים פון טויפער און טויטער,
אַ פלאַקער פון בלוט־אָנגעזאַפּטן המון.

עס לויפט פאַרן זון־שטראַל דער טוי,
עס שטעלט זיך באַלויכטן די פרוי,
דאָס קינד אויף די הענט אין אַ צוקן פון פיבער;
אַט הערט זיך שוין נאָענט דער רויש,
באַלד קומט מען, באַלד שפּירט מען זי אויס,
באַלד רייבט מען דאָס קינד אירס, באַלד שמדט מען עס איבער;

זי לאָזט זיך צום ברעג פון דעם דאַך,
זי שטייט מיטן קינד אויף דער וואַך.

זי זעט זיי, ווי שטורמיקע וואַסערן קומען,
די אַקסלען, די רוקנס, פון צלם־בלוט־רויט —
אַ בלוט־דאַרשט פון טויזנטער־מויליקן ברומען,
אַ מאַרש פון אַ טויזנטער־אויגיקן טויט.
ווי בלאַנקט פאַר איר טויטלעך דער שרעק
פון שווערדן און פיקעס און העק,
פון באַרוועסן, ווילדן מאָנאַך אויפן אייזל!
אַט שרייט ער, אַט ווייזט ער אויף איר,
אַט ברעכט מען זיך אונטן אין טיר,
אַט פאָכט ער צו איר מיטן הילצערנעם יויזל.
ווי גיריק ער קוקט, דער מאָנאַך,
צו איר מיטן קינד אויפן דאַך.

צעשטראַלן זיך אונטן די הייליקע עדה'ס,
די אַלע צעקוילעטע קהילות ביים רהיין —
אַלץ ריינע עקדות, עקדות, עקדות,
אַלץ טויזנטער קדושים אין געטלעכן שיין!
דערזעט זי אין פלאַם הימל־הויך
דעם באַרג, דעם מזבח, דעם רויך,
דעם געטלעכן מלאך צו איר אַנגעבויגן.

„מיין קינד! מיין עקדה! מיין קינד!
„פֿאַר דיר! גאָט אחד״ — און געשווינד
אַ פֿלי טוען ביידע פֿון דאַך פֿאַר די אויגן
פֿון שטוינענדן קוילער־המון,
וואָס בלייבט אַ בייז־ברומיקער שטיין.

1933

# דער וויכוח

שני תלמידים היו בעיר אחת והיו הגוים הורגים את היהודים בעבור שלא היו רוצים להשתמד. ואילו שני בחורים נסתרו במחבו ולא היו גוים יודעים ובלילה היו יכולים לברוח. אמר אחד: אצא כדי שיהרגוני על קידוש השם... שהרי ר חנינא בן תרדיון דרש ברבים ונשרף. וחבירו אמר: אם יבאו עלי אהרג, אבל לא אצא עליהם... שהרי רב׳ יהודה בן בבא סמך בין שתי עיירות שלא יהא נודע.

ספר חסידים.

די אויסהרגער קומען אַריין אין דער שטאָט,
און ווער נאָר עס קען, גראָבט זיך איין, ווי אַ קראָט.

צוויי בחורים ליגן אין קעלער באַהאַלטן,
עס פּאַסעווען זיי אַזוי קנוטיק די גוואַלטן.

עס פֿייערן אויבן די מעסערס און העק,
און אונטן אין בלוט־גליווער פֿינצטערט דער שרעק.

די בחורים קאָרטשען זיך אונטער די מיתות,
און פאַלנדע גופים, און כארכעלס פון גסיסות.

זאָגט איינער צום צווייטן: „איך מאַך נאָר איין טראָט,
און באַלד אַ געלייטערטער לויבט איך פאַר גאָט:

„און זיין וועט מיט זיי, מיט די קדושים, מיין חלק
אין טויט אַזוי גרויליק, אין טויט אַזוי הייליק.

„איך גיי פון דער פינצטערער נאָרע אַרויס,
און מיש זיך מיט זיי אין די בלוטן באַלד אויס".

— צעהיצט זיך דער צווייטער: „אַזאַ משוגעת
דאָס הייסט דאָך, מאבד את עצמו לדעת!

„געפינט מען אונז, וועלן מיר אויפנעמען גרייט,
ווי זיי, אַזוי גרויליק, דעם הייליקן טויט.

„דאָך טאָר מען אַליין בידים ניט געבן
צום קוילער און האַקער דאָס הייליקע לעבן!"

זאָגט ווידער דער ערשטער: „האָט גאט מיר געטרויט,
איך שטאַרב אין מיין לעבן און לעב אין מיין טויט.

„איז ניט רבי חנינא בן תרדיון געגאַנגען
אַנטקעגן די פלאַמען אין גלוט פון פאַרלאַנגען?

„און האַלטנדיק אַ ספר תורה אין שויס,
געקוקט אין דערוואַרטונג צום תליון אַרויס.

„און איז אַזוי פרום מיט דער תורה צוזאַמען,
פאַרוויקלט אין פאַרמעט, אַרויף אויף די פלאַמען".

זאָגטווידער דער צווייטער: „האָט ניט זיך אַמאָל
רבי יהודה בן בבא באַהאַלטן אין טאָל?

„און ערשט ווען דער צורר האָט דאָרט אים געטראָפן,
איז מער שוין דער קדוש פון טויט ניט אַנטלאָפן.

„דאָך יאָגט ער די רבי'ס אַוועק און באַפעלט
דאָס לעבן צו היטן פאַר זיך און דער וועלט!"

* * *

אַזוי האָבן זיי דעם וויכוח געהאַלטן,
זיך קאָרטשענדיק אונטער די גרוילנדע גוואַלטן:

אַרומגערעדט אונטערן האַק אַזוי ברייט
די קדושה פון לעבן, די קדושה פון טויט.

1927

# מהר״ם מרוטענבורג*)

**דער פעלז פון דעם ענזיסהיים טורעם איז האַרט,**
**נאָך האַרטער איז אָבער דער ווילן**
**פון הייליקן גאון, וואָס שמאַכט דאָ פאַרשפּאַרט,**
**האַלב טויט אין אַ קאַמער אין אַ שטילן.**
**דער קייזער פון דייטשלאַנד אַליין האָט דעם גרייז**
**אַהערצו געפאַנגען גענומען,**
**פאַרלאַנגט פון די קהילות אַן אויסלייזונג־פּרייז,**
**און האָט פון זיי גאַרנישט באַקומען.**
**דער צאָרן פון רודאָלף פון האבסבורג איז גרויס,**

---

*) מהר״ם מרוטענבורג — רבי מאיר ברב׳ ברוך מרוטענבורג, איי־נער פון די לעצטע בעלי תוספות, דער געאַכטעסטער און גרעסטער גאון פון זיין צייט (13־טער יאָרהונדערט). דאָס איז געווען די פינצטערע צייט פון פויסט־רעכט, די צייט פון רודאָלף פון האבסבורג. אידן זיינען דערקלערט געוואָרן פאַר קאמער־קנעכט פון קייזער, וואָס האָבן געקענט געדייהען נאָר פאַר דער קאַסע פון קייזער — זיי נאָכאַנאַנד צו זויגן און אויסצוזויגן. רבי מאיר האָט שוין מער ניט געקענט איבער־טראָגן די צרות, און ער האָט באַשלאָסן אָפּצופאָרן אין ארץ ישראל. אויפן וועג, אין אַן איטאַליענישער האַפן־שטאָט, האָט אים אַ משומד דערקענט, און מען האָט אים פאַרהאַלטן ווי אַ קאַמער־קנעכט, וואָס האָט געוואָלט אַנטלויפן פון זיין האַר. דער קייזער רודאָלף האָט אים אַריינגעזעצט אין תפיסה. די אידן פון דייטשלאַנד האָבן געוואָלט באַצאָלן פאַר אים 20 טויזנט זילבער־מאַרק אויסלייז־געלט. רבי מאיר האָט עס אָבער שטרענג פאַרווערט. ער האָט מורא געהאַט צו ווייזן דעם קייזער אַ ביישפּיל, אַ בייעם קוואַל פון רויבערייען — צו פאַנגען רבנים און קריגן פאַר זיי אויסלייז־געלט.

און אַזוי האָט ער יאָרן לאַנג אָפּגעשמאַכט אין תפיסה. „עני הנשבח מכל טוב, אסקופא הנדרסת, הנקרא בשבבר מאיר בר׳ ברוך״ (אַן אָרימאַן,

דאָך שוואַך איז די פויסט אין דעם אייזן
צו ברעכן דעם גרייז, וואָס דערלאָזט ניט דורכאויס
דעם צורר אַ ביישפּיל צו ווייזן.

און אויסלייזגעלט צאָלן פאַרוועדט ער.

אַ הייל, שוואַרצגעוועלבט, ווי אַ הענגנדער טויט,
און ווענט ווי אין קבר, טויב־שטומע;
אַן אויסבעט פון שטרוי, אַ פאַרזשאַווערטע קייט,
און שאָטנס געדיכטע און קרומע;
אַ פינטל פון טאָג־ליכט פון ערגעץ אַ שפּאַלט
טוט וואו ניט וואו אומגערן פאַלן,
און טיפער אין חושך אַ ווייסע געשטאַלט,
באַלויכטן פון אינערע שטראַלן.
אָ, ער, וואָס איז לאַנג, ווי אַ מלאך פון גאָט,
אין ערפורכט פאַרהיילקט געוואָרן —
ער ליגט אין געפּענגניש, צו שאַנד און צו שפּאָט,
ער ליגט אַזוי יאָרן און יאָרן!

און אויסלייזגעלט צאָלן פאַרוועדט ער.

ער ליגט, און זיין גייסט טוט אַ שוועב־אויף פאַרביי
די ווערכטער, די ווענט, און די קייטן;
ער לאָזט אין די הויכן פון תלמוד זיך פריי

וואָס איז פאַרגעסן פון יעדן גוטס, אַ שוועל, איבער וועלכן אַלע טרעטן, וואָס אַמאָל האָט ער זיך גערופן מאיר ברב׳ ברוך). אַזוי האָט ער זיך אונטערגעשריבן אויף איינער פון זיינע תשובות. אָבער אויסלייזגעלט צאָלן האָט ער אַליין פאַרוועדט. און אַזוי איז ער אין תפיסה געשטאָרבן. און ערשט יאָרן נאָך זיין טויט האָט מען פאַר אַ גרויסער סומע אויסגעלייזט זיין קערפּער און געבראַכט אים צו קבורת ישראל.

די אָדלערשע פליגלען צעשפּרייטן.
ער קוקט אין געהויבענעם עלענד זיך אום,
ווי קליין איז דער צורר און נאַריש,
און צווישן דעם שמוץ און דער טומאה אַרום
פאַרפאַסט ער דעם תוספות צו טהרות;
און אייביק אין נאַכט פון דעם קבר פון שטיין,
פאַרפאַסט ער דעם תוספות צו יומא,
וואו פאַרבנרייך בלאַנקען אַדורך אַזוי שיין
די זוניקסטע טעג פון דער אומה.

און אויסלייז־געלט צאָלן פאַרווערט ער.

און כאַפּט אים די בענקשאַפט נאָך ציון אַרום,
די גלות־השכינה יסורים,
פאַרפאַסט ער די קינות, וואו עס הערט זיך דער ברום
פון וויינענדן נאַכט־וואַלד אין שטורעם.
עס יאָמערט דער אומעט פון דורות אָן ענד
אין געטלעכע גלוטן־געזאַנגען;
עס שלאָגן זיך אָפּ אָן די שטיין־קאַלטע ווענט
יאָר־טויזנטער פלאַמען־פאַרלאַנגען.
ווי וואָלט ער דאָס לאַנד פון זיין בענקשאַפט געגלוסט
צו זען ווען אַמאָל מיט די אויגן!
ווי וואָלט ער די שטיינער די וויסטע געקושט,
אויף פליגלען אַהין־צו געפלויגן!

און אויסלייז־געלט צאָלן פאַרווערט ער.

און ס׳גליט אין זכרון אים אַלץ יענע בילד:
אַט גנבעט ער זיך אויף די וועגן,
אַט זעט ער דעם ים שוין — ווי הימל־בלאָ מילד —

דעם ים פון די הייליקע ברעגן!
דאַן קומט אויף זיין שפּור דער משומד צו גיין,
דאַן קומען די גרויסע יסורים,
די אייביקע נאַכט אין דעם קבר פון שטיין
פון פינצטערן ענזיסהיים־טורעם.
דער קאמער־קנעכט קריגט עס פון פרעהן די שטראָף
פאַר וועלן פון קנעכט־הויז אַרויסגיין!
ער ווייס, אַז די שטראָף וועט זיך ציען אָן סוף,
ער וועט אין דעם חושך שוין אויסגיין.

און אויסלייז־געלט צאָלן פאַרווערט ער.

ער ווייס, אַז ער וועט שוין זיין טרוים־לאַנד ניט זען,
דאָס לויכטנדע לאַנד פון די אבות;
עס צאנקט שוין גאָטס־ליכט, עס פאַרלעשט זיך גאָטס־ברען,
עס וואַרט שוין דער מלאך המות.
ער פילט, אַז ער שטאַרבט, און ניט זען וועט ער מער
שוין קיינמאָל אַ ליב־אידיש פּנים;
זיין גוססן בליק וועלן פייניקן שווער,
אַלץ זיי נאַר, אַלץ זיי, די תלינים!
און בלייבן דאָ וועט ער, און קיינמאָל שוין אויך
צו קבר ישראל ניט קומען,
און ס׳וועט ניט אַפילו אַ שטראַל פון דער הויך
פאַרבלאָנדזשען צום קערפּער צום שטומען.

און אויסלייז־געלט צאָלן פאַרווערט ער.

ניו יאָרק, 1921.

# רבי׳ משה הכהן דע טאָרדעסילא*)

די לעצטע קלויסטער־קלאַנגען אין די בערג פאַרשטומען;
פון פעלזן־שאָטנס גלוטיקע אַרומגענומען,
די הייסע נאַכט, די אַלט־קאַסטילישע, פאַלט צו.
עס שלאָפט די שטאָט אין די גראַניט־ווענט אַ צעשמאַכטע,
פון זעקס און אַכציק פעסטונג־טורעמס אַ באַוואַכטע,
עס ווייַנט נאָר אַ גיטאַרע לייַדנשאַפטלעך וואו.
און אין אַ שאַלקע, איבער אַ כתב יד געבויגן,
אַ פעדער אין דער האַנט, אַן אימה אין די אויגן,
אַן אַלטער רב, אַ קראַנקער, וואַכט אין אָוונט שפּעט,
און פאַרן וועקסן־ליכטל גיסט זיך זיין געבעט:

---

*) איך האָב געהאַט אין פאַרשטעלונג, שרייבנדיק די פּאָעמע, רב׳ משה הכהנס ניט געדרוקטן ספר „עזר האמונה“, וואָס איך האָב אים געזען (אין כתב יד) אין דער ביבליאָטעק פון שעכטערס סעמינאַר. דער ספר האָט אַ העכסט פּאַטעטישע פאָררעדע. געשריבן האָט ער דעם ספר אין אווילא, אין יאָר 1374, כדי צו לערנען די רבנים ווי אַזוי צו פירן אין די קלויסטערס די געצוואונגענע וויכוחים מיט די מוסרים־משומדים. די וויכוחים זיינען דעמאָלט געוואָרן איינע פון די גרויסע טראַגעדיעס אין לעבן פון די שטאָלצע שפּאַנישע אידן, וואָס האָבן שוין געמוזט אָנטאָן אויך דעם קין־צייכן, די לאַטע, אויף זייערע בגדים, ווי אַלע אַנדערע אידן אין גלות.

פון רב׳ משהס לעבן (אַ קורצע צייט פאַר די מוראדיקע שחיטות און גרויסן מאַסן־שמד) ווייסן מיר גאָרנישט, אויסער די פאַר פאַקטן, וואָס ער דערציילט אין זיין פאָררעדע, ווי מען האָט אים באַרויבט, געשלאָגן און געפּייניקט, אַז ער איז שיער ניט אומגעקומען אויף קידוש השם (כי על קדושת שמים היה לבי וגופי מוכה ומעונה, נגש והוא נענה בחבושים ויסורים משונים להמירני מתורתו הקדושה). און ווי דערנאָך האָט ער אַלץ געמוזט פירן וויכוחים מיט משומדים, וועלכע ער האָט מיט סכנת נפשות באַזיגט.

א. ליעסין.

„אָ, לאָז מיר נאָכן טאָג דעם הייסן, בלענדיקן,
דעם אָטעם אָפּכאַפּן פון פיין פון גרויליקן!
אָ, גיב מיר כח, גאָט, דעם ספר ענדיקן,
דיין אמת פאַרשטעלן, דיין נאָמען הייליקן!"

און אונטן, אין דער טיף פון שמעקעדיקע טאָלן,
צעקלינגען זיך פאַר אים ציקאַדן, ווי קריסטאָלן,
צעטראָגט זיך זיס דער דופט פון רויזן און יאסמין;
עס זילבערט אום די נאַכט, באַצויבערט און באַטרונקען,
אין לייכטן, מאַטן נעבל פון פארפיום פאַרזונקען —
דאָך קען איר רייץ אים ניט פאַרשיכורן דעם זין;
אָ, ניט פאַר אים, דעם אידן, איז שוין מער געגעבן,
אין שיינעם היימאַט־לאַנד, די פרייע פרייד פון לעבן,
ווען אויפן ראנד פון אָפּגרונט מוז ער שטיין אין בראָך
און מיט די אָדלער־בליקן אָנקוקן זיין יאָך.

ווי טוט דער יאָך זיין גלייכע פלייצע פייניקן,
צערייצן אים דעם שטאָלץ דעם אויפגעפלאַקערטן,
פאַרוואָלקענען דעם פנים איבּ דעם שייניקן,
פון גרויסע זאָרגן־קנייטשן דעם צעאַקערטן.

אַ, ווי אַ וויינטרויב אין אַ הענגל, האָט דאָך גליקלעך
זיין לעבן אויך געבליט אַמאָל, ווען אויגנבליקלעך
די קירך פון ליבע האָט געמאַכט פון אַלץ אַ תל —
באַרויבט, געשלעפּט צום שמד אים, שטיקערווייז געריסן —
דאָך האָט ער אויסגעהאַלטן דיין, ווי אַ געוויסן,
און מיט איר ליבע זי געשיקט צו אַל־דיי־העל,
געשפּאָט פון בלאַטן בישאָף, ווי ער לייגט די נעצן,
פון דאַרשטיקן משומד, ווי ער פליסט זיך העצן,

און אין וויכוחים זיי צעקלאַפּט דורך טויט־געפאַר —
דאָך ערגערס קומט אָן! מען מוז זיין גרייט צום גזר!

ווי ברענען אים די וואונדן, ווי זיי ווייטיקן —
דאָך שטאַרקער ברענט אין אים דער וואונטש דער הערלעכער
צונויפזאַמלען דעם ארסענאַל דעם נויטיקן,
ווייל קומען מוז דער אָנגריף דער געפערלעכער.

אָט פילט ער, ווי אין חושך לויערן די סאָוועס,
דאָמיניקאַנער פּאַטערס, פינצטערע מחשבות,
מאַנאַכן גיפטיקע, פאַרפלוכטע פלעדערמייז;
אָט הילכט אים נאָך דער ליאַרעם פון די טימאה־גלעקער,
דער גרילץ־רוף פון משומד, דער טריאומף פון שקר —
עס אָטעמט אימת מות אַלץ אַרום דעם גרייז;
אָט קומט די בייזע שעה, אָט טראָגט זיי אָן דער רוח,
אָט טרייבן זיי אין קלויסטער ווידער צום וויכוח —
„אַ, קהילות הייליקע! אָ זייט געגרייט, געגרייט!"
דער גרייז שפּרינגט אויף פון שטול, די הענט צו גאָט געשפּרייט:

„ווי האָב איך, גאָט, מיין גאָט, די טעג און נעכט געברענט
אין ליבע גרויסער, ענדלאָזער, צו דיר, צו דיר!
אָ, שטאַרק מיר, שטאַרק די הענט, און נאָך אַן אַרגומענט,
אַנטקעגן לעסטערער, פאַרטרויען דעם פּאַפּיר!"
און פלאַמענדיק באַגלייטן זעאונגען זיין פעדער,
ער לעבט אַדורך די גרוילן אין געפאַר אין יעדער:
אָט איז שוין צום וויכוח גרייט דער קאַטעדראַל,
עס גאַפן אויפגערעגט די גראַנדן און די ריטער,
עס פינצטערט דער המון אין שנאה אין צעגליטער —
אַלץ בליקן פול מיט גיפט, אַלץ הערצער פול מיט גאַל.
און פאַר אַ גרויסן צלם, ווי אַ בייזער אומעט,

געפירט פון פיל גלחים, ווייזט זיך דער משומד,
און אידן שלייכן הינטער זיי אין סומנער שיין,
און גייען טויט־בלייכע אין לייבן־גריב אַריין.

„אָ, ברודער טייערער, ניט פאַל אין שרעק אַריין!
גאָטס־אמת איז מיט אונז, ווי גרויס עס איז דער גרויל, —
אַט איז אַן אַרגומענט, וואָס שטאַרקער קען ניט זיין,
אַט האָסטו אַ ציטאַטע, וואָס פאַרמאַכט דעם מויל."

ער שרייבט, און יעדן איינפאַל טוט ער וועגן, מעסטן,
באַטראַכטן, איבערטראַכטן, מיטן טאַקט דעם גרעסטן,
פון שטאַנדפונקט פון די שאָף, פון שטאַנדפונקט פון די וועלף;
געפערלעך איז דאָך פאַרן אידן צו פאַרלירן,
געפערלעך איז דאָך אויך פאַר אים צו טריאומפירן —
אַ, גאָט אין הימל, העלף! דערבאַרעמדיקער, העלף!
די טויט־געפאַרן פינצטערן פון ביידע זייטן;
אַט שלעפן שוין די וועלף אין אימפּעט אין פאַרשייטן
די גאַנצע קהילה שאָף אין קלויסטער מיט פאַראַר;
אַט האַלט מען שוין די בעקנס גרייטע פאַרן שמד.

„אָ, ברודער ליבער, ניט פאַרגעס זשע, ניט פאַרגעס
אין היץ פון דעם וויכוח, ווי עס קאָכט און ברויזט:
זיי האָבן טאַקע פאַר אַ גאָט אַ מת, אַ מת,
זיי אָבער לעבן דאָך און האָבן דאָך אַ פויסט!"

און ווי ער זעט זיך אַליין אין קלויסטער אין דעם זעלבן,
און דער וויכוח דונערט אונטער די געוועלבן,
גייט אויף די שטילע זון און קוקט צו אים אַריין;
זי קוקט צום אויסגעמאַטערטן, פאַרצאָגטן זקן,
געבויגן איבער דעם כתב יד, צעשמאַכט, צעשראָקן,

וואָס גלויבט די אויגן ניט צו זען דעם גרויסן שיין.
דאַך האָט זיך ערגעץ־וואו אַ קלויסטערל צעקלינגלט,
און ווידער פון די זעאונגען אַרומגערינגלט,
איז באַלד דער זקן, מיטן זעלבן גרויסן שרעק,
אין שיינענדיקן טאָג, אין שפּאַנישן, אַוועק.

אַ טאָג, פון אַלע נעכט פאַרשוואַרצטער, האָט געבלענדט,
מען יאָגט מיט מעסערס הונדערט־טויזנטער צום שמד.
איך האָב מיט ציטערניש געהאַלטן אין די הענט
דעם דורכגעטרערטן, דורכגעווייטיקטן כתב יד.
1935

# רבי שמעון מיימי

דער רב אין מיטן, רעכטס זיין איידים, לינקס זיין ווייב,
זיי שטייען ביזן האַלז אין טורעם־וואַנט פאַרמויערט;
עס ברענט אויף זיי ווי פייער דער צעמורשטער לייב,
שוין לאַנגע דריי מעת־לעת ווי זייער גסיסה דויערט.
און אויפן ביין־קרייץ איבן ווינקט זיי יעזוס מיד,
אין פייך־געשניצטע, פיין געקינצלטע יסורים:
„אַ, זאָגט אויף מיר, איך בין אַ גאָט און ניט קיין איד,
דאַן ברעכט מען אייך אַרויס מיט גרויס פּאַראַד פון טורעם".
דער רב איז אָבער שטום, פאַרעקשנט ביזן סוף,
ער הויבט ניט אויף זיין בליק צום קריסטן־געץ צום טמא;
און שטום ווערט דורכגעפירט, די וויסטע, ווילדע שטראָף,
עס גייט אַרויס אין טהרה לאַנגזאַם די נשמה
פון לעצטן רב פון פּאָרטוגאַל.

ער שטייט פֿאַרמויערט שטום, און פֿאַר זײַן גוסס־בליק
פֿלאַמט פֿינצטער אַלץ דאָס בילד: מען שלעפּט זיי ווי די רינדער,
אין קלינגענדיקע קלויסטערס, פֿאַר די האָר, אויף שטריק,
פֿיל טויזנטער, ביז איינעם — מענער, פֿרויען, קינדער.
אַט זעט ער זיך שוין דאָרט, אַרײַנגעכאַפּט אין נעץ,
אָט האָט מען אים אַ קרייץ צום קושן צוגעטראָגן,
און בליץ־שנעל אָן אַלטאַר צעשמעטערט ער דעם געץ,
די רוצחים זאָלן אויפֿן אָרט אים טויט דערשלאָגן!
די קירכע אָבער דאַרף זײַן בײַשפּיל, זײַן פּאַראַט,
דעם גייסט פֿון רב פֿון אַלטן מוז זי זען געבראָכן.
ווי שווער די פּייניקונג! ווי שוואַך ער פֿילט, ווי מאַט!
אַלץ שטראַלנדיקער לויכט דער הייליקער נצחון
פֿון לעצטן רב פֿון פּאָרטוגאַל.

אָט לעשט זיך, לעשט זיך אויס זײַן לעצטער לעבנס־פֿונק;
דער גלח און דער וועכטער שטייען דאָך און וואַרטן,
צי רעדט ניט וואָס זײַן בליק, צי מערקט זיך ניט אַ וואונק,
צי פֿילט זיך ניט אַ בראָך אין ווילן אין דעם האַרטן.
אומזיסט! אומזיסט! ער שטאַרבט. דער גלח טרעט שוין אָפּ...
עס לויכט באַגייסטערט אויף דאָס פּנים פֿון דעם וועכטער,
ער שטעלט זיך פֿאַרן רב געבויגן טיף דעם קאָפּ,
און פֿליסטערט אין עקסטאַז: „אַ דאַנק דיר, גאָט גערעכטער!
„דו האָסט מאַראַנען שוואַכע, זינדיקע באַגליקט
„דײַן הייליקונג צו זען, געמאַכט אונדז שטאַרק, ווי אײַזן,
„אין חושך האָסטו אונדז אַ פֿייער־זײַל געשיקט,
„פֿאַר קינדער, קינדס־קינדער, דעם בײַשפּיל אונדז צו ווײַזן
„פֿון לעצטן רב פֿון פּאָרטוגאַל.”

עס שלײַכט אַ לויה שוואַרץ אין טויטקייט פֿון דער נאַכט,
עס גייט און גנבעט זיך אַ שאָטן־שטומער עולם.

מיט מסירת־נפש ווערן קדושים דריי געבראַכט
געהיים פון תפיסה־גרוב צום אידישן בית־עולם.
עס קרעכצט פאַרשטיקט דער קדיש דאָרט צום לעצטן מאָל,
ער שטראָמען שטיל מאראנען־טרערן בלוטיק־הייסע,
און אין דעם ציטערדיקן, יאָמערדיקן קול,
הילכט אָפּ אַ שבועה פעסט, אַ גוואַלטיקע, אַ גרויסע.
און דורך אַן אימת־מות, דורות־דורות לאַנג,
דורך דריי יאָרהונדערטער פון פינצטערע יסורים,
ביים אינקוויזיטאָרס פלאַם, אין הייל פון מאַרטער־צוואַנג,
לויכט שטראַליק די געשטאַלט, פאַרמויערט אין דעם טורעם,
פון לעצטן רב פון פּאָרטוגאַל.

ניו יאָרק, 1920.

## פראַנציסקאָ נעגועירא

זי גייט פון דער שטיין־שוואַרצער הייל אַזוי שטום
אין מאָרגן אַרויס;
עס בלאָנדזשעט איר בליק אין דער ליכטיקייט אום
ווילד־פרעמד און ווילד־גרויס.
נאָך פינצטערע לאַנגע מאָנאַטן,
אַן אויפהער אויף קוואַל־ביינק געמאַטערט,
זי שטייט צווישן וואַך פון סאָלדאַטן,
אין שאַנד־זאַק, אין גרויען, און פלאַטערט —
די שיינע פראַנציסקאָ.

אַ פלאַטערנדע הינד, אַזוי יונג, אַזוי צאַרט,
פון יאגד־הינט צעפליקט;
דאָך האַלט זי אין גרויסער אַנטשלאָסנהייט האַרט
די ליפּן פאַרדריקט.
אָט קומען מאָנאַכן אין ווייסן,
אָט קומען מאָנאַכן אין שוואַרצן,
ווי קלינגען די גלעקער און רייסן
אין זיבעצן־יאָריקן האַרצן
דער שיינער פראַנציסקאָ.

זי ווייס וואו מען פירט זי, זי האָט זיך צו דעם
געגרייט אַזוי לאַנג —
צו גיין צו די פלאַמען אויף קדוש השם
אַ ווירדיקן גאַנג.
דאָך שיינט דורך דער וועלט דורך דער פרייער
דער זומער אין גרין־זייד־געוועבן;
ווי ליב איז גאָטס וועלט, און ווי טייער,
ווי ווילט זיך איר לעבן, אָ, לעבן,
דער שיינער פראַנציסקאָ!

זי בעט, מיט די אויגן צום הימל געווענדט,
ניט אָפּטאָן די מאַכט,
וואָס האָט איר די הייל־מארטער ביישטיין געקענט
אין אייביקער נאַכט.
זי בעט צו די קדושים פון גלויבן,
דעם כח צו שטאַרבן איר געבן;
דאָך לויכט אַזוי ליבלעך פון אויבן —
ווי ווילט זיך איר לעבן, אָ, לעבן,
דער שיינער פראַנציסקאָ!

און פול ווערט מיט מארטער־געשטאַלטן דער הויף;
זי זעט זיי, דערקענט.
דאָס שלעפּט מען צום אויטאָ־דא־פע זיי צונויף,
צו ווערן פאַרברענט.
באַלד־באַלד און די קריסטלעכע געטער,
זיי וועלן שוין שמעקן היינט בראַטן.
ווי וואַנזיניק זוכט זי אַ רעטער
אַרום מיטן בליק מיטן מאַטן,
די שיינע פראַנציסקאָ!

אָט גייט זי שוין באָרוועס אין גרויל־מאַרש צום בראַנד,
אַ בלייכע, ווי קרייד,
אַ גרין וועקסן־ליכט אין פאַרפּענטעטער האַנט,
אַ פּריסט ביי דער זייט.
דער קרבן און תליון צוזאַמען,
ציט פאָרווייז דער מאַרש זיך כסדר,
און אויסגעמאָלט זעט זי די פלאַמען
פון הינטן ביים פריינט אויף די קליידער,
די שיינע פראַנציסקאָ!

זי גייט אין דער מיט פון אַ מענטשלעכן ים,
וואָס קניט זיך אַרום.
אָ, וואָס פאַר אַן אָפּגרונט פון שנאה און סם
צעעפנט זיך שטום!
און אָט איז דער אַמפיטעאַטער,
וואו פרום וועט מען צוזען די סצענען,
איר לייד און איר צוק און איר פלאַטער,
ווי קאָרטשען זיך וועט זי און ברענען,
די שיינע פראַנציסקאָ!

עס גלענצן די ריטער אַ צייל נאָך אַ צייל,
און עפּעס אַ גלוט,
אַ לאַנג שוין פאַרשטיקטע, צינדט אָן אויף אַ ווייל
איר יונג מיידלש בלוט.
זי גייט פון דער זון אַ פאַרבלענדטע,
דאָך פילט זי די דאָרשטיקע בליקן
פון אַלע די לאַזשעס געווענדטע
צו איר אין געהיימען אַנטציקן,
די שיינע פראַנציסקאַ!

זי גייט און אַ פינצטערניש גייט אויף איר וועג
אַרונטער געדיכט;
ניט זען וועט זי מער שוין קיין זוניקע טעג,
קיין זוניק געזיכט!
און הינטער דעם פאָרהאַנג דעם שוואַרצן,
וואָס האָט איר די יונג־זון פאַרהאַנגען,
ווי זויינט זי אין גלוט־יונגן האַרצן,
מיט הונדערט געהיימע פאַרלאַנגען,
די שיינע פראַנציסקאַ!

אָט בלאַנקט איר דעם קעניגס יונג ווייב; זי דערפילט
איר אַנגסט־בליק אויף זיך.
און פּלוצלונג אַן אויסגעשריי יאָמערט אויף ווילד:
„אָ, ראַטעוועט מיך!
„איך קען ניט מיין גלויבן פאַרוואַרפן,
פאַרראַטן די שוועסטער און ברידער”!
און גלייך מיט אַ שפּיז מיט אַ שאַרפן
פאַרשטויסט מען אין גרויל־מאַרש זי ווידער,
די שיינע פראַנציסקאַ!

דעם קעניגס יונג ווייב טוט אַ וויש אָפּ פון זיך
איר זינדיקע טרער;
דער גרויס־אינקוויזיטאָר טראַגט אונטער אויף גיך
אַ גאָלדן־קרייץ שווער.
דער קעניג שווערט טרייהייט צום צלם
און צינדט אַליין אָן אַזוי מונטער,
אין אָנזען פון קניענדן עולם,
דעם פייער וואוהין מען פירט אונטער
די שיינע פראַנציסקאַ.

ווי ווייט איז שוין איצט פון איר שטאָלצן געדאַנק
די יאוש־מינוט;
זי גייט צו איר טויט, ווי צום טאַנץ, אַזוי שלאַנק,
מיט שטאָל־פעסטן מוט.
אַט שטרעקט זי צום בראָטן די גלידער
דער תליון אַליין ווערט נתפעל;
אַט וואַרפט זי אין פלאַם זיך אַנידער;
עס שטאַרבט מיטן רוף „שמע ישראל!"
די שיינע פראַנציסקאַ.

ניו יאָרק, 1922.

# דער יונגער משומד

(פון דער צייט פון דער „ווינער גזירה" *)

## 1

**גלאַנצן קיווערס גאָלדיק דורכן גרין פון מאַי.**
**און דער הערצאָג זאָגט דעם אַדיוטאַנט דעם יונגן,**
**ווי זיי רייטן דורך די וועלדלעך ביים דונאַי:**
**„הער נאַר, ווי די פויגלען האָבן זיך צעזונגען —**

---

*) אַ מעשה פון 15טן יאָרהונדערט, מיטן נאָמען „די ווינער גזירה", געשריבן אין דאַמאָלסטדיקן עברי־טייטש, דערציילט מיט שוידערלעכער פשטות, ווי אַזוי דער הערצאָג פון עסטרייך, אַלברעכט דער פינפטער (שפּעטער קייזער), האָט אין יאָר 1421 פאַרטיליקט אַלע אידן ביז איינעם אין ווין און אין גאַנץ עסטרייך. און אָט די „ווינער גזירה" איז דאָרט געווען ניט די איינציקע גזירה. ניט אומזיסט ווערט אין דער אידישער כראָניק עסטרייך אָנגערופן „ארץ הדמים" און ווין — „עיר הדמים". ווייניק זיינען די לענדער, וואו אידן זיינען אויסגעשטאַנען אַזוי פיל גירושים, פּאָגראָמען און גזירות, ווי אין עסטרייך, און דערהויפּט אין ווין — דורך די יאָרהונדערטער פון מיטל־אַלטער און ביז טיף אין דער נייער צייט אַריין. און האָבן זיך די עסטרייכער אידן דערשלאָגן ענדלעך אין יאָר 1867 צו בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג, האָט באַלד דערנאָך דאָרט אויפגעפלאַקערט די מעכטיקסטע אַנטי־סעמיטישע מאַסן־באַוועגונג. ווין איז געווען די איינציקע צווישן די הויפּט־שטעט פון דער ציוויליזירטער וועלט, וואו אַן אויסגעשפּראָכענער אַנטיסעמיט, קאַרל לוגער, איז יאָרנלאַנג געווען מעיאָר — אַ זייער פּאָפּולערער מעיאָר. די אַזוי־גערופענע עסטרייכישע מילדקייט, ווינער געמיטלעכקייט, איז דערהויפּט אַ פּראָדוקט פון דער פאַנטאַזיע פון אידישע בעלעטריסטן און פעליעטאָניסטן.

לויט דעם דייטשן געלערנטן ראָשער, זיינען די מערסטע אַמאָליקע אידן־שחיטות געווען „קרעדיט־קריזיסן פון זייער אַ באַרבאַרישן

**וואָס זשע קוקט מיין ריטער מיין באַליבטער**
**עפּעס אויס אַזאַ באַטריבטער?"**

**זיפֿצט דער ריטער טיף: „אין אַט דעם טאָג פֿון מאַי**
**האָט מען זיי אויף שיפֿלעך זינקנדיקע געלאָדן,**
**און געלאָזן מיטן שטראָמיקן דונאַי,**
**און די וועלן האָבן בלאָ מיט טויט געזאָדן —**
**הער איך אַלץ די קולות די באַנומענע**
**פֿון די אַלע אומגעקומענע."**

---

כאַראַקטער". דאָס איז געווען, ווי ער דריקט זיך אויס, „אַ מיטל־אַלטערלעכע פֿאָרם פֿון דעם וואָס מען רופֿט איצט אַ סאָציאַלע רעוואָ־לוציע". מען פֿלעגט זוכן צו פֿאַרטיליקן די וועקסלען צוזאַמען מיט די קרעדיטאָרן. אַזאַ מין „קרעדיט־קריזיס" איז דאָך איינגנטלעך איצט אויך די פֿאַרטיליקונג פֿון די אידן אין היטלעריסטישן דייטשלאַנד, וואָס האָט אָנגענומען די ווילדסטע פֿאָרם גראָד אין עסטרייך. און אַזאַ מין „קרעדיט־קריזיס" איז פֿאָרגעקומען אין עסטרייך אויך אין יאָר 1421, ווען דער הערצאָג אלברעכט האָט זיך געניוטיקט אין גרויסע סומען געלט. געוויינלעך, איז דאָרט די באַפֿעלקערונג שטענדיג געווען פֿלאַם־פֿייער קעגן אידן, וואָס האָבן דאָרט געקענט געדייען נאָר אונטערן גוט־באַצאָלטן שוץ פֿון די הערצאָגן. אלברעכט האָט זיך אָבער באַרעכנט, אַז עס וועט זיך אים נאָך בעסער באַצאָלן צו פֿאַרטיליקן די אידן. און אַזוי ווי היטלער האָט איצט אויסגעטראַכט, אַז די אידן פֿאַרשוועכן די אַרישע קולטור, אַזוי האָט אלברעכט אַמאָל אויסגע־טראַכט, אַז די אידן פֿאַרשוועכן די הייליקע קלויסטער־פּלעצלעך. און אַזוי ווי היטלער איצט, אַזוי האָט אלברעכט אַמאָל פֿאַרכאַפּט דאָס גאַנצע אידישע אייגנטום, וואָס ער האָט דערנאָך אויספֿאַרקויפֿט, און אַלע וועקסלען אין אידישע הענט, וואָס ער האָט ביי די קריסטלעכע בעלי־חובות אויפֿגעמאָנט.

און אַזוי ווי מען האָט איצט געטאָן מיט די בורגענלענדישע אידן, אַזוי האָט מען אויך אַמאָל אַ געוויסע צאָל ווינער אידן אָנגעפּאַקט אויף לעכערדיקע שיפֿלעך, אָן וויאָסלעס, און אַוועקגעלאָזן זיי אויף די „בלאָע וועלן פֿון דונאַי". נאָך אַ געוויסע צאָל אידן, מענער, פֿרויען און קינדער, וואָס מען האָט געהאַלטן פֿאַרשפּאַרט אין סינאַגאָג, האָבן

2

פריידיק שאַלט אין נאַכט מיט טויזנט ליכט דער שלאָס.
דאָך דער יונגער ריטער קען זיין צער ניט צאַמען,
בעת אַליין דער הערצאָג טרינקט פאַר אים אַ כוס,
און אים גריסן גליענדיק די שענסטע דאַמען;
רופט דער הערצאָג אויס: „דו שרעקסט, מיין יונג, מיך היינט —
ווי אַ חושך טומנע אויף דיין פּנים שיינט!"

ברומט דער ריטער שטיל: „אין אַט דער נאַכט פון קלאָג
האָבן זיי אין סינאַגאָג זיך אויסגעשאָכטן —
מענער, פרויען, קינדער, און די סינאַגאָג
נאַכדעם אָנגעצונדן אין די גרויסע פאָרכטן;
כאָרבלען נאָכאַנאַנד אַלץ פאַר מיר די טויטן
דורך די פייקן און טרומייטן."

---

זיך אַליין אויסגעשאָכטן, ווייל זיי האָבן געהערט, אַז מען וויל ביי זיי אָוועקרויבן די קינדער צום שמד. און די איבעריקע אידן האָט מען צונויפגעשלעפּט פון אַלע טורמעס און פאַרברענט אויפן שייטער־הויפן. אַלע זיינען זיי געגאַנגען צום פייער־טויט, דערציילט די מעשה, אַזוי ווי צו דער חופּה.

אַ געוויסע צאָל קינדער האָט מען דאָך אַוועקגערויבט. און די עקשנים, וואָס האָבן זיך בשום אופן ניט געלאָזן אָפּ'שמד'ן, האָט מען פאַרקויפט אין שקלאַפעריי. צווישן די ווייניקע אָפּגע'שמד'טע איז געווען אַ יונגער בחור, זייער אַ שיינער און אַ געראָטענער, וואָס האָט שטאַרק אויסגענומען ביים הערצאָג. ער האָט אים גענומען צו זיך אין פּאַלאַץ און געמאַכט אים צום סוף פאַר זיינעם אַן אַדיוטאַנט. אָבער ביי אַלע ווילדע פאַרגעניגנס פון אויסגעלאַסענעם לעבן, וואָס די הויך־געשטעלטע ריטער האָבן געפירט, האָט דער בחור דאָך ניט געקענט דערשטיקן אין זיך די נאָגנדע בענקשאַפט נאָך דער אידישער אמונה און נאָך די אומגעקומענע ברידער און שוועסטער. ליידער, ווייסן מיר ניט קיינע איינצלהייטן, און אויך ניט אַפילו זיין נאָמען. די מעשה דערציילט נאָר, אַז דער הערצאָג האָט אים צום סוף איבערגעגעבן צום קירך־געריכט און מען האָט אים פאַרברענט. צום טויט איז ער געגאַנגען בראַוו און שטאָלץ, אין אַ וואַד און אין קייטן, און זינגענדיק מזמורים פון תהלים. איז ער אַריין אין די פלאַמען.

א. ליעסין.

### 3

אַ געיעג אַ ווילדס, עס ציטערט אַזש די ערד —
קלינגעניש פון שפּאָרן, בלאָזעניש פון האָרן,
בילעריי פון כלבים, הירזשעריי פון פּערד,
און אין טומל ווערט דער ריטער וואו פאַרלאָרן;
זוכט אים אויס דער הערצאָג, אַ פאַרוואונדערטער,
וואָס ער רייט אַן אָפּגעזונדערטער.

און דער ריטער, עקזאַלטירט, ווייזט אָן דעם אָרט:
„אָט אַהינצו האָט מען זיי געבראַכט צוזאַמען,
אין די הונדערטער, און פאַר די געצן דאָרט,
ווי אַ גאַנץ-אָפּער, געוואָרפן אין די פלאַמען —
הער איך אַלץ די הייליקע געזאַנגען,
אין די פלאַמען אויפגעגאַנגען."

### 4

וואָרנט אים דער הערצאָג שוין צערייצט, צעהיצט:
„ווי איך האָב רחמנות אויף דיין בלוט-יונג לעבן,
ביסטו דאָך שוין קריסט, פון טויף-וואַסער באַשפּריצט,
און איך מוז צום קירך-געריכט דיך איבערגעבן —
אָ, פאַרבלענדטער דו, ווי דיין פאַרפלוכטער שטאַם,
וועסטו שוין געווים ניט אויסמיידן דעם פלאַם!"

בויגט זיך נידעריק דער ריטער: „יע, מיין האַר,
ווי איך דאַנק פאַר דיין גענאָד און גוטן ווילן,
וואַלט איך טיפער נאָך דיר דאַנקבאַר זיין דערפאַר,
אויב דו וואָלסט מיין וואונטש מיין הערלעכסטן דערפילן —
גיב, איך זאָל, ווי מיינע ברידער, קענען
אויך-נאַך פאַר גאַטס-נאַמען ברענען!"

5

זעט דער עולם דער צעהעצטער,
ווי עס גייט דער איד דער לעצטער,
גייט דעם וועג פון טאַטע־מאַמען
צו דער חופּה פון די פלאַמען —
הללו יה!

ווי ער קומט אַליין, אַ גרייטער,
אָן אַ וואַך און אָן באַגלייטער,
שטייט ער, ניט געשמידט צו שטאַנגען,
אויפן שייטער מיט געזאַנגען —
הללו יה!

מיטן שטאָלצן קאָפּ געהויבן,
מיטן בליק צום הימל אויבן,
בעט ער זינגענדיק אין פייער:
זיי מטהר, זיי מטהר —
הללו יה!

ניו יאָרק, 1938

# באַלאַדן וועגן בעש"ט

## 1
## דער באַהעלפער

זשומעט זומער אינדערפרי,
טוט אַ ליבע פרייד אַ צי,
טוי־געבאָדן, זון־באַהעלט,
דורך דער מאָרגנדיקער וועלט.

גייט זיך אַ בעהעלפערל און גייט,
זינגט פאַר זיך אַ נגון שטילערהייט,
גייט זיך לייטזעליק פון הויף צו הויף,
קלייבט די קליינע קינדערלעך צונויף.
קינדערלעך אין אַנגסט פאַרלאָזענע,
מעקענע פון ווינט צעבלאָזענע,
פון די שחיטה־טעג געבליבענע,
פון אַ טויט־שרעק אומגעטריבענע, —
נעמט ער זיי אין חדר טריי אַוועק,
לייגט ער אָן דעם שיינעם זומער־וועג,
פירט זיי ווייט אין פרישן פרי אַרויס —
לופטערט זיך דער בייזער חלום אויס.

גייט אַרום די זון פון שייד,
גייען קינדערלעך אין פרייד,

וועלדל אויס און וועלדל איין,
אין אַ שפיגל פון גרינעם שיין.

גייט ער, דער באַהעלפער, טריי פאָרויס,
וואַקסן הינטער זיינע אַקסלען אויס

סאָסנע־שטאַמען רויטע, ריזיקע,
סאָסנע־שפּיצן גאָלדן־שפּיזיקע,
וואַלד־געדיכטקייט, איינזאַם־איינזאַמער,
פֿול מיט טומנעקייט מיט גרויזאַמער.
שפּירן קינדערלעך אין יעדן טראָט,
אַז זיי גייען, ווי חנוך, מיט גאָט.
זעען זיי אין ווילד פֿון וואַלד אַליין,
מאָרגן־ריין, גאָטס חסד און גאָטס חן.
צווייגן אין גערויש באַגריסן זיך,
פֿייגלען אין געזאַנג צעגיסן זיך,
און אַ זון אַ הייסע אויפֿן קאָפּ
שיקט צו זיי אַ הייסע טרייסט אַראָפּ.
ציט זיי דורכן סכך צו זון אַהין,
טאַנצן זיי פֿאַר איר אין גאָלד און גרין.

הודיען צו די קינדערלעך
סאָסנעס הויך און וואונדערלעך,
וואַלד־ווייט גומל בענטשנדיק,
מיט די קרוינען גלענצנדיק.

הויבט ער, דער באַהעלפֿער, אויף זיין שטים,
זינגען אַלע קינדערלעך מיט אים.
זינגט אַ זיבן־זונענדיקער שיין
כּתר מלכותדיק אין וואַלד אַריין.
זינגט דורך זיבן הימלען הויך אַ שול
מיט צדיקים אין עטרות פֿול,
און זיי טוען זיך דערבאַרעמען,
און זיי ליבטן און דערוואַרעמען,
נעמען אַלע קינדערלעך אַריין
אין דעם זינגענדיקן שכינה־שיין.

זינגט מיט זיי אַזוי דער גאַנצער וואַלד,
און דער גרויסער פּרק שירה שאַלט,
זשוק און זשאַבע, גרילן, פייגעלעך,
בלימלעך מיט באַטויטע אייגעלעך,
אַלטער מאָך און יונגע גרעזעלעך,
ברוינער בער און ראָזע העזעלעך,
גיסן זיך צונויף אַנטציקטערהייט
אין איין גרויסער, זינגענדיקער פרייד.
גייט די שירה אין די הימלען הויך,
זינגען מיט אין כאָר די הימלען אויך.

איז פאַר גאָט דער לויב־געזאַנג
זיסער פון דעם האַרפן־קלאַנג,
ליבער פון לוויים־קול
אין זיין טעמפּל־שטאָט אַמאָל.

אָן אַ זייט נאָר, טיף פאַרשטעקט אין סכך,
שטייט וואו דער מכשף אויף דער וואַך,
אין אַ וויסטן וואָלקולאַק פאַרקליידט,
און ניט ווייט פון אים, פאַרטראַכטערהייט,
שטייט דער אשמדאי, זיין בייזער האַר.
ביידע קוקן מיט אַ טייוול־צער,
זעען דעם באַהעלפער, ווי ער גייט,
און אַ נייע וואונדערלעכע פרייד
אויפן פאָלק ישראל גייט מיט אים,
און עס זינגט דאָס וועלטאל אין זיין שטים.

ביידע שטייען שוואַרץ און ברומען:
דער בעל־שם־טוב איז געקומען!
דער בעל־שם־טוב איז געקומען!

1928

2

## עלית נשמה

### א

האָט דער הייליקער בעש״ט ראש השנה ביינאַכט
זיך אין חדר מיוחד פאַרמאַכט.

בעת ביים עמוד אין שול האָט ער מעשים געאַקערט,
אזש די לופט אַרום־אים האָט געפלאַקערט.

גליט ער איצט, ווי די לוסטרע־ליכט, שטיל ביי דער וואַנט,
אויפן שטערן פאַרוואָרפן די האַנט.

און אין בלייך־ווייכן אָפּגלאַנץ פון אַטלעס פון ווייסן
נעמט ער שטיל אין די הימלען זיך רייסן.

הערט דעם קיטרוג אויף אידן און שאַרפט אין גינאַד
פון די שמות הקדושים דעם סוד.

ווי אַ קריגס־קאָמאַנדיר, שטייט ער טיף אין די אימות
און צעשטעלט קעגן שטן די שמות.

אַ פאַרגליווערטער שטייט ער, די אויגן פאַרמאַכט,
נאָר דאָס האַרץ דאָס ווייט־אָפענע וואַכט;

נאָר אַ טרער פון יסורים פאַלט אָפּט פון די ברעמען,
ווען ער פּליסטערט די געטלעכע נעמען.

ב

האָט דער הייליקער בעש"ט ראש השנה ביינאַכט
מיטן בורא אַ חשבון געמאַכט:

„וויפיל האָט שוין דיין קנעכט אין דיין נאָמען דיין ליבן
בלודנע נשמות פון שרצים געטריבן.

„און פון עולם התוהו, פון זומפּ און פון נאַכט,
אין דעם עולם התיקון געבראַכט.

„נאָר דיין פאָלק, וואָס פאַר דיר טוט ער שטאַרבן און לעבן,
לאָזט די קליפּה קיין תיקון ניט געבן.

„איז ער ווייניק, אַ זומפּ־פראָש, געליטערט געוועז —
טאַ ביז ווען, טאַטע־פאָטער, ביז ווען!

„אוי, ביז ווען! אוי, ביז ווען!" — און אַ קראַמפּיקער צוקן
קרימט אים איבער די אַקסלען און רוקן.

און אַ גוואַלדיקער קרעכץ אין התלהבות פון פּיין
טוט אַ רים אין דער נאַכט זיך אַריין.

„גאַנצע זיבעצען הונדערט פאַרשאָלטענע יאָרן —
האָט דיין קנעכט די געדולד שוין פאַרלאָרן.

„וועט ער טאָן וואָס ער קען, און ער רייסט זיך פון קלעם,
און ער לאָזט זיך אויף אײנעם מיט דיין שם.

„טאָ זשע גיב, אַז עס זאָל מיטן ליכט־סוד געלינגען
דיינע אויבערשטע וועלטן באַצווינגען.

„אויב דיין קנעכט איז אין דיר, און אויב דו ביסט אין אים,
ביסטו אויך אין זיין מאַנגעלדער שטים.

„וועט ער שטורעמען הויך אין ישיבה של מעלה
און משיחן פרעגן די שאלה."

ג

האָט דער הייליקער בעש"ט ראש השנה ביינאַכט
די צירופים די פיינסטע געמאַכט.

און אָט פילט ער זיך פליענדיק, טרוים־לייכט־באַוועגלעך,
און אָט ווערט דאָס אוממעגלעכע מעגלעך.

און אַזוי ווי ער ברענגט נאָר אַרויס פון זיין מויל
די באַשווערונג די גרויסע אין גרויל —

און אַ וואָרף טוט אין שרעק ערד און הימל אינאיינעם
און עס ציטערן־אויף די עליונים —

טוט אַ בלענד אים אין דורכזיכטיק־וועקסן־געזיכט
דער צעעפנטער טויער פון ליכט.

ניט דאָס אויסערע ליכט פון אַ זון און לבנה —
פאַר די אויגן פון פלייש אַ מתנה;

נאָר דאָס אינערע ליכט, קענען וועמען דער שיין
פון אַ זון וואָלט אַ שאָטן נאָר זיין.

און עס שטראַלט אים אין ליכט דער פאַרהוילענער לייטער,
מיטן שפּיץ אין די הימלען, אַ גרייטער.

און באַפרייט פון דעם גוף, הויבט זיין נשמה זיך אויף
אויף די ליכט־טרעפ אַרויף און אַרויף.

און דערגרייכט ער די לויטערקייט נאָענט ביים טויער,
פאַלט אַרונטער דער ערדישער שלייער.

פליען מחנות מלאכים אַלץ אויף און אַלץ אַפּ,
מיט נשמות אַרויף און אַראָפּ.

לויכטן וואונדער אַזעלכע פון הימלשע פריידן,
וואָס אַ מענטשלעכער מויל קען ניט ריידן.

און עס ציט מוסר־נפשדיק אים און עס ציט —
אַלץ פאַרבענקטער, וואָס העכער ער פליט.

טויט־פאַרבענקט נאָכן אור־קוואַל פון געטלעכע קרעפטן,
זיך אין ליכט מיט דער שכינה באַהעפטן.

ד

האָט דער הייליקער בעש״ט ראש השנה ביינאַכט
די מדרגות די העכסטע געמאַכט.

הימל־אויס, הימל־איין, אַלץ אַרויף אין די הויכן,
דעם גן־עדן העליון צו גרייכן.

היכל־אויס, היכל־איין, אין דעם געטלעכן שיין,
ביז אין היכל־משיח אַריין.

זעט ער זיצנדיק אים, מיט די הירטן די זיבן,
ביי אַ תורה פון שטראַלן געשריבן.

און צדיקים, תנאים, אַ ליכטער־המון,
און די אבות און משה אַליין.

ווי זיי שטייען אַרום דעם משיח און זיצן,
און די קרוינען אויף אַלעמען בליצן.

פרעגט ער דרייסט דעם משיח: „ווען קומסטו, מיין האַר?
עס איז פול שוין דער בעכער פון צער.“

ענטפערט באַלד אים משיח: „ווען בעש"ט וועט דערהויבן
יעדן איינעם אַרויפצוגיין אויבן.“

ה

האָט דער הייליקער בעש"ט ראש השנה ביינאַכט
אין אַ שמאַכטיקער פוסטקייט דערוואַכט.

און געוויינט האָט ער לאַנג, און געוויינט האָט ער ביטער
אויף דער זעאונג דער בליק־שנעל פאַרגליטער.

און אַדורכגעזען האָט ער דעם וועג און דעם מיין,
אַז מען וועט אים ניט לאָזן דערגיין.

און געגעבן זיך הייליק דעם נדר דעם גרויסן
דאָך צו טאָן, ווי מען האָט אים געהייסן.

און געוויינט האָט ער ביטער, געוויינט האָט ער לאַנג,
און אַוועק זיין דערהויבענעם גאַנג.

1928

# רב׳ לוי יצחק בערדיטשעווער*)

**אָוונט פאַר די קינות, הימלען פול מיט גאָלד,**
**ווי מען וואָלט דאָרט הויך פאַרגיטיקן געוואָלט.**

**וואַרט דער רב אין גרויסער אויפרעגונג ביים פענצטער:**
**ווערט דער טאָג פון קלאָג אַ טאָג פון פרייד פון שענסטער?**

---

*) רב׳ לוי יצחק בערדיטשעווער, דער גרויסער ליבהאָבער פון „פאָלק ישראל", דער שטאָלצער מאָנער ביים רבונו של עולם פאַר די קריוודעס און צרות פון „פאָלק ישראל", איז געווען נישט אַ רבי, נאָר אַ רב. כאָטש איינער פון די הויפּט־זיילן פון חסידיזם, איז ער, צוליב דעם צויבער פון זיין פערזענלעכקייט, געווען אָנגענומען אויך אין די לומדישע קרייזן, ווי אַ באַדייטנדער רב. איך שילדער אים דאַריבער אין מיין פּאָעמע ווי אַ רב און נישט קיין רבי.

איך געדענק ווי מיין פאָטער, נישט קיין חסיד, פלעגט ריידן וועגן אים מיט באַגייסטערונג, פלעגט זינגען זיינע נגונים און דערציילן וועגן אים מעשהלעך. כאַראַקטעריסטיש איז די מעשהלע, ווי ער האָט מלמד זכות געווען אויפן בעל עגלה, וואָס האָט געשמירט די רעדער אין טלית און תפילין: „וואָס פאַר אַ טייער פאָלק אידן זיינען, אַז אַפילו בשעת זיי שמירן די רעדער, טראָגן זיי טלית און תפילין".

רב׳ לוי יצחק איז געשטאָרבן אין יאָר 1809, מיט 125 יאָר צוריק, דאָך ווערן זיינע נגונים עד היום פון די אידישע מאַסן אומעטום געזונגען. איך געדענק, ווי קינדווייז האָט מיך צוגעצויגן זיין „מאַירקע מיין זון" מיט דער פאַראייניקונג פון פאָרכטיקן „מלך מלכי המלכים" מיטן צאַרטן, פאָלקסטימלעכן „טאַטעניו": „לפני מלך מלכי המלכים, טאַטעניו!"

און זיין „דודו", וואו דער חסידישער פאַנטאַזיע געפינט זיין שענסטן אויסדרוק, קען נאָך עד היום קיין מענש מיט אַ רעליגיעזער נשמה אָן אַ ציטער נישט הערן. זיין „דודו", דענק איך, איז געווים איינספּירירט געווען פון רבי יהודה הלוי׳ס פאָלגנדע צוויי שורות:

װעט דער זון פֿון דוד, אין די שװאַרצע פּײנען,
מיט די ערד־װאָלקנס, שטראַלנדיק דערשײנען?

זעט דער רבֿ, װי די הימלען האָבן זיך צעצונדן,
פֿײערדיק צעגראָבן, פֿײערדיק צעאַקערט,
און פֿאָרױס, פֿון פֿלאַמען־פּורפּור אױסגעבונדן,
אַ קמיץ מיט דעם שם הױה פֿלאַקערט;
זעט ער ריכטיק דעם מלאכים־כּתבֿ, די תּגין *),
קען די אױגן זײנע אײגענע ניט גלױבן,
װי עס טוט אַזױ דער סופֿר עליון װאַגן,
צירקלען גאַנצע שיר המעלותן פֿון אױבן,
פֿלאַם־רױט אױפֿן הימל־פּאַרמעט אױפֿן בלײכן —
זאָל עס װאָס באַדײטן? זאָל עס זײן אַ צײכן,
אַז דער טאָג פֿון חורבן װערט דער טאָג פֿון גאולה,
װערט דער טאָג פֿון בנין, װערט דער טאָג פֿון גדולה?

אױ, דערבאַרמדיקער!

---

יה, אנה אמצאך? מקומך נעלה ונעלם!
ואנה לא אמצאך? כבודך מלא עולם!

און װי פּשוט, װי טאַלאַנטפֿול און װי װאונדערלעך די באַאַרבעטונג איז אַרױסגעקומען — אַזױ פֿאָלקסטימלעך און אַזױ געהױבן!

װאָס האָט אַזאַ פּערזאָן, װי רב׳ לוי יצחק, איבערגעלעבט אין תּשעה באָב? דאָס איז די פּראָבלעם פֿון מײן פּאָעמע, געבױט אױף אַ מעשה׳לע, װאָס װערט װעגן אים דערצײלט. און עפּעס ענלעכעס איז געװיס מיט אים פֿאָרגעקומען. לױט אַ מאמר אין גמרא, דאַרף משיח קומען אין תּשעה באָב. און דער טאָג פֿון חורבן איז געװען פֿאַר פֿילע פֿון די עקזאַלטירטע קאַבאַליסטן אַ טאָג פֿון גרױסע דערװאַרטונגען און ביטערע אַנטױשונגען.

א. ליעסין.

*) תּאַגין — אָרנאַמענט־שטריכן איבער די אותיות.

און אין שול דערביי, אין טרערן אויסגעווייקטע,
אין די זאָקן נאָר, אויף שטענדערס אויף צעלייגטע,
אין אבלות צו דער ערד די קעפּ געגייגטע,
וואַרטן אידן מיט די קינות אויפן רב.

און ביי זיך אין הויז, פון גרויסן צער באַנומען,
וואַרט דער רב ביים פענצטער, מוכן ומזומן,
אפשר וועט משיח טאַקע באַלד נאָך קומען,
מיט די פלאַם־וואָלקנס, אין נאַכט פון תשעה־באב?

קוקט דער רב, עד כלות הנפש איינגעשפּאַרט,
קוקט וואו דורכן פענצטער טיף אין זיך און וואַרט,
און וואָס פאָרכמאַרקער דער אָוונט־הימל גליט,
אַלץ פאַרצווייפלטער צעברומט זיך זיין געמיט,
ווי ער טראַכט פון פאָלק ישראל פון דעם ליבן,
וואָס ער וויינט ביי קינות איצט צונויפגעקליבן —
אַלע אידן מיט איין שטים אין ברוידער,
אויף דער גאָרער וועלט, אין שולן טויזנטער,
אומעטום, ווי מעקענע, פאַרטראָגענע,
פאַר גאָטס־נאָמען אַלע טאָג געשלאָגענע,
רופן פון דער נאַכט, פון וויסטעניש פון בייזער:
קומט ער, קומט דער גואל צדק, דער דערלייזער?

אוי, דערבאַרמדיקער!

טוט דער רב די אויסגעווייינטע אויגן הויבן
צו די סודות'פולע לויטערקייטן אויבן
און דערזעט אַזעלכעס, וואָס עס זעט ניט יעדער:
אָפּשיינען פון שטול פון גאָט און פון די רעדער,
העכערע צירופים, שיין פון שם המפורש,

ציִען קדושה־פֿונקען, ציִען אַלץ צום שורש,
רייסן זיך פֿון קליפּות פֿינצטערע און רייסן,
צום געלייטערטן, צום זיבערן, צום ווייסן,
און אין מיטלפּונקט פֿון עולמות אָן צאָלן,
פֿעלדער און היכלות, ליכטיקסטע קריסטאָלן.

שיינט דער בית המקדש, שיינט ירושלים
אין אַ שיין אַ זיבן־זוניקן, אַ נייעם.

בונטעוועט ביים רב אַנטקעגן גאָט דאָס האַרץ,
ווען ער זעט, ווי אויף דער ערד איז שפּלות־שוואַרץ —
אויבן הערלעכקייט און אונטן אַלץ פֿאַרשמאַכט,
אָן אַ פֿאָלק אַ טעמפּל און אַ האַר אָן קנעכט.

אוי, דערבאַרמדיקער!

קרעכצט ער איבער אַלע קרעכצן פֿון ישׂראל
אונטער דער פֿאַרפֿלוכטער הערשאַפֿט פֿון סמאל —
ביי דעם פּאָליאַק, ביי דעם קאָזאַק, ביי דעם טערק,
צווישן פֿעלדער בראַנפֿן, אויף די וויסטע מערק,
בלודנע, בזויה׳דיקע, אומגעטריבענע,
דאָך געהייליקטע און טריי־געבליבענע,
טויזנטער פֿון יאָרן אין די ווילדסטע שרעקן,
דאָך אין קדושה גרייט דעם האַלז צום חלף שטרעקן.
ווען זיי שוין זען די גאולה די געגאַרטע?
צי זיי בלייבן ווייטער־ווייטער אָפּגענאַרטע?

אוי, דערבאַרמדיקער!

און אין גרויס עקסטאַז, אין גבורה אין געהיימער,
טוט זיך אויס דער רב דער הייליקער פון חומר,
רייסט ער אויף די וועלטן, טרייסלט אויף די גרונטן,
מאַכט אַ גרויסע איבערקערעניש פון אונטן —
דאָ פון אונטן: אתערותא דלתתא *)
פאַר די דרי מעלה פון די דרי מטה **)
און ער איז מצרף, און איז מכוון,
טוט אַ שטייג אַרויפצו אין אַ שוואונג אַ בראַוון,
און כהרף עין, און אַדורכגעפלויגן
אַלע זיבן הימלען, ווי אַ פייל פון בויגן...
ברעכט שוין אויס אויך אויבן דער גערודער גיך —
אתערותא דלעילא! ***) וואונדערלעך!
זעט ער, ווי מיכאל, שר פון פאָלק ישראל,
רייסט זיך שוין פון קייט פון פינצטערן סמאל,
און מלאכים פיל, געפליגלטע לעגיאָנען,
און נשמות פון די קדושים אין מיליאָנען,
ווי זיי שיינען מיט די פיינען אין די בלוטן —
אַלע שטורעמען די מחנות פון ניט־גוטן;
לויכטן אויפגעעפנט אַלע קדושה־רערן,
און עס קענען שוין די קליפות זיך ניט ווערן,
נאָך אַ ווײַלע, און מיטן שטן איז שוין אויס —
אוי, איר אבות, איר אמהות, העלפט אַרויס!

---

*) איסאַרוסאָ דילטאַטאָ — די אויפוועקונג (פון גייסט), די אויפרודערונג אונטן.

**) דאָריי מאַלע, דאָריי מאַטאָ — אויבערשטע איינוואוינער, אונטערשטע איינוואוינער.

***) איסאַרוסאָ דילאוילאָ — די אויפוועקונג, אויפרודערונג אויבן.

פּאַטשט דער רבּ אין גרויס התלהבות מיט די הענט,
ווי ער בעט זיך, ווי ער טופּעט, ווי ער ברענט:

אוי, דערבּאַרמדיקער!

וואַרט מיט שרעק דער שמש לאַנג אין טיר און זעט,
ביז ער טוט אַ זאָג: עס איז שוין, רבּי, שפּעט.

און דער רבּ דערפילט ביים שטילן רוף פון שמש,
ווי ער פאַלט אַרונטער אין אָפּגרונט ממש,
און זיין ברענענדיקער בליק, זיין עקזאַלטירטער,
לעשט זיך אויס, אַ בלאָנדזשענדיקער, אַ פאַרווירטער;

ווי פון הימל שווינדן פּלוצלונג די עליונים,
און ער זעט פאַר זיך ניט אין די הויכן קיינעם.
אַלץ איז אויסגעלאָשן, ניט קיין שטראַל קיין מינדסטער,
וואָלקנס שווערע, לערע, פינצטער, פינצטער, פינצטער!
און עס בלייבט רק אומגליק, און עס בלייבט רק וויסט,
און די פאַרבּטיקסטע תּחבולה איז אומזיסט;
מלכות, וואָס איז שכינה און די צענטע ספירה,
ליגט דאָך אויך און פינצטערט אין די הימלען אירע;
אויך דער כּביכול, אין זיין צער זיין שווערן,
טרויערט, ווי אַן אבל, און ער וויינט מיט טרערן;
גלות אונטן, אויבן, חורבן אומעטום,
טראָגט דורך אַלע וועלטן יאָמערלעך גאָטס ברום:
וויי די קינדער, וואָס דער פאָטער האָט פאַרטריבן!
וויי דעם פאָטער, וואָס ער איז אַליין פאַרבליבן!

און באַגאָסן מיט אַ שווייס פון גרויסן פּיין,
טוט דער רבּ זיך באַלד אַ וואָרף אין שול אַריין,

און עס נעמט דער גאַנצער עולם ציטערן,
ווי ער שלוכצעט אין געוויין אין ביטערן:

איכה ישבה בדד!

1934

## גייט דער צדיק אָפּריכטן גלות

גייט ער צופוס, אַ פאַרשטעלטער,
אָפּריכטן שטילערהייט גלות;
לויפט אים דער וועג, אַ באַהעלטער,
טראָגן, ווי פליגלען, די פּאָלעס.
ווערט ער וואָס ווייטער דערווייטערטער
פון דעם יריד אין פיר ווענט;
פילט ער זיך ריינער, געלייטערטער,
פילט ער זיך פריי שוין צו ענד.

פריי פון די קוקער און הערער,
פּטור פון בענטשן און שילטן,
פריי פון דער לאַסט פון דער שווערער
פאַר אַ דערוויילטן צו גילטן;
טוט זיך קיין פרעמד אויג ניט קלאַמערן
דאָרשטיק אַרום זיין פּערזאָן;
גייט ער צום העלערן, גראַמערן,
אויסגעלייזט פון אויבן־אָן.

פאַלן די לאַסטן אַרונטער,
פילט ער אַ ליכטיקע פּוסטקייט;
לויכט דאָרט אַ וואונטש אַזוי מונטער,
לויכט דאָרט אַ כוח־באַוואוסטקייט;
גייט ער, אין וואַרטונג אין פרייידיקער,
דרייסט צו אַ ניי־לעבן, פריי —
מיט אַ נשמה אַ ליידיקער
אויפנעמען וועלט פון דאָס ניי.

גייט ער און קוקט אין די גראָזן,
מיט אַ פּאַרטייפטקייט אַ ליבער,
גלייך ווי מען וואָלט אים געלאָזן
אָפן אַ געטלעכן חיבור.
טראַכט ער דאָך טראַכטונגען פּשוטע,
העלע, ווי לאָנקעס מיט היי;
דופטן אַרויס ניט־געקאָשעטע
אַלערליי סודות פון זיי.

טוט זיך אין גליק אומגעריכטן
שטראַליקעס וואָס אים אַנטפּלעקן,
ווי אין אַ וואַלד אַ געדיכטן
וואָלט ער אַ דורכלויכט אַנטדעקן.
לאָזט ער זיך דרייסט צום פאַרשפּראָכענעם,
ערגעץ אין לויטערער ווייט —
שטייגן אין מוט ניט־געבראָכענעם
הויך ביז צו פאָלקאָמענהייט.

ווערן די פלאַנצן זיין עולם —
זאַנגל און גרעזל און בלימל;

ווערט דער רבונו של עולם
נעענטער אויך מיטן הימל;
ליכט אים אין פעלד־ליכט אין פּרעכטיקן,
ווענטלאָז און דאַכלאָז, אַ שול;
איז זי מיט רום פון אַלמעכטיקן,
שטראַלנדיק־גרין, אַזוי פול.

זינגען אין כאָר אין דערוועקטן,
פול מיט געבעט און אַנטציקן,
פויגלען אַרום און אינסעקטן,
גיט ער זיי אַלעמען תיקון.
פילט ער זיך זעלטן, טשיקאַוועסדיק,
ווי ער זינגט־מיט אין געמיש,
לייזט מיט זיי אויף זיך, התלהבותדיק,
גלייך ווי מיט חסידים ביים טיש.

ווערן די לאָנקעס די גרינע
פול מיט געזאַנגען פון הלל,
זיינען אין שיין פון דער שכינה
אַלע אין חלל מתפלל;
ווערט ער אַזוי, אַ צעזונגענער,
איינער פון אַלע אַרום;
ווערט ער אַ גריל אַ צעקלונגענער,
ווערט ער אַ דופּטיקע בלום.

גייט ער אַזוי מיט די גרילן,
גייט ער אַזוי מיט די בלומען,
אין עקזאַלטאַציע פון ווילן,
דאָך פון אַ צווייפל באַנומען —

װעט ער, באַפֿרײַט פֿון געפּענקעניש,
שװין מיט גאָטס־חסד און חן,
טאַקע צום סוף אין זײַן בענקעניש
ביזן שפּיץ לײטער דערגײן?

גײט ער און גײט, אַ פֿאַרשטעלטער,
אָפּריכטן יאָרן־לאַנג גלות;
לױפֿט אים דער װעג אַלץ באַהעלטער,
טראָגן, װי פֿליגלען, די פּאָלעס:
פֿילט ער זיך לאַנג אַ דערװײטערטער
פֿון דעם אַמאָל און אַלצדינג —
הײליקער אַלץ און געלײטערטער,
און אַזױ גרינג, אַזױ גרינג.

1935

# הירש לעקערט*)

זיי האָבן רווישלאָז, אין די שעה'ן אין די שפּעטע,
פון טורמע, ווי גנבים, אים אַרויסגענומען,
און אונטער שטאַרקער וואַך, פאַרהאַקט אין אַ קאַרעטע,
געפירט, באַגלייט פון רייטער, אין פאַראַד אין שטומען —
געפירט אים פאַרזיכטיק, אין טויטקייט פון באַגינען,
אַז קיינער זאָל זיך אויף די גאַסן ניט געפינען.

און ביזן „מיליטער־פעלד", ערגעץ הינטער שטאָט,
וואו פינצטער האָט דערוואַרט אים שוין דער עשאַפאָט.

און אויפן פעלד איז אַן אַרמיי געווען פאַרבאָרגן,
געשטאַנען אונטער ביקסן מיטן בליק צום תליון,
צו זען דעם שוסטער־יונג דעם אידישן דערוואָרגן,
צום רום צום הערלעכן פון קייזער און פאָן־וואַליען;
פיר באַטאַליאָנען האָט מען שטיל צונויפגעטריבן,
ווי שטורעמען גאַנץ ווילנע וואָלט מען זיך געקליבן.

---

*) איך האָב וועגן לעקערטן געשריבן איינציקע מאָל: באַלד נאָך זיין טויט, אין אַ יאָר שפּעטער, צו זיין יאָרצייט, אַן אונטערגעשריבענעם לייט־אַרטיקל אין „פאָרווערטס", וואָס מען האָט דעמאָלט דעקלאַמירט אויף דער יאָרצייט־פאַרזאַמלונג; אין צוויי יאָר שפּעטער, מיט דרייסיק יאָר צוריק, אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג אין „צוקונפט" (מאַי און יוני נומער, 1904); נאָך אַ פּאָר מאָל. דאָס איז אָבער אַלץ געווען אין פּראָזע. אין פערזן שרייב איך וועגן אים צום ערשטן מאָל — אַ הייליקער חוב, וואָס איך דערפיל איצט. א. ליעסין.

אָט קומט שוין די קאַרעטע און ער גייט אַרויס,
ווען הויך אין מזרח־הימל ברעכט די רויטקייט אויס.

דערזעט ער דייטלעך שוין פֿאַר זיך דעם עשאַפֿאָט
און האַרט דערבײַ די גרוב, פֿאַר אים געגראָבן פֿריש;
צעיאָמערט זיך זײַן האַרץ, ער מאַכט צוריק אַ טראָט,
און פֿאַר די אויגן גיט זיך אַלעס ווילד אַ מיש —
ווי ליב דאָס לעבן שמייכלט, ווי די וועלט איז שיין,
ווי ווייניק גוטס געזען און מוז אין גרוב שוין גיין!

נאָר איין מינוט פֿון שוואַכקייט, ווייטיקדיק און שווער,
און ווידער שוין דער שטאָלצער רעוואָלוציאָנער.

ער גייט צום עשאַפֿאָט, צום גורל זײַנעם, מונטער,
און הערט דעם פּסק אין מוט אין ווירדיקן, אין פֿעסטן,
און לאַכט דעם אָנבאָט פֿון פֿאַרראַט מיט האַס אַרונטער,
און נעמט מיט בליקן שפּאָטישע פֿאַרעכטלעך מעסטן
דעם שטײַפֿן, אָפֿיציעלן, פֿרום־צעגלאָצטן פּנים
פֿון טויט־צעשראָקענעם ראַבינער, דעם קאַזיאָנעם.

אָט בינדט מען אים די הענט, אָט זעט ער שוין די שטריק,
אָט קומט שוין, קומט שוין אָן דער גרויסער אויגנבליק.

ווי טוט ער זיי פֿאַראַכטן — זיי און זייער שטראָף!
ווי קוקן זיי אויף אים פֿאַרחידושטע, די קנעכט!
און אָט שוין פֿאַלט די פּעטליע אויף זײַן נאָז צום סוף,
געוואָרפֿן פֿון דעם תּליון אומגעלומפּערט־שלעכט;
טאָ כאַפּט ער, הענט־געבונדן, פֿלינק זי מיטן קאָפּ
און טרייסלט זי אַליין־שוין אויפֿן האַלז אַראָפּ.

און באַלד אין מאָרגן־גרינקייט, הויך אין תּליה־קנופּ,

צעוויגט זיך עלענדיק אַ בלויער, קאַלטער טרופּ.

אַט ליגט ער שוין אַ ברמינן אין גרוב פאַרשאָטן,
און איבער אים דער חייל לויפט אין מאַרש אין גיכן;
עס האָבן טויזנטער סאָלדאַטסקע פיס געטראָטן,
און מיט דער פלאַכער ערד דעם קבר אויסגעגליכן;
און זיכער, אַז זיין זכר וועט שוין זיין פאַרגעסן,
צעפאָרן זיך די הענקערס פרישטיק אָפּצועסן.

דאָך שפּעטער שוין אַ ווײַלע, מיט דער זון צוזאַמען,
איז לעקערט אויפגעגאַנגען אין די רויטע פלאַמען.

עס איז אין קבר אין צעטראָטענעם געבליבן
פאַרהוילן נאָר דער מת, וואָס וועט דאָך באַלד צעפוילן,
ווען הויך אַריבער קבר, מיט אַ שיין אַ ליבן,
האָט אויפגעשיינט דער העלד, וואָס ווערט שוין ניט פאַרהוילן;
ער איז פון „מיליטער־פעלד" ליכטיק אויפגעשטאַנען
אין קדושה־אָרעאָל, וואָס קען שוין ניט פאַרוויאַנען.

ער האָט זיך איבער די מיליאָנען קנעכט פון צאַר דערהויבן,
און אויפגעוועקט דעם שטאָלץ און אויפגעוועקט דעם גלויבן.

אַן אָרעם געטאָ־קינד פון נידעריקסטן נידער,
אַ לעבן אַזוי קורץ, אַ לעבן אַזוי ביטער,
וואָס האָט אין אונזער גרויקייט אויפגעבשופט ווידער
דעם איידעלסטן ראָמאַנס פון וואונדערלעכן ריטער —
אַ ראַכע־נעמער פאַרן כבוד דעם פאַרשוועכטן
פון קלאַס, וואָס איז געווען דער שפּלסטער נאָך נעכטן.

א פאָרגייער, וואָס האָט, אין ביישפּיל אין דערהויכטן,
אַ גרויסן קעמפער־דור מיט זיין געשטאַלט באַלויכטן.

1934

# דער שמיד*)

צום אָנדענק פון בויסקער שמיד, שמואל פרידמאַן, וואָס האָט געשמידט די קינזשאַלן פאַרן זעלבסט־שוץ און איז דערשאָסן געוואָרן פון די קאָזאַקן אין דעצ. 1905.

**ניט לוסטיק פריי אין פעלד,**
**אין העלן זונען־שיין,**
**דערשיינט פאַר מיר מיין העלד,**
**מיין ריטער ליב און פיין;**
**ניט אויפן הויכן פערד,**
**אַ שטאָלצער רויבער־הער,**

---

*) דעם אָנהויב פון דער פּאָעמע (די ערשטע זיבעציק שורות) האָב איך אויפגעשריבן נאָך מיט 28 יאָר צוריק, אין דער שווייץ, וואו איך האָב געהערט (פון פ. קורסקין) די טראַגישע מעשה פון אַ בויסקער שמיד, אַ טאַטע פון פינף קינדער, וואָס האָט געשמידט געווער פאַרן זעלבסט־שוץ, און איז, ביים אונטערדריקן פון אויפשטאַנד אין די באַל־טישע פּראָווינצן, פון די קאָזאַקן דערשאָסן געוואָרן. פון די פּאָר מאָגערע פאַקטן, וואָס איך האָב געהערט, האָב איך דערזען אין דעם שמיד פון קורלאנדישן שטעטל די נשמה פון אַ רבי עקיבא, וואָס איז אויך, ביים אונטערדריקן דעם בר־כוכבא־אויפשטאַנד, פון די רוימער ניט אַנטלאָפן און ער האָט געוואַרט אויפן תליון. אונטערן פרישן איינדרוק האָב איך אַרום יענער צייט אויפגעשריבן מיין פּאָעמע „רבי עקיבא“, וואָס האָט געזאָלט אַריינגעפלאָכטן ווערן אין דער פּאָעמע וועגן שמיד. ביידע, דער אָנהויב פון דער פּאָעמע וועגן שמיד און די פּאָעמע וועגן רבי עקיבא׳ן,

אין קיווער און אין שווערד,
אין פּאַנצער רייך און שווער.

אין שוואַרצן קוזשנע־הויז,
ביים רויטן האָרנע־שיין,
דאָרט שטייגט מיין העלד אַרויס,
מיין ריטער ליב און פיין.
דאָרט אונטערן האַמערס ליד
און אונטערן בלאָז־זאַקס ברום
האָט וואונדערלעך געבליט
זיין פיינסטע ריטערטום.

אָ זינג, אָ זינג, מיין ליד,
צום כבוד און צום רום
פון אָט דעם וואונדער־שמיד
און קוזשנע־ריטערטום!
די אַלטע ריטער־וועלט,
פון שיינקייט וואונדער־ווילד,
האָט נ י ט אַרויסגעשטעלט
קיין פּרעכטיקערן בילד.

עס רופט די גרויסע צייט
די ריטער אירע גרייט

---

זוינען דעמאָלט אָפּגעדרוקט געוועזן, איינע נעבן דער אַנדערער, אין אַ יובילעאום־אויסגאַבע פון „פאָרווערטס".

דאָס בילד פון דעם שמיד, ווי איך האָב זיך אים פאָרגעשטעלט, האָב איך די גאַנצע 28 יאָר געטראָגן אין מיין זכרון, און איך האָב איצט, לויט דעם דעמאָלטיקן איינדרוק און טיילווייז אויך לויט דעם דעמאָלטיקן פּלאַן די איבעריקע טיילן פון דער פּאָעמע אויפגעשריבן.

א. ליעסין.

צום גרויסן פרייהייט־שטרייט,
אין ליידן איינגעווייט.
און הערט ער צו דעם רוף,
טאָ נעמט ער שטיל און פריי
די טויט־ענויים אויף,
דעם ריטער־נדר טריי.

אָ זינג, אָ זינג, מיין ליד,
צום כבוד און צום רום
פון אָט דעם קדוש־שמיד
און זיין מארטירערטום!
די אַלטע קדושים־וועלט,
אין אָרעאָל פאַרהילט,
האָט נ י ט אַרויסגעשטעלט
קיין שטראַליקערן בילד.

* * *

עס האָבן די אייזנס געגליט,
געגליט און געגליט;
ער האָט די קינזשאַלן געשמידט,
געשמידט און געשמידט.
עס האָט אין די אייזנס געגליט די נקמה,
די הייליקע, רויט;
געקלאַפּט האָט דער האַמער צום טאַקט דער נשמה:
אַ קאַמף ביזן טויט!

אַ קאַמף ביזן טויט — די גזלנים!
אַ קאַמף ביזן טויט — די תלינים!

עס האָבן די פונקען געשפּריצט,
געשפּריצט און געשפּריצט;
אַ קלינג נאָך אַ קלינג האָט געבליצט,
געבליצט און געבליצט;
עס האָט אין די פונקען געטראָגן דער כוח,
דער הייליקער, רויט;
עס האָבן די קלינגען געבליצט אים אין מוח:
אַ קאַמף ביזן טויט!

אַ קאַמף ביזן טויט — די גזלנים!
אַ קאַמף ביזן טויט — די תּלינים!

עס האָט אים דער בלאָז־זאַק געברומט,
געברומט און געברומט;
דער משפּט דער גרויסער, ער קומט,
ער קומט און ער קומט!
ער קומט, ווי דער צאָרן פון פאָלק, דער באַפרייער,
דער הייליקער, רויט;
ער דונערט דורך טויזנטער צינגער פון פייער:
אַ קאַמף ביזן טויט!

אַ קאַמף ביזן טויט — די גזלנים!
אַ קאַמף ביזן טויט — די תּלינים!

אַזוי האָט די קוזשניע גערעדט נאָכאַנאַנד
איר פלאַמיקע שפּראַך,
ווען האָפענונגספול האָט דאָס צערודערטע לאַנד
געוואַרט אויפן קראַך.

און פלאַמיקער האָט זיך דער אויפשטאַנד צעשפּרייט
און כּחות געזאַמלט,
און הענקערס שוין האָבן צעשראָקענערהייט
פון פרייהייט געשטאַמלט.

ער הערט רק דעם אָפּהילך, דער שווייגנדער שמיד,
פון דונערן־רייד,
און דאַרשטיקער פליט אים דער האַמער און פליט
און האַמערט זיין פרייד:
צי ווערט עס די גרויסע דערוואַרטונג פון דור
מקוים שוין ריכטיק?
ווי שיינט זיבנפאַרביק אין פאַרשטעלונג נאָר
די פרייהייט אים ליכטיק!

אַט הערט ער, עס צינדט מיט די בונטן זיך אָן
שוין יעדער זאַוואָד;
אַט רירט זיך ניט מער שוין אין לאַנד קיין וואַגאָן,
שטיל שטייט יעדע ראָד;
אַט וויהט אומעטום שוין די אַרבעטער־פאָן,
אַט שיקט דער טיראַן פון זיין וואַקלענדן טראָן,
אין פּחד אין גרעסטן,
צום פאָלק מאַניפעסטן.

און פיבערהאַפט שמידט ער פון אייזנס, דער שמיד,
זיין אָנגעגליט ליד;
עס טוט אים מיט בונט יעדער פליענדער פונק
אַ גליענדן וואונק;
עס שאַלט אים אין קלונג פון געהאַמערטן שטאָל
פון מאַסן אַ קול;

ער זעט דורך פלאַם זיי אין רויט אין צעשטראַלטן,
די העלדן־געשטאַלטן.

אָט טוט מיט פאַראייניקטע פּלייצעס אַ שפּאַר
דער אַרבעטער־קלאַס;
אָט פאַלט פון די ליימענע פיס שוין דער צאַר
אין בלוט פון זיין האַס.
און פיבערהאַפט שמידט ער, דער שמיד, און ער ברענט:
אַ, זאָלן נאָר סטאַיען
אין הייסן מאָמענט פאַר די ווילדע הענט
כלי זיין! כלי זיין!

* * *

געזיגט האָט דאָך דער קאָזאַק און די שוואַרצע שאַיקע —
די זשוואַוועס, דראָטענע עכט־רוסישע נאַהאַיקע.

אומזיסט געווען דער פחד! און די טיראַניי
דערטרינקט שוין בראַוו די בונטן אין איר הייסן בליי.

און וואָס עס לאָזט נאָך איבער גאַנץ די קויל די גראָע,
דערענדיקט אין פּאָגראָמען באַלד די חיה רעה.

מען קוילעט אויפן דאָרף, מען קוילעט אין די שטעט —
אַלץ אונטער גלאָק און הימן און דעם צאַר'ס פּאָרטרעט.

עס גייען אום די גרוילן דורכן לאַנד דעם ברייטן
רק שוואַרץ אַזוי און שוואַרצער איינער פון דעם צווייטן.

דאָך האַמערט אַלץ דער שמיד, עס שאַלן קלונג נאָך קלונג:
עס וועט נאָך קומען דאָך דער טאָג פון רעכענונג!

ער שטייט און שמידט און גליט, פֿאַראומערט און פֿאַרביטערט,
און מעכטיק פֿאַלט דער האַמער, אַזש די קוזשנע ציטערט.

עס שאָטענען די קדושים אַלץ פֿאַר אים אַרויס,
ער פֿילט פֿאַר זיי די ערבֿות שאַרף אַזוי און גרויס.

עס פֿאַלט און פֿאַלט זיין האַמער מיטן קלונג דעם שווערן,
אַ פֿייער אין זיין בליק, אַ וואָלקן אויף זיין שטערן.

עס קייכן אים די טעג, עס סקרוכענען די נעכט:
אָ, קאַמף, וואָס איז געשענדט! אָ, דור, וואָס איז פֿאַרשוועכט!

אָט זעט ער האַלז צו האַלז צעשאָכטענע, ווי לעמער;
זיי קוקן מאָנענדיק: אָ, אונזער ראַכע־נעמער!

אָט זעט ער זויג־קינדער, צעשמעטערטע אָן וואַנט,
ער הערט אַ פֿרויען־טויט־קרעכץ, איינגעשטומט אין שאַנד.

אָט זעט ער פּנימער פֿון גוט באַקאַנטע יונגען,
וואו קאַמף־מוט האָט ניט לאַנג פֿון יעדן שטריך געזונגען.

ער זעט זיי ביי די ווענטלעך, שוין צעשאָסענע,
אין טויט פֿאַרגליווערטע, מיט בלוט פֿאַרגאָסענע.

עס מאָנען טויטע אויגן רק פֿון ברידער־קבֿרים,
און ווילדער פֿליט דער האַמער אין זיין שטאַרקן אָרעם.

דאָך שיינט אים אַלץ דאָס ליכט אין רויט־צעשטראַלטן רוים,
ער שמידט פֿון ווייטער וואָר נאָך אַלץ זיין גרויסן טרוים.

און ווי עס ברומט דער בלאָז־זאַק, ברומען אים גערדאַנקען,
און פּלענער, ווי קינדזשאַלן, קלינגען אויף און בלאַנקען.

ער שטייט און שמידט און גליט, עס שאַלן קלונג נאָך קלונג:
עס ווערט נאָך קומען דאָך דער טאָג פון רעכענונג!

* * *

ער שמידט, און די וועגן די בלאָטיקע לויפן
דורך פייער און שווערד;
עס הירזשען ביי ברענענדע דערפער און הויפן
די קאָזאַקשע פערד;
מען פליט אין די וועלדער אַוועק פון די שטיבער;
דער שמיד נאָר בלייבט איבער.

אָט שפּירט אים דער בלוט־פיינט, אָט לייגט זיך אַלץ ענגער
דער רינג אַרום אים;
אָט ווערט ער ניט קענען זיך ראַטעווען לענגער,
אָט הערט ער אַ שטים:
דו ביסט דאָך אַ טאַטע פון קליינינקע קינדער —
אַנטלויף וואָס געשווינדער!

דאָך קען ער ניט לויפן; עס טוט אים אַלץ האַלטן
צום פאָסטן געשמידט
דער קהל פון טויזנטער מארטער־געשטאַלטן,
צי וויל ער, צי ניט;
ער קען ניט דעם פלאַם פון דער קוזשנע פאַרלעשן,
ער קען ניט פאַרגעסן.

איז לאַנג דאָך דער ברום פון דעם בלאָז־זאַק געוואָרן
דער ברום פון זיין זעל;

דער פּלאַם איז געווען דאָך זיין ברודער אין צאָרן,
וואָס ברענט אַזוי העל;
עס שפּריצט אין די פונקען דער אימפּעט פון ריטם,
וואָס ברויזט אין געמיט אים.

ער שמידט, און זיין קהל צעוואַקסט זיך אַלץ גרעסער
אין גלוט־רויטן גלאַנץ;
צי איז ער פון אַלע די טויזנטער בעסער,
אַרויסצוגיין גאַנץ!
ער שטייט ביי די פלאַמען, וואָס וואַליען און כוואַליען,
און וואַרט אויפן תליון.

און באַלד איז די שטראָף־עקספּעדיציע געקומען
און האָט אים פאַרנומען.

ער האָט מיטן קוזשנע־פּלאַם שטיל זיך צעזעגנט
און גרייט זי באַגעגנט.

ער גייט נאָר אַ קוש טאָן אין שטימונג אין לינדער
דאָס ווייב און די קינדער.

און קומט באַלד אַרויס, מיט די הענקערס אינאיינעם,
אין מאָרגן אין שיינעם.

און שטעלט זיך אַוועק מיטן בוזים דעם הוילן
אַנטקעגן די קוילן.

1934

# אַ קראַנץ אויף אַ קבר

(צום אנדענק פון פרומע פרומקין)

זי האָט אין די שטראַליקע אויגן געטראָגן
דעם צער פאַר דער מענטשהייט פאַרבאָרגן,
און קיינמאָל נאָך האָט ניט דער שטריק פון אַ תליון
אַ פרומערן לעבן דערוואָרגן.

די וועלט פון געמיינהייט, די גרויקייט, די אומרעכט,
זיי האָבן מיט הענט ווי געשטיקט זי;
און כאָטש אָן אַ סוף איז געוועזן איר גוטסקייט,
האָט גאָרנישט אין לעבן באַגליקט זי.

זי האָט פון מארטירערטום שטענדיק געחלומט,
געשמאַכט אויף דער ערד אַ פאַרפרעמדטע,
געוואַרט אויפן טויט־שטראָף, אַזוי ווי אַ כלה,
אַ הייליקע און אַ פאַרשעמטע.

זי האָט זיך פיל יאָרן געגרייט צו דער תליה,
ביז ענדלעך די שעה איז געקומען;
דאַן איז זי אין פעטליע אַריין אַזוי גערן,
אין גרויסן עקסטאַז, אין אַ פרומען.

אַזוי זיינען אונזערע מוטערס געגאַנגען
אויף קידוש השם פאַר אַ קרבן,
און האָבן געמאַכט אויפן חלף אַ ברכה,
און אמן געזאָגט און געשטאָרבן.

ניו יאָרק, 1919.

דריטע אָפּטײלונג

# ביי דער וואַנט



# ביי דער וואַנט

## 1

## די קינדער און די שטיינער

די נאַכט פון תשעה באב, די אַלטע בילדער
פאַרפאָלגן מיך, ווי שאָטנס, נאָכאַנאַנד —
די וויסטע קינדער פון דער עלטסטער אומה,
די וויסטע שטיינער פון דער עלטסטער וואַנט.

איך הער דעם יאָמער. תשעה באב'ס אָן צאָלן,
אַ גלות פול מיט חורבן ברומט אין זיי,
און נישט פאַרלאָשן איז די עלטסטע האָפענונג,
און נישט פאַרגעסן איז דער עלטסטער ווי.

די נאַכט פון תשעה באב. און פלאַמיק זע איך,
אין יעדן אָפּשיין פון אַ נייעם בראַנד,
נאָך אַלץ די קינדער פון דער עלטסטער אומה
ביי יענע שטיינער פון דער עלטסטער וואַנט.

איך זע און ווייס: עס קען נישט גיין פאַרלאָרן
דאָס פאָלק, וואָס וואַרט יאָרטויזנטער אַזוי,
און טראָגט נאָך אַזוי היים די עלטסטע האָפענונג,
און פילט נאָך אַזוי טיף דעם עלטסטן ווי.

ליווינגסטאָן מענאָר, 1920.

## 2

## דער זעלאַט

איך זע זיי, די שטיינער, וואו אַש־גרוי נאָך ציטערט
דער אָפּקלאַנג פון חורבן־געשריי;
איך זע אים, דעם אָפּשיין פון נאַכט פון פאַטאלער,
וואָס פלאַטערט נאָך פאַרכטיק אויף זיי.

און אָט ביי די שטיינער אין בלוט איז געלעגן
אַ טויטלעך פאַרוואונדעטער זעלאָט,
וואָס האָט שפּאַן־פאַר־שפּאַן, ווי אַ לייב, זיך געשלאָגן
אין שיין פון דער ברענענדער שטאָט.

און פאַלנדיק האָט ער זיין זעאונג די לעצטע
געזען מיט אַ שטאַרבנדן בליק:
עס פאַלט אויך טויטלעך־פאַרוואונדעטע די אומה
און וועט שוין נישט אויפשטיין צוריק.

און שטאַרבנדיק האָט ער געקושט אָט די שטיינער,
באַנעצט מיט זיין גלויטיקער טרער,
געזעגנט זיך היים פאַר דער אומה דער גאַנצער,
וואָס וועט זי נישט אָנקוקן מער.

און איצט, נאָך יאָרטויזנטער, שטייט ביי די שטיינער
אַן אור־קינד פון יענעם זעלאָט,
און קעמפט, אַז די אייביקע אומה זאָל האָבן
צוריק אָט די אייביקע שטאָט.

אַ, זיידע זעלאַט! נישט אַנטפלעקט איז געווען דיר
פון פינצטערן גלות דער שיין:
עס מעג אונזער אומה ווי טויטלעך־פאַרוואונדט זיין,
דאָך טויט וועט זי קיינמאָל נישט זיין!

אַ, זיידע זעלאַט! זאָלן ריידן די שטיינער!
ווי ברענט נאָך דער אַלטער באַגער,
ווי זידט נאָך אַזוי ווי אין נאַכט פון דעם חורבן
די טרער, אונזער אידישע טרער.

ליווינגסטאָן מענאָר, 1920.

3

## דער וואונדער

ניסט געשען איז דער וואונדער דער גרויסער
אין פאַרשאָלטענער תשעה באב נאַכט,
ווען מען האָט עקזאלטירט אַלץ דערוואַרט אים
אין דער לעצטער, פאַרצווייפלטער שלאַכט.

בליצט דער מקדש מיט גאָלד און מיט מארמער
פון דעם באַרג אַזוי שטאָלץ, אַזוי פריי;
אין דער וועלט אין דער גרויסער איין אָרט נאָר —
נישט באַזיגט נאָך פון רוים'ס טיראַניי.

כאָטש די אויסנווענט זיינען צעשטערט שוין,
כאָטש אַרום איז די שטאָט שוין פאַרברענט,
כאָטש געשוואָלן פון הונגער — די העלדן
האַלטן מוטיק נאָך וואַך אויף די ווענט.

און אָט לאָזן זיך שווער די לעגיאָנען,
פעסט אין אייזן און וועלט־זיג געשמידט,
און אָט שטויסן טאַראַנען די ווענט שוין,
און אָט וויגט זיך און קראַכט דער גראַניט.

אָבער שטאַרקער פון פעלז און פון אייזן
איז דאָס האַרץ פון די העלדן, דער ברען,
ווען זיי וואַרפן צוריק אָפּ דעם שונא,
און ווען איינער פאַריאָגט פון זיך צען.

נישט געשען איז דער וואונדער דער גרויסער
אין פאַרשאָלטענער תשעה באב נאַכט,
ווען געקעמפט האָט דאָס הייפל גבורים
אין דער לעצטער, פאַרצווייפלטער שלאַכט.

וואַרפט דער שונא אַ ברענענדן האָלץ־שטיק
אין דעם גאָלדענעם פענצטער אַריין,
בלאָזט אַ שטורעם פאַנאַנדער דאָס פייער,
הילט דער מקדש אין פלאַמען זיך איין.

הויך אַרויף שיסט אַ וואָלקן פון פונקען,
ברייט אַרום לויפן כוואַליעס פון פלאַם,
ברויזט פון אויבן אַ הימל אין פלאַקער,
ברויזט פון אונטן אַ פלאַמיקער ים.

און עס ווערן פאַרציטערט די העלדן,
און עס פאַלט זיי די שווערד פון די הענט,
און די כהנים לויפן צעמישטע,
און זיי שפּרינגען אין פלאַם פון די ווענט.

און דאָס פאָלק שטייט אין הויף פון דעם מקדש,
וואַרט אַ צייכן אין הימל צו זען:
ווען באַווייזן זיך גאָט אין נקמה?
ווען דער וואונדער דער גרויסער געשען?

אָ, נישט גאָט, נאָר דער שונא באַווייזט זיך,
רייסט זיך מעכטיק אַריין, ווי אַ ווינט,
און לייגט אַלעמען אוים, ווי די זאַנגען,
און ער שוינט נישט קיין פרוי און קיין קינד.

וואַרפן ווידער צום קאַמף זיך די העלדן,
נאָר עס דינט זיי שוין מער נישט די שווערד;
שפּאַלט דאָס ווײ־געשריי גוואַלטיק די הימלען,
נאָר עס ווערט נישט פון קיינעם דערהערט.

נישט געשען איז דער וואונדער דער גרויסער
אין פאַרשאָלטענער תשעה באב נאַכט,
ווען געזונקען אין בלוט איז די אומה,
און אין פלאַם האָט דער מקדש געקראַכט.

און געשען איז דער וואונדער ערשט שפּעטער,
ווען דער איד האָט אין גלות געשפּרייזט,
מיט די הענט שוין פאַרבונדן אויף הינטער,
אַ צעהאַקטער אין קערפּער, אין גייסט.

און געשען איז דער וואונדער דער גרויסער,
וואָס נישט האָבנדיק מער זיינע הענט,
האָט מען שלאָגן געקענט אים אָן אָפּהאַלט,
און דערשלאָגן אים אַלץ נישט געקענט.

און עס ציט זיך דער וואונדער ביז איצט נאָך,
דורך דער ווילדסטער, דער פּאַרכטיקסטער שטראָף.
אָ, ביז וואַנען, עד מתי, ביז וואַנען?
אָדער איז עס אַ וואונדער אָן סוף?

1920 ,ליווינגסטאָן מענאָר

## 4

## עליא קאַפּיטאָלינא *)

איך זע זיי, די תשעה באב נעכט נאָכן חורבן —
די קראַמפּן די ערשטע פון גלות;
איך הער די געוויינען אין גלוטן פון בענקשאַפט,
די יערלעכע יאוש־יללות.

עס קומען אַראָפּ אויף די חורבות געשפּענסטער
אין טרויער אין ווייסן פון שטראַלן;
זיי דרייען זיך אום אויפן באַרג, וואו זיי זיינען
אין קאַמפן אומזיסטע געפאַלן.

---

*) אַזוי האָט דער קייזער אַנדריאָנוס, וואָס האָט דערשטיקט אין ימען בלוט דעם אויפשטאַנד פון בר־כוכבא׳ן, אַ נאָמען געגעבן ירושלים, לכבוד דעם רוימישן הויפּט־גאָט יופּיטער פון קאפּיטאָלינא. אַ טייל פון דער שטאָט איז צוריק אויפגעבויט געוואָרן און איז שוין באַזעצט געווען פון געצנדינער, און אידן איז אונטער טויט־שטראָף פאַרבאָטן געווען אונטערצוקומען נאָענט אַפילו צו די חורבות. אין פאַרלויף פון אַ פּאָר הונדערט יאָר איז דער נאָמען ירושלים כמעט ווי פאַרגעסן געווען, ביז דער קייזער קאָנסטאַנטין, וואָס האָט אָנגענומען קריסטנטום, האָט צוריק אומגעקערט דער שטאָט איר אַלטן נאָמען.

אַזוי האָבן אויך די רוימישע קייזאָרים נאָכן חורבן (אספּאסיאנוס איז געווען דער ערשטער) אָנגעהויבן צו רופן ארץ ישראל פּאַלעסטינא, כאָטש די פּלשתים זיינען שוין זייט טויזנט יאָר פאַרשוואונדן געווען, און זיי האָבן קיינמאָל מער ווי אַ קליינעם פּאַס פון ים־ברעג ביט פאַרנומען. פּאַלעסטינאַ איז אַ רשעותדיקער נאָמען.

עס מורמלען די מתים: פאַרוואָס האָט מען זינלאָז
די לעבנס די הורבעס געגעבן!
די לעבן־געבליבענע יאָמערן ביטער:
פאַרוואָס האָט מען ז י י געלאָזט לעבן!

גאָטס־שטאָט, ירושלים הקדושה, זי האָט שוין
איר נאָמען אַפילו פאַרלאָרן;
זי איז פאַרן אָפּפאַל פון אַלערליי פעלקער
אַ היידנישער רינשטאָק געוואָרן.

גאָטס־טויער, וואו אויפגעלויכט האָט אין אַ וועלט־ליכט
דער איידעלער גייסט פון דער אומה —
איצט שטייט אויפן שפּיץ דאָרט אַ קאָפּ פון אַ חזיר,
אַ שפּאָט־בילד פון שמוץ און פון טומאה.

גאָטס־אָרט, וואו נאָר איינמאָל אין יאָר פלעגן טרעטן
די כהנים גדולים אין ציטער —
איצט שטייט אין טריאומף דאָרט דער שקוץ משומם,
דער רוימישער אָפּגאָט יופּיטער.

איך האָב אין דער אָב־נאַכט פון טרויער געהערט זיי,
די לעבן־געבליבענע ברומען:
ווי וואָלטן זיי ליבער אין גרוב שוין געלעגן,
דעם טויט אויף זיך גערן גענומען!

עס יאָמערן צווישן די חורבות שאַקאַלן;
דאָך קענען צו זיי זיך נישט גלייכן
די אידן, וואָס יאָמערן ווייט אין די טאָלן
און מוזן די באַרג־חורבות ווייכן.

דאָס זיינען די ווי‏סטע אבלים פון ציון!
זיי יאָמערן ווייט־ווייט אין שאָטן,
ווייל צוקומען נאָענט אַפילו צו קלאָגן,
איז זיי אונטער טויט־שטראָף פאַרבאָטן.

ווי ווילט זיך זיי צופאַלן הייס צו די חורבות,
און האַלזן די שטיינער און קושן!
ווי ווילט זיך זיי ליגן און אויסגיין אין טרערן
כאָטש ערגעץ ביים באַרג וואו צופוסן!

משוגע פאַר ווייטיק, אָט וואַרפט זיך אַהינצו
איין גרופּע און באַלד שוין אַ צווייטע;
דאַן פליען די פיילן פון באַרג פון די חורבות,
דאַן פאַלן אַלץ טויטע און טויטע.

די שמירה איז שטאַרק אויפן באַרג פון די חורבות!
עס וואַכט און עס שלאָפט ניט דער היטער;
אַ גאַנצער לעגיאָן שטייט אַרום און באַשירעמט
דעם רוימישן אָפּגאָט יופּיטער.

און הייליקער פלאַמט דער עקסטאַז; די אבלים,
זיי איילן צום טויט זיך און איילן;
און לוסטיקער גייט דער געיעג פון דעם צורר,
וואָס האָגלט אויף זיי מיט די פיילן.

זיי גייען אַנטקעגן דעם טויט צו די חורבות;
זיי גייען און וויינען און פאַלן,
און נייע שוין קומען זיי צו, די געשפּענסטער,
אין טרויער אין ווייסן פון שטראַלן.

איך האָב אין דער אָב־נאַכט פון טרויער געזען זיי,
דעם אָפּגאָט, די וועכטער, די שעכטער,
געזען דאָ דעם אָפּגרונט פון טייוועלשן בלוט־האַס,
געהערט דאָ דעם גיהנומס געלעכטער.

און אָט אין דער מיט פון די שוואַרצע קאָשמאַרן
דערהערט, ווער עס הערט נאָר, פאַרוואונדערט —
עס פאַלט אין דער טיף פון די דורות אַ בת קול
און ברומט דורך די אַכצען יאָרהונדערט.

איך האָב אים פון פינצטערסטן אָפּגרונט פון בלוט־האַס
געהערט אַזוי וואונדערלעך ברומען:
„עס וועט ניט פאַרשווינדן דער טייוול־שפּיל ווערן,
עס וועט מיין נקמה נאָך קומען!

„איך נעם אַ געשפּענסט פון די מאַסן געשפּענסטער,
וואָס א י ר האָט פאַרפּייניקטביים לעבן,
און וועל אייך, פאַרפּייניקער, אים פאַר אַן אָבגאָט —
אַ מת פאַר אַן אָפּגאָט אייך געבן!

„און זיין וועט דאָס איינער, וואָס וועט פון די אידן,
די אייגענע, אויסגעלאַכט ווערן,
און איר, וואָס איר לאַכט אידן אויס, וועט פאַר גאָט אים,
דעם אידישן חוזק, דערקלערן.

„דאַן וועט איר צעשמעטערן אייער יופּיטער
און אונטער די פיס אים צעטרעטן,
און אומפויזן וועט איר אין שטויב פאַרן אידן
און בויען אים טעמפּלען און בעטן.

„איר שפּאָט אַזוי העליש פון אידן, דאָך קניט איר
פאַר אים זיך אין מיטן דערינען,
און דוקא צום אידן, וואָס אידן פאַראַכטן,
טוט א י ר, די פאַראַכטער, עס דינען!

„און טויזנטער יאָרן וועט אָנגיין דער חוזק,
און אידן אַלץ וועלן נאָך בלייבן
צו קוקן און זען, ווי איך וועל מיט אייך שטענדיק
אַלץ טרייבן דעם חוזק און טרייבן!"

ניו יאָרק, 1920

## 5

# בר כוכבא

די באַפרייאונג־מלחמות פון בר כוכבא, וואָס האָבן, לויט די עדות פון דיאָקאסיוס, דעם גריכיש־רוימישן היסטאָריקער פון יענער צייט, אויפגעטרייסלט ביזן גרונט די גאַנצע רוימישע וועלט־מלוכה, האָבן זיך געצויגן יאָרן. די אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער אויפן מזרח, אויף וועלכע בר כוכבא האָט געלייגט האָפענונג, זיינען אָבער צום אויפשטאַנד ניט צוגעשטאַנען. זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַר רוים. און אַזוי ווי פריער מיט 60 יאָר, אין צייט פון חורבן, אַזוי זיינען אויך איצט די אידן אין ארץ ישראל געבליבן אַליין אין זייער קאַמף קעגן דער גאַנצער גוואַלטיקער וועלט־מאַכט פון רוים.

און די ווילד־וויסטע כוואַליעס פון זון־בערג,
און דאָס שפּיליקע מילד־גרין פון טאָל,
און דאָס געטלעכע טיף־בלוי פון הימל —
אַלץ דאָס זעלבע אַזוי ווי אַמאָל;

ווי אַמאָל, ווען ס'האָט דאָ בר כוכבא
פון די הויכן פון ביתר געקראַכט
אויף דער רוימישער וועלט־מאַכט צופוסן,
אין דער לעצטער, פאַרצווייפלטער שלאַכט.

אָ, פאַרשטומט איז זיין דונער־רוף לאַנג שוין,
און זיין בליק־שפּור פאַרוויהט פון דער ערד,
ווי דער בראַש פון זיין קריגס־פערד אין באַרג־ווינט,
ווי אין באַרג־ליכט דער פלאַם פון זיין שווערד.

און פֿאַרשווועכט איז דער רום פֿון זיין אויפֿטו,
און זיין הייליקער אָנדענק פֿאַרלענדט,
אונטער שטויבן פֿון אַכצען יאָרהונדערט,
פֿון פֿאַרביטערטן גלות געשענדט.

און אָט שאַלן אין פֿרייד די חצוצרות,
און אָט רייט ער אין הויפּט־שטאָט אַריין,
און די טויזנטער פֿאַקל־ליכט וואַרפֿן
זייער צינדענדן, בלוט־רויטן שיין.

און איך הער ביי דער וואַנט אין דער אָב־נאַכט
פֿון דער אומה דעם בעטענדן קול,
ווי מען רופֿט צו דעם גבור: „הושענא!"
אויף די חורבות פֿון באַרג און פֿון טאָל.

נאָר עס האָט ניט געהאָלפֿן דער גבור,
און זיין קריג־קונסט אין טאָג פֿון דעם בראָך,
ווייל פֿאַרראַטן האָט קנעכטיש דער מזרח
און פֿאַרבליבן אין רוימישן יאָך.

אָ, אַליין איז געשטאַנען דער גבור
אין דער מיט פֿון אַ קנעכטישער וועלט,
ווען דער פֿיינט האָט געגרייט אים פֿאַרלענדונג
און דעם שווערד און דעם הונגער באַפֿעלט!

האָט אַ קריג־שאַל פֿון אַפֿריקאַ'ס זאַמד־גלוט,
און פֿון טיפֿן גערמאַנישן וואַלד,
און פֿון ווייטן בריטאַנישן נעבל,
און פֿון אַלע פֿיר ווינטן געשאַלט.

אומעטום האָט מען קריגער געזאַמלט
און אין פּלאָטן אין גרויסע פאַרמירט,
און דער ווינט האָט געשווינדט זיי, ווי וואָלקנס,
אויפן ברעג פון יהודה געפירט.

דאָך איך האָב אים, מיין טראַגישן גבור,
אין דער טיף פון מיין האַרצן באַוואַרט,
ווי דעם שטערן דעם העלסטן פון יעקב,
וואָס דער דור האָט באַגייסטערט געגאַרט.

און אָט זע איך אים אויפגיין אין חושך,
ווי דער צאָרן פון פאָלק, אַזוי גרויס,
און עס גייען די פרייע און בראַווע
פאַר זיין ליכט אין דעם וועלט־קאַמף אַרויס.

און ער האַלט די געפאַלענע אונטער,
און ער צינדט די פאַרלאָשענע אָן,
און עס שמעלצן די קייטן פון קנעכטשאַפט
און עס ציטערן צעזאַר און טראָן.

און איך זע אין דער אָב־נאַכט פון טרויער,
ווי ער רייט צו דער חרובער שטאָט,
וואָס איז ריין שוין פון טומאה פון געצן,
וואו עס רוט שוין דער כבוד פון גאָט.

און עס רייטן פיל שטאָלצע גבורים,
און דער זוניקער פירער פאָרויס,
און ביי יעדן אין האַנט איז אַ צעדער,
וואָס מען רייסט מיטן רייט־אימפּעט אויס.

און איך זע אין דער נאַכט אין דער ווייטער,
ווי אַ טרוים, די פאַרבליבענע וואַנט,
וואו עס וואַרט אין עקסטאַז אויפן גואל
דאָס פאַרבליבענע דאָרף־פאָלק פון לאַנד.

נאָכאַנאַנד דורך נײַן יאָר האָט דער גבור
זיך צוריק, ווי א ים־פעלז, געקלאַפּט,
ביז דער שטאָל־רינג פון רוים האָט צום סוף אים
אין פאַרהונגערטן ביתר פאַרכאַפּט.

און אָט נידערט זי ווידער די אב־נאַכט,
אַזוי טרויעריק, ווײַס און פאַטאַל,
און עס קלינגען אין אומרו פיל שווערדן,
און עס טראָגט זיך פון שופר דער שאַל.

און אָט פליט מען פון פעסטונג, ווי רוחות,
מיט אַ שטורמיקן אימפּעט, אַרױס:
פאַרן לאַנד! פאַרן פאָלק! אויפן שונא! —
און דער שײַנענדער פירער פאַרויס.

נאָר פאַרחתמעט געווען איז זײַן גורל,
אין דער ווייפולער תשעה באב נאַכט!
און געפאַלן צום סוף איז דער גבור
ניט פון שווערד פון דעם שונא אין שלאַכט.

ניט אַ זון פון אַ פרוי האָט באַזיגט אים,
ניט אַ מענטשן־האַנט האָט אים געטויט;
נאָר אַ שלאַנג אַ פאַרפלוכטע — מען האָט זי
אַרום האַלז אים געפונען פאַרדרייט.

און פֿאַרלאָשן מיט אים איז געוואָרן
פֿון דער צאַנקענדער אומה דאָס ליכט;
נאָכן בלענדיקן אויפֿפֿלאָם דעם לעצטן
האָט געלייגט זיך דער חושך געדיכט.

און אַ בלוט־שטראָם האָט ברייט זיך צעגאָסן
און פֿאַרטרונקען די אידישע ערד,
און געריטן אין בלוט זיינען קוילער
ביז די מיילער פֿון זייערע פֿערד.

און אַוועק איז פֿון אונז מיטן בלוט־שטראָם
דאָס געהויבענע העלדישע בלוט,
און אַוועק איז די שטאָלצקייט פֿון פֿריי־גייסט,
און אַוועק איז דער זוניקער מוט.

און אַ בלוט־ארעם פֿאָלק און א בוך־פֿאָלק
איז געוואָרן די אומה זייט דאַן.
און דאָס בלייך־בלויע בלוט פֿון בית מדרש
פֿלאַמט ניט אויף שוין פֿון דרוק פֿון טיראַן.

פֿלאַמט ניט אויף פֿון באַליידיקונג מער שוין,
און שלינגט שטום יעדע גוואַלט־טאַט אַראָפּ,
אויפֿן וואַנדער דורך אַכצען יאָרהונדערט,
אין תעניתים און אַש אויפֿן קאָפּ.

אין דער מיט פֿון אַ מענטשהייט פֿון בלוט-פֿיינט
גייט דאָס פֿאָלק גלות־אוים, גלות־איין,
דאָך, ווי דו, אַזוי מעכטיק פֿאַרעקשנט,
אָ, בר כוכבא, דו זוניקער מיין!

ניו יאָרק, 1922.

## 6

# וויאַ דאָלאָראָזאַ

וויאַ דאָלאָראָזאַ — דער וועג פֿון לייד און טרויער — דאָס שמאָלע געסל אין ירושלים, צווישן הויז פֿון משפּט און דער „גאָלגאַטאַ“ — דעם באַרג פֿון דער קרייציגונג, וואו יעזוס איז פֿאַר זיין טויט דורכגעגאַנגען, טראָגנדיק אויף די אַקסלען דעם קרייץ־האָלץ.

די קריסטלעכע רוים האָט שוין אומגעקערט ירושלים איר אַלטן נאָמען. זי איז שוין אָבער געוואָרן די „שטאָט פֿון גאטס קבר“. אידן האָבן אונטער טויט־שטראָף ניט געטאָרט ווייזן זיך דאָרט. נאָר איינמאָל אין יאָר, תשעה באב, פֿלעגט מען זיי דערלויבן צו קומען אַהין קלאָגן, ווי אַ סימבאָל פֿון טריאומף פֿון קריסטענטום. און גלחים פֿלעגן זיי שילטן און זידלען, און סאָלדאַטן פֿלעגן רייסן פֿאַר יעדן געוויין מטבעות.

**איך זע זי, די תשעה באב נאַכט, פֿאַר זיך ווידער**
**מיט דורות מיט אייניקע שפּעטער,**
**ווען פֿול איז די הייליקע שטאָט שוין מיט צלמים,**
**און קלויסטערס און קריסטלעכע געטער.**

**דער הויפּט־גאָט פֿון רוים, אויפֿן פּלאַץ פֿון יופּיטער,**
**איז ישו הנוצרי געוואָרן —**
**אַ מת פֿון די אידן, וואָס רוים האָט געקרייציקט**
**צוריק נאָך מיט הונדערטער יאָרן.**

די אידישע פרוי, וואָס האָט עלענר געיאָמערט
ביים קרייץ, ווען איר זון איז געשטאָרבן,
האָט איצט שוין, נאָך הונדערטער יאָרן אין קבר,
דעם טיטל גאָטס־מוטער דערוואָרבן.

באַוויינט איצט דער רוימער, דער אידן־מחבל,
צוויי אידן מיט טרערן מיט הייסע;
דער רוימישער שאַנד־טויט, די קרייציקונג, ווערט שוין
אַ רוימישע קדושה אַ גרויסע.

אַ בלוטיקער צעזאַר דערזעט אין מלחמה
אַ פלאַמיקן קרייץ פאַר זיך שוועבן —
אַ צייכן פון הימל, אַז ישו באַמיט זיך
אים הילף און נצחון צו געבן.

אוים דאַנקבאַרקייט זיינער צו ישו, באַפעלט ער
אַט שוין אויפן פלאַץ די לעגיאָנען,
זיי זאָלן דעם קרייץ מיטן אידישן פנים
אַרויסשטעלן הויך אויף די פאָנען.

זיין מוטער, אַ זונה אין תשובה, זוכט אוים שוין
דורך עפעס אַ נס פון אַ לעקיש,
דעם קרייץ־האָליץ, צו וואָס מען האָט צוגעקלאַפט ישו'ן,
און אויך די פאַרזשאַווערטע טשוועקעס.

דערהויבט זיך אַריבער די חורבות פון מקדש,
פון הויכקייט פון שפּיץ הר הזתים,
די פאָן פון דעם הייליקן קרייץ, אַזוי ריזיק,
די פאָן פון די אידישע מתים.

באַפּוצט מען מיט קלויסטערס מיט רייכע דעם לייד־וועג,
וואו אונטערן קרייץ־האָלץ געבויגן
איז ישו געגאַנגען דעם טויט אויפֿצונעמען,
צעבלוטיקט, פֿארשפּאט און באַשפּויגן.

און שטיל קוקט אַרונטער די שטראַליקע אב־נאַכט,
אין טרויער און ווייסן, ווי אימער;
זי קוקט אויף די חורבות, זי קוקט אויף די קלויסטערס,
אויף הונדערטער צלמים און שימער.

זי קוקט אויף דער גרוב פֿון פֿאַרפּייניקטן ישו —
ווי פּרעכטיק די גאָלד־קופּעלס גלאַנצן;
זי קוקט אויף דער גרוב פֿון פֿאַרפּייניקטער אומה,
וואָס ליגט אונטער מיסט שוין אינגאַנצן.

אַ מיסט־פּלאַץ, אַ שטאָטישער, מיאוסער מיסט־פּלאַץ
איז איצט שוין דער מקדש געוואָרן!
דאָס לאָזט אַזוי אויס שוין דער רוים פֿון גאָט ישו
זיין נייעם, זיין קריסטלעכן צאָרן.

ווי פֿינצטערט דער מיאוסער מיסט אויף די חורבות,
צום רוף פֿון דעם גאָט פֿון די קריסטן!
ווי פֿינצטערן דאָרט, צו דער וואַנט צוגעדריקטע,
די קינדער פֿון פֿאָלק פֿון פֿאַרוויסטן!

איך זע זיי, ווי שאָטנס, צעשפּרייט אויף די חורבות,
אין שטיין איינגעפּרעסט מיט די ליפּן;
איך הער זייער צוגעשטיקט, שטיל־רווישיק קרעכצן,
איך הער זייער הייזעריק כליפּען.

באַרויבט פון דער ערד און פון מוט און פון מוסקולס,
די לאַנג שוין פאַרטריבענע קינדער —
מען לאָזט זיי אַריין דאָ אַ ווייל נאָר צו קלאָגן,
ווי וויסטע, פאַרשאָלטענע זינדער.

זיי קלאָגן, און הינטער זיי שטייען און שימפן,
מיט הענט אויסגעשטרעקטע, די וועכטער,
און רייסן פאַר יעדן געוויין אַ מטבעה —
מיט קלעפּ און געשפּאַט און געלעכטער.

עס שטייען דערביי די גלחים פון ישו'ן,
און לויכטן פאַר שמחה און שטראַלן;
זיי זעען אין אידישן בראָך אַ נצחון —
דערהויבונג אין אידישן פאַלן.

און שטיל קוקט אַרונטער די אָבגעבאַקטע, די ווייסע
און זעט אין איר שטראַליקן טרויער,
ווי האַסטיק מען טרייבט די אבלים פון ציון
צוריק צו דעם שטאָטישן טויער.

זיי גייען דורך צלמים און בייזע גלחים,
די באָרוועסע וויינער פון גלות,
געטריבן פון ווילדע סאָלדאַטן מיט פּיקעס,
באַגלייט פון די גלח'עשע קללות.

אַלץ גאָלדענע קרייצן אויף הערצער, אויף פּאָנעז,
אויף יעטווידן קופּעל און טורעם,
און קיינער דערזעט ניט אויף זיי, די געיאָגטע,
דעם אמתן קרייץ פון יסורים.

זיי טראָגן דעם קרייץ אומגעזען דורכן לייד־וועג,
וואו ישו אַליין איז געגאַנגען,
און גייען אַריין אין דער נאַכט פון דעם גלות,
דעם קריסטלעכן גלות, דעם לאַנגן.

זיי גייען די ברידער און שוועסטער פון ישו׳ן,
פון קרייץ פון דעם שווערן געבויגן,
ניט איינער, נאָר אַלע, אַן אומה פון ישו׳ס —
צעבלוטיקט, פאַרשפּאָט און באַשפּויגן.

זיי טראָגן דעם קרייץ אומגעזען דורכן גלות, —
ניט האָלץ פון אַ בוים פון אַ שטומען,
נאָר ברויזנדן האָס פון אַ מענטשהייט אַ גאַנצער,
אַ וועלט־משוגעת אין ברומען.

און ניט אַ פּאָר גאַסן־לאַנג ציט זיך דער לייד־וועג,
און ניט אַ פּאָר קורצע מינוטן;
דעם וועלט־רוים דעם גאַנצן פאַרהילכט זייער ווייטראַט,
די אייביקייט צאַפּט זיי די בלוטן.

אָ, אומה פון ישו׳ס! אָ, ישו פון אומות!
ווי וואָלט דיר די מענטשהייט געגעבן
דעם לויב און די גדולה און מער ווי עס קומט דיר —
אויב אויפהערן וואָלסטו נאָר לעבן.

אָ, אייביק — צום־קרייץ — צוגעשלאָגענע אומה,
ווי וואָלט מען אַ טויטע דיך ערן!
דו קענסט אָבער ניט אויפן קרייץ דיינעם אויסגייען,
דו קענסט ניט קיין מת־אָפּגאָט ווערן.

1922 באָד לייק,

## 7

# דער אָמאַר מעטשעט

אין די צרות פון די גרויסע מלחמות פון וועלט־מאַכטן (פריער צווישן די פערסן, די דינער פון פייער, און די רוימער, די דינער פון קריסט, און דערנאָך צווישן די קריסטן און די מאַכמעדאַנער) האָבן די אידן זיך געטרייסט מיט דער טרויעריקער טרייסט, וואָס אין אַ צעטיילטער וועלט קענען זיי נאָך ווי עס איז גערייהען. אין תנא דבי אליהו לייע־נען מיר: מפני מה חלק הקדוש ברוך הוא את עולמו לשתי גויים ולשתי ממלכות, כדי לשמור את ישראל.

אין דער נאַכט ווען מאַחמעד איז געקומען
אויף דער וועלט אין אַמינאַס געצעלט,
און אַראָפּ איז דער מלאך גבריאל
און ביי אים אויפן דינסט זיך געשטעלט —

האָט אַ ציטער געטאָן ווייט אין פּרס,
אין דער הויפּט־שטאָט, אין אַלט־קטעסיפאָן,
ביזן גרונט אַזש דער אור־אַלטער פּאַלאַץ,
און אַ וויג האָט געטאָן זיך דער טראָן.

און דערזען האָט דער פּריסט מיט גרויס אימה,
ווי פאַרלאָשן זיך האָט ביי די ווענט,
אויף די אורנען, דאָס הייליקע פייער,
וואָס האָט פּונקט אַ יאָר טויזנט געברענט.

דאָך דער מלאך גבריאל האָט שאַלקהאַפט
ניט געוואָרנט די דינער פון קריסט,
און זיי האָבן פאַרענדיקט סאנקט־סאָפיע
און געאַרבעט פאַר ישו׳ן אומזיסט.

האָבן אויסגערויבט וועלט־טיילן גאַנצע,
יעדן טעמפּל און הויז פון געבעט,
און געצאַצקעט דעם קלויסטער דעם גרעסטן,
וואָס ווערט שפּעטער דער גרעסטער מעטשעט.

און ווען שטיל, ווי די שטערן פון מדבר,
האָט מאחמעד זיין אַנטפּלעקונג געזען,
און געזאַמלט די קרעפטן די גרויסע,
און געברענט מיטן הייליקן ברען —

האָט דער פּערסישער דינער פון פייער
און ביזאַנטישער דינער פון קריסט
זיך געוואָרפן אין בראַנד פון אַ וועלט־קריג
און די וועלט־מאַכטן ביידע פאַרוויסט.

האָט דער ריזן־קאַמף יאָרן געשטורעמט,
האָט געציטערט אין בלוטן די ערד,
ביז פאַרשלאַפט זיינען ביידע געלעגן,
גרייט צום קרומען אַראַבישן שווערד.

און ווען ענדלעך דער מלאך גבריאל
גיט מאַהמעדן, געזיכט צו געזיכט,
דעם קאָראַן פון דער הויך פון לבנה,
וואָס אַלאַה האָט געשריבן מיט ליכט —

האָט אַ פרומער ביזאַנטישער צעזאַר,
אין דעם וועלט־קריג, געוואונען דעם האָלץ,
ישו׳ס קרייץ־האָלץ, דעם וואָרן, דעם עכטן,
און געפירט אים פון פרס מיט שטאָלץ.

און געזען האָט דאָס קריסטענטום שטוינענד,
ווי דער הערשער פון דריי טיילן וועלט
האָט אַרונטערגעוואָרפן דעם פורפור
און פאַרגלאָצט אויף די קני זיך געשטעלט.

דורך דער הייליקער שטאָט ירושלים
האָט ער פרום זיך געשאַרט אויף די קני,
און געבראַכט אויפן אַקסל דעם קרייץ־האָלץ
און פאַרפלאַנצט אויפן באַרג קאַלוואַרי.

דאַן, אין ברען פון עקסטאַז פאַר זיין ישו׳ן,
איז פון צעזאַר אַרויס אַ באַפעל
צו פאַרטיליקן באַלד אַלע אידן,
אַז ניט בלייבן פון זיי זאָל קיין זעל.

און ווען ישו׳ס גלחים און בלוט־הינט
האָבן ווילד זיך געיאָגט אין געיעג,
און דער טויט האָט געלוגט אין די הייזער,
און דער טויט האָט געלוגט אויפן וועג —

האָבן אויפגעברויזט פלוצלינג פון מדבר
די אַרמייען פון יונגן איסלאַם
און פאַרפלייצט, און געטראָגן אין קראַך אַלץ,
ווי אַרויס וואָלט פון זאַמד־ברעג דער ים.

האָט פון הודו ביז כוש אַלץ געזאָדן,
ווי אַ קעסל, דער ברויזנדער תהום,
און פאַרשלונגען די מלוכה פון פּרס,
און פאַרכאַפּט ירושלים אין שטראָם.

און געלאָפן אין שרעק מיטן קרייץ־האָלץ
איז דער צעזאַר געשווינד פון דער שטאָט,
און אַהין איז געקומען צו רייטן
דער כאַליף מיט אַ רואיקן טראָט —

אויף אַ קעמל אַ רויטן צו רייטן,
מיט צוויי בינטלעך פון פּייגן און ברויט,
און אַ לעדערנעם לאָגל מיט וואַסער,
און די פאָן פון מאַחמעדן צעשפּרייט.

רייט ער גלייך צו דעם פּלאַץ פון דעם מקדש
און דערזעט דעם באַרג מיסט ביי דער וואַנט,
שפּרינגט ער האַסטיק אַראָפּ פון זיין קעמל
און נעמט איילִיק אַ רידל אין האַנט.

נעמען טויזנטער קריגער די רידלען,
און דער פּלאַץ פון דעם מקדש ווערט ריין;
הייסט ער אויסגראָבן באַלד אַ פּונדאַמענט,
און דעם ווינקלשטיין לייגט ער אַליין.

אויפן פּלאַץ פון דעם קדשי קדשים
נעמט ער בויען אַ שטאָלצן מעטשעט —
פאַרן רוב פון דעם ווילדן ישמעאל,
פאַר אַלאַה און זיין נביא מאַחמעד.

און אַט קומט זי אַ ווייסע, די אַב-נאַכט,
מיטן טרויער דעם אַלטן צו גיין
און עס ווייהען די שאָטנס די אַלטע,
און עס הערט זיך דאָס אַלטע געוויין.

און אַט גנבען זיך אונטער די פּליטים,
האַלאַוועשקעס פון קריסטלעכן פּלאַם,
צו דער איינציקער וואַנט צו דער וויסטער,
ניט געבעטענע געסט פון איסלאַם.

די פאַרצאָגטע אבלים פון ציון,
מיטן אַש אויפן קאָפּ און אין זעק,
שלייכן שטיל צו דער וואַנט, און זיי טוען
זיך אַ וואָרף אין די שטראַלן אַוועק.

און זיי וויינען און לאַכן משוגע,
און די פרייד איז מיט פּחד צעמישט:
ניט צו זען איז אַרום שוין קיין צלם,
און דאָס געצן־געזיכט איז פאַרווישט.

און פאַרברענט שטייט דער קלויסטער פון קבר,
און קיין גאָלד־קופּעל גלאַנצט שוין ניט מער
דער לבנה אין פּנים אין בלייכן —
אַזוי פרעך, אַזוי קאַלט, אַזוי שווער.

און מען גלויבט ניט די אויגן פאַר שמחה,
און מען גלויבט ניט די אויגן פאַר שרעק,
און מען שאָקלט די קעפּ מיט די אַשעס,
און מען טוליעט זיך קאַלט אין די זעק.

אָ, די מלכות הרשעה פון אדום,
איז אַזוי, ווי אַ רויך, שוין פאַרלענדט!
דאָך ווער ווייס, וואָס מען קען נאָך דערוואַרטן
פון דער מלכות ישמעאל צו ענד?

און אָט לייגט זיך לבנה'ק אַ נעבל
אויף מעטשעט און אויף קלויסטער אַוועק,
און אַ זעאונג שטראַלט אויף פאַר די פּליטים
אין באַלויכטענעם נעבל פון שרעק.

ווערט אַנטפּלעקט זיי דער מיין פון דעם וועלט־קאַמף,
און דער זין פון דעם אומזין פון בראָך,
וואָס ישמעאל פירט קריג קעגן אדום
און לאָזט יעקבן אָטעמען נאָך.

אָ! צי גאָט האָט דערויף זיי געהייליקט
און פון פעלקער פון אַלע דערוויילט,
אַז זיי זאָלן נאָר קענען געדייהען
אין אַ וועלט, וואָס איז בלוטיק צעטיילט!

און זיי רופן אין האַרץ־ברום און רופן:
אָ, ווי לאַנג וועט אין שאַנד און אין שפּאָט,
ווי אַ ווארעם, זיך פּלאָנטערן יעקב
ביי די וועלט־זיגער אונטערן טראָט!

און זיי בליפּען און פאָרשן די צייכנס,
אין באַלויכטענעם נעבל פון שרעק,
און זיי שאָקלען די קעפּ מיט די אשעס,
און זיי טוליען זיך קאַלט אין די זעק.

ניו יאָרק, 1923.

## צו דער סעריע „ביי דער וואַנט"

(אין מאַנוסקריפּט, נאָכן טעקסט פון דער פּאָעמע „אָמאַר מעטשעט", קומט אַ רשימה פון פּאָעמען, וואָס א. ליעסין האָט בדעה געהאַט צו שרייבן אויף צוצוגעבן צו דער סעריע; זיי זיינען אָבער פאַרבליבן ניט געשריבן.)

„ווייטערע פּאָעמען פון דער סעריע „ביי דער וואַנט", וואָס דאַרפן נאָך אויפגעשריבן ווערן:

1) גאָטפריד פון בוליאָן (ווי די קרייץ־טראָגער ברעכן זיך אין ירושלים).

2) רבי יהודה הלוי.

3) רמב"ם.

4) רמב"ן.

5) ר' עובדיה מברטונורה.

6) דער אר"י.

7) די שאָטנס פון דוד אלראי און שלמה מולכו תשעה־באב־נאַכט ביי דער וואַנט.

8) די קאָמוניסטישע קאַבאַליסטן תשעה־באב־נאַכט ביי דער וואַנט.

9) די אַסקעטן אין קראָפּיווע תשעה־באָב־נאַכט ביי דער וואַנט.

10) ר' גרשון קוטיווער דערוואַרט ביי דער וואַנט דעם בעל שם טוב.

11) ר' נחמן בראַצלאַווער קומט צו דער וואַנט און זעגנט זיך.

נאָך דריי פּאָעמען פון דער מאָדערנער צייט."

פערטע אָפּטיילונג

# איבער די תהומות



# איבער די תהומות

## 1

### פּראָלאָג

פרײַ, פון צײַט און שטח אָפּגעריסן,
שפּאַן איך מיטן חלום־בליק און שפּאַן
איבער דײַנע ווײַטע פינצטערנישן,
פאָטער פון געהיימנים, אָקעאַן.

הער איך שופר־רופן, שאַלן, שיסן,
הילכט פון שונא'ס לאַגער הויך אַ כאָר;
שלײַך איך שטיל אַדורך די פינצטערנישן,
אַ פאַרשטעלטער קעניג, צו עין דור. *)

לאָזט מיר דורכן נביא גאָט ניט וויסן
מער זײַן ווילן, גאָרנישט מער פאָרויס;
זוך איך שמאַכטיק אין די פינצטערנישן,
פאַרש די צײַכנס, און די פורכט איז גרויס.

*) עין דור — אַן אָרט פון תנ"ך. עס איז געווען אין דער נאַכט פאַר דער שלאַכט מיט די פלשתים, אין וועלכער דער קעניג שאול און זײַנע דרײַ זין זײַנען געפאַלן. האָט שאול אין זײַן אומרו אומגעוואַנדערט, אַ פאַרשטעלטער, אַ גאַנצע נאַכט און אויסגעזוכט די אוב־פרוי אין עין דור, וואָס האָט פאַר אים אַרויסגערופן דעם גייסט פון שמואל הנביא.

פעסט אין פֿאַנצער, דאָך אין זעל צעריסן,
וואַנדל איך געהיים אַ גאַנצע נאַכט,
טרעף די אוב־פּרווי אין די פֿינצטערנישן,
זוך באַשיידונג, ווי פֿאַלט אויס די שלאַכט.

די מלחמה פֿלאַקערט, בלוטן פֿליסן,
פּלשתים שפּארן אָן פֿון יעדער זייט,
און די אוב־פּרווי אין די פֿינצטערנישן
רופֿט די גייסטער פֿון פֿאַרגאַנגנהייט.

1923

2

## דער ברית בין הבתרים

עס ליגט, ווי אַ זעאונג, דער נאַכטיקער ים,
באַלויכטן פון וואָלקענדלעך לייכטע —
אַ דורכזיכטיק פעלד אין אַ פינצטערן ראַם,
פול שעפעלעך ווייסע און פייכטע.
און אַלץ איז פאַנטאַסטיש, און אַלץ איז רעאַל:
דער בלייך־בלויער, פלאַמיקער פליטער,
דער כוואַליקער, שטראַליקער ציטער,
די סודות־באַוועגונג פון כוואַליעס און ליכטער,
וואָס אָפּגעהאַקט טוט זי אַ פאַל,
ביים עק האָריזאָנט, אין אַ נאַכט אַ געדיכטער.

מיך ציט צו די בלייך־בלויע וועגן אַהין,
אַהין צו די שטילע געצעלטן;
דאָרט ווייט־וואו טוט תפילה אַ גרייז־בעדואין,
איך זע אים אַ הייליק־באַהעלטן;
ער שטייט אין צעלאָזענעם זילבער פון שטראָם.
דאָס זיינען ניט כוואַליעס צעבלענדטע,
דאָס זיינען גאָר זאַמדן צעברענטע,
דער ממרא־פּלאַץ פרישט זיך דאָרט אָפּ אין דער קילקייט;
דאָרט שטייט עס דער פרומער אברם
און שליסט מיט יהוה'ן זיין בונד אין דער שטילקייט.

אָט זעען זיך שטיקער פון קרבן; ער וואַרט,
די אויגן צום הימל געהויבן;
און פּלוצלונג באַפאַלט אים אַ שלאָף אַזוי האַרט,
אַ חושך, אַן אימה פון אויבן;

באַווייזן זיך פלאַמען, אַן אויוון מיט רויך,
אין מיטן דער שוואַרצקייט דער דיקער,
און טראָגן זיך איבער די שטיקער;
אַט הערט ער באַגייסטערט דעם געטלעכן לשון,
אַט הויבט ער זיך אויף אַזוי הויך;
דאָס האָט ער זיין בונד מיט יהוה'ן געשלאָסן.

ווי שפרייט ער זיך אויס אין זיין אויסשטראַל אַן שיעור
אויף אַלערליי תהום־שוואַרצע וועגן!
ער ציט זיך דורך פערציק יאָרהונדערט צו מיר,
צו מיר אויף די ווילד־פרעמדע ברעגן,
צו מיר אין דער נאַכט דער געהיימער אַצונד.
דאָס רוישט ניט דער ים אַזוי ברויזענד,
דאָס רוישן מיר יאָרן פיר טויזנט,
די עכאָס פון דורות, וואָס שטאַרבן און שווינדן;
עס בלייבט נאָר דער געטלעכער בונד,
וואָס טוט מיטן אייביקן אייביק מיך בינדן.

ווי לעבט אין מיר הייליק דער בונד, ווי ער ברענט
ביי מיר אין די אור־אַלטע בלוטן!
איך טראָג אים דורך ציטערס פון צייטן אָן ענד,
געלייטערט פון געטלעכע גלוטן;
איך זע אין דער כוואַליקער אייביקייט אים,
ער בלינקט אין די שטערן פון אויבן,
ער פירט דורך די תהומות מיט גלויבן;
עס צערטלט אין ווילדסטן, אין שוואַרצסטן געוויטער
פון געטלעכן צוזאָג די שטים:
עס וואַכט און עס שלאָפט ניט דער אייביקער היטער.

1923

3

## די בענטשונג

הינטער די שטראָמיקע ווייטן
זילבערט לבנה'ק וואו ערד;
קומען פון אַלע פיר זייטן
רייטער אין וויסן צו רייטן,
שיינִיק אויף שוימיקע פערד.

רייט איך אין שטראַליקן חלום,
אַ פּאַטריאַרך־קאָמאַנדיר;
רייט איך פאָרויס די טייוואָלים,
זע איך, דער טעמפּל פון שלם
שיינט אַזוי שוימיק פאַר מיר.

וואַרט שוין דער פּריסט ביי די זיילן;
פיר איך אין פלאַמיקער פלוט
מיילן פון רייטער און מיילן;
כוואַליקע, זילבערנע צײלן
ציען פאַרביי אין סאלוט.

שיינען די מחנות און שוימען
אייליק ביים טעמפל אין פראָנט;
שוימען און שווינדן, ווי טרוימען,
ערגעץ אין מאַרש אין געהיימען,
הינטערן נאַכט־האָריזאָנט.

בענטשט מיך דער פּריסט און טוט זאָגן:
„וואויל איז, אברם, דיין באַזוך!

האָסט כּדלעומר'ס צעשלאָגן,
דאָך פֿון דעם רויב ניט געקראָגן
בענדלעך אַפֿילו צום שוך.

„זיי זשע געבענטשט, דו באַפֿרייער,
לאַנג שוין געבענטשטער פֿון גאָט!
שיינט אונדז דיין ליכט אַזוי טייער,
טראָג עס דורך וואַסער און פֿייער —
שטאָלץ אין דיין אייביקן טראָט".

הינטער די פֿינצטערע ווייטן
לויכט אַ לבֿנה'קע פֿרייד
דורך די יאָרטויזנטער שטרייטן,
הער איך פֿון אור־אַלטע צייטן
שטראַליקע, אור־אַלטע רייד.

לויערט, איר גרוילן איר קאַלטע!
עפֿנט אייך, אַפּגרונטן שוואַרץ!
הער איך די רייד די צעשטראַלטע,
שפּרינגט אין מיר פֿריידיק דאָס אַלטע,
פֿיר־טויזנט־יאָריקע האַרץ.

1923

4

# די עקדה

עס לאָזט זיך אין הויכע געוועלבן אַרונטער
דער נעבל פון כוואַליקער ווייט —
אין פעלזיקייט סומנער, אין פאַרביקייט בונטער,
אין בלווילעבער דורכזיכטיקייט;
און אויבן די זון אויף אַ פעלז ערגעץ שטייט,
און אונטן די פאָרכטיקע פאָרשטעלונג גייט.

דערהויבט זיך אַ סצענע פון טיף פון די צייטן,
אַ באַרג — פון די דורות אַרויס,
אַן אָפּפער־מיסטעריע פון עבר פון ווייטן,
און דאָך אַזוי נײַ, אַזוי גרויס,
און ווילד־שיין אַזוי, ווי דער אינגל און גרייז,
וואָס קומען פון נעבל אין שטראַליקן קרייז.

אָט זע איך דעם פאָטער און זון, ווי זיי טרעטן,
די שניי־ווײַסע העמדער געגורט,
די שלאַנקע פיגורן געצייגט אין געבעטן,
די פנימער ליכטיק, אָן פורכט;
דער גרייז מיטן שלאַכטמעסער גרייט אין זיין האַנט,
דער יונג מיטן האַלז פאַר זיין אייגענעם בראַנד.

אָט טראָגט שוין דער פאָטער דאָס פייער געצונדן
צום נײַ־אויפגעשטעלטן אַלטאַר;
אָט ליגט דער איינאיינציקער זון שוין געבונדן,
פאַרשטומט אויפן האַלז אין זיין צער;

אָט טוט דורכן רוים אַזאַ בלאַנק, אַזאַ בלענד —
אַלץ שאַרפֿן פֿון שלאַכטמעסערס פֿלאַמיק אין הענט.

עס שפּיגלען די כוואַליעס אין לויף אַזוי לויטער
די פֿינצטערע אימה מיר אָפּ;
אָט הערט זיך אין רויש באַלד אַ כאָרכל אַ רויטער,
אָט זעט זיך פֿאַרוואָרפֿן אַ קאָפּ;
אָט טוט זיך אַ האַלז אַ שטרעק אויס, און פֿאַרשטעלט
ווערט באַלד פֿון דעם האַלז דעם געשטרעקטן די וועלט.

און העכער אַלץ שטייגן די נעבל־געוועלבן
אַרום אין דער כוואַליקער ווייט,
אין שײַן אין פֿאַנטאַסטישן, גלוטיקן, געלבן,
אין פֿינקלענדער דורכזיכטיקייט;
און אויבן די זון אויפֿן פֿעלז ערגעץ שטייט,
און אונטן די פֿאָרכטיקע פֿאָרשטעלונג גייט.

דערזע איך די וואָלקנס, ווי שווימענדע וועלטן,
וואָס קוים־נאָר דער הימל האַלט איין,
און צייטן, עפּאָכן, אין פֿלי אין באַהעלטן
פֿון ערגעץ אַ בליצענדן שײַן,
און זע פֿאַרן שלאַכטמעסער פֿאָרכטיק דעם האַלז,
דורך וועלטן און צייטן, זיך טראָגנדיק אַלץ.

טוט פּלוצלונג אַריבער די תהומות אַ שימער
פֿון אויבן אַ מלאך־געשטאַלט,
און איידל דערהערט זיך דער אויפֿרוף, ווי אימער:
אָ, האַנט מיטן שלאַכטמעסער, האַלט!
און אומרואיק רוקט זיך אַרויס פֿון טומאַן,
די הערנער פֿאַרדרייט אין געצווייג, אַ באַראַן.

און כוואַליעס מיליאָנען, זיי שטראַלן און שאַלן:
אָ, האַנט מיטן שלאַכטמעסער, האַלט!
עס איז אויף די אָפּגרונטן אַלע געפאַלן
דער פחד פון יצחק פון אַלט —
דער וואונדער דער פאַרכטיקער אָן איבעררייס
פון דעמאָלט ביז אונזערע דראַמלאָזע נײַם.

אָ, יצחק אבינו! מיר זײַנען דאָך ביידע
דיזעלבע אין אָנהויב און ענד;
זי איז דאָך אויך מײַנע, דײַן אַלטע עקדה,
דער חלום, דער חלף, דער בלענד —
צו האַלטן ביים שלאַכטמעסער שטענדיק דעם האַלז
און הערן די „האַלטס" די מלאכימשע אַלץ.

און אומעטום זע איך דעם האַלז דעם געשטרעקטן,
דעם אויספּרואוו, דעם טרוים אויף דער וואָר —
אין אָפּשײַן פון יעטווידער צייט אַן אַנטפּלעקטן,
אין אָפּקלאַנג פון יעטווידן דור;
דאָס איז דאָך מײַן פיר־טויזנט־יאָריקער האַלז,
וואָס בלייבט פאַרן שלאַכטמעסער אויסגעשטעלט אַלץ.

אָ, גורל פון דורות — טומאַן און געוויטער!
אָ, ליד מײַן פון וואַסער און ווינט!
עס טוט, ווי אַ ים, מײַן געשיכטע אַ ציטער
אין האַרצן ביי מיר אַזוי בלינד —
א ים אַזוי שטראַליק און דאָך מיסטעריעז,
ווי העל מיסטעריעז און ווי סומנע גראַנדיעז.

1934

## 5

# ישראל

כאַפּט זיך אויף אין ים־בעט דער פאַרטאָג פון ווייטן,
טוט מיט שײניקייטן געלבלעכע אַ שאָט;
זע איך צווייען שטרייטן אין די שײניקייטן:
איינער איז דאָס יעקב און דער צווייטער — גאָט.

האָט עס יעקב ערשט די פּי און הויזגעזינדן
איילינ דורכגעפירט דעם יבוק־שטראָם ביינאַכט,
און ער בלייבט אַליין, מיט עשו׳ן פון הינטן,
ווען עס האָט דעם אָנפאַל פּלוצלונג גאָט געמאַכט.

איז ער פון ארם, פון לבנ׳ען, אַנטלאָפן,
קומט ער אָן מיט שרעק פאַר עשו׳ן אין לאַנד;
האָט אים שוין באַגינען צאָרניק גאָט געטראָפן,
און זיי נעמען באַלד זיך ראַנגלען זאַלבענאַנד.

זאָל עס קנאה זיין צו אים, דעם אויסגעטיילטן,
וואָס נעמט אויף זיין גורל קלוג אַזוי און בראוו —
קנאה פון דערוויילער צו זיין אויסדערווילטן,
קנאה פון באַשאַפער צו זיין וואויל־באַשאַף?

איז דער מיין פון גאט, ווי זיין געשטאַלט, פאַרהוילן,
און ער וואַרפט זיך שטום אויף יעקבן אַרויף;
קעמפט מיט גבורה יעקב, ראַנגלט זיך אין גרוילן
ביז דער מאָרגנשטערן גייט אין בלויקייט אויף.

זע איך ווייט אין שיין אין פּערלמוטער־בלייכן,
ווי די צוויי געשטאַלטן כוואַליען ריזיק־גרויס,
ראַנגלען זיך, ביז וואַנען אין די נעבל־הויכן
ברעכט אַ הייטער אָפּגלאַנץ פייערדיק אַרויס.

ווערט פון פּערלמוטער באַלד אַ פלאַם אַ רויטער,
און צעפלאַמטע כוואַליעס, ווי צעהיצטע שאָף,
און צעגלאַנצטע שוימען — אַלע הערן לויטער,
ווי עס בעט זיך גאָט ביי יעקבן צום סוף.

— לאָז מיך אָפּ! עס טאָגט שוין! — רייסט זיך גאָט פון מענטשן,
און ער דריקט אים פיינלעך, לינקט אים אויס דעם דיך;
שפּאַרט זיך יעקב איין: זאָל פריער גאָט אים בענטשן,
און אַליין פעסטער פּרעסט ער גאָט אין פיין צו זיך.

און עס האָט דער תהום פאַרטייעט זיך צו הערן,
און איז אויפגעשפּרונגען רויט אַזוי צעגליט —
אַז עס בענטשט דאָך גאָט, ווי יעקב טוט באַגערן,
און די כוואַליעס אַלע רוישן שוימיק מיט.

און גאָטס־לויב האָט יעקב פייערליך פאַרנומען,
אַז ישראל וועט זיין נאָמען זיין פון היינט,
ווייל ער האָט געקעמפט מיט גאָט און בייגעקומען,
און דער יונגער טאָג האָט אויבן אויפגעשיינט.

איז די זון אַרויס, און יעקב האָט געהונקען,
ווי ער האָט געשטעלט נאָר אין טריאומף זיין טראָט —
מיט זיין קראַנקן דיך פון גאָט ערשט אויסגעלונקען,
מיט זיין זיגער־נאָמען ערשט געגרויסט פון גאָט.

זע איך דעם באַגינענדיקן ריזן־שטרייטער,
ווי ער שווינדט, דער אור־זיידע, אין מאָרגן־פלוט,
אין דער זון־פאַרפלייצטער בלוילעכקייט, דער ווייטער;
דאָך מיר בלייבט דער טרוים — זיין נאָמען שטאָלץ אין בלוט.

טראָג איך שוין יאָרטויזנטער דעם שטאָלצן נאָמען,
אונטן דראָט דער תהום מיר, אויבן שוימט מיין טרוים,
און אין מיטן איך, אַלץ אייביק אויף די שטראָמען,
און ווי שוואַרץ דער תהום איז און ווי ווייס דער שוים!

1934

## 6

# מעבדות לחרות

עס לויכט, ווי אַ ברענענדער זאַמד, ווי אַ געלער,
אין ראָזיקן נעבל, דער מדבר פון ים,
און אויבן די זון, ווי אַ גלוט־רויטער טעלער,
צעוואָרפט ווערטיקאַל אירע שטראָמען פון פלאַם.
און ווייט דורכן מדבר, אין בליציקע צײלן,
געיאָגט פון צעשמאַכטן, צעשרפהטן ווינט,
צעלויפן זיך טויזנטער זאַמדיקע זײלן —
אַ גלוטיקער, לויפיקער ליכט־לאַבירינט.

ווי שוימען מיט מענטשן די זאַמדן און זידן,
אין הינטערגרונט ווייט־וואו, ביי ריזיקע ווענט;
אָט שטייגן פּאַלאַצן אַרויס, פּיראַמידן —
ווי ברענט אין דער זון זייער קאַלך־שטיין און בלענדט.
עס שווימלט און גריבלט מיט אייזלען און קעמלען,
מיט בויער צען־טויזנטער, נאַקעטע הויל;
און גרויזאַמע בייטשן אַלץ טוען דאָרט פלעמלען
און פּאַסעווען רוקנס פאַרשוואַרצטע, ווי קויל.

אָט גרינט אַ גראַניט־וואַנט, אָט שלעפּט מען דאָרט אויבן
אַ שוים־ווייסן פעלז, אַ געזימס קאַלאָסאַל;
אָט נעמען אים טויזנטער בראנזען־הענט הויבן,
אָט גיט ער פּאַטאַל אויף די הויבער אַ פאַל;
עס טוט אין דער טיף פון די מענגען אַ ציטער,
און בייטשן באַלד סווישצען און שטילן זוי איין;

גייט־אויף צו די הימלען אַ קרעכץ אַזוי ביטער
פון תהום פון פאַרצווייפלונג, פון טיגל פון פיין.

און פלוצלונג צערוקט זיך דער תהום, און צוויי שטראַלן,
ווי הערנער צוויי בליציקע, טוען אַ בלענד,
און כוואַליע צו כוואַליע נעמט שווימען און שאַלן:
דאָס איז דער געשיקטער דורך דורות אַן ענד!
דערזע איך אין מיטן פון תהום פון צערוקטן,
אין ווייט פון די צייטן, אין טיף פון אַטלאַנט,
דעם זוניקן פּנים פון לאַנג־אויסגעקוקטן,
פון לאַנג־אויסגעחלומטן גאולה־גיגאַנט.

ווי טוט זיך אין גאָלדענעם דורכלויכט צעשפּילן
פאַר אַלע פאַרצווייפלטע קרעכצער זיין שיין;
ווי צינדט ער זיי אַלעמען אָן מיט זיין ווילן —
דעם ווילן צו גלויבן, דעם ווילן צו זיין.
און אַלע די צווייפלער און אַלע די קרעכצער,
זיי שטרעקן אים אויס די צעכוואַשצעטע הענט,
און שאַלנדיק כוואַליען זיך אַלעמענס הערצער,
וואָס האָבן אין אים זייער גואל דערקענט.

אָט לאָזט ער זיך גיין דורכן גרוי דעם צעשוימטן
צום גרינעם גראַניט פון די טויב־שטומע ווענט,
אין צאַרטקייט פון צער, מיטן בליק דעם פאַרטרוימטן,
פון זוניקער זעאונג פון זיינער געבלענדט.
ער גייט אין אַ געטלעכער שליחות אַזוינער,
וואָס אויספירן קיינמאָל וועט קיינער דאָך ניט:
ער גייט צו דעם האַר פון די ריזיקע שטיינער,
אים ווייכער צו מאַכן דאָס האַרץ פון גראַניט.

אָט שטייען זיי, איינער אַנטקעגן דעם צווייטן,
אין גרייז־גרויען שוים, אין דור־דורות־געברויז —
דער האַר פֿון די שטיינער און בייטשן און קייטן,
דער האַר פֿון די גייסטער, וואָס ברעכן זיך לויז.
און צווישן זיי צוקט אַן אוקיאַנוס אין ציטער,
וואָס שטילט זיך אין אייביקן אייביק ניט איין —
אַ תהומיקער ציטער, אַ שטראָמיקער פֿליטער,
דאָס אייביקע שפּילן פֿון שאָטן און שיין.

אָ, האַר פֿון די גייסטער! האָסט דורות באַגייסטערט,
און וואו איז דיין קבֿר, ווייס קיינער דאָך ניט,
בעת הונדערטער טויזנטער האָבן געמייסטערט
דעם האַר פֿון די שטיינער אַ גרוב־פּיראַמיד.
און וואו איז ער איצט, דער טיראַן טוט־אַנכאַמען?
אַן עלענדע מומיע, פֿאַרטריקנט, פֿאַרגעלט!
און דו נאָך, ווי דעמאָלט, דו צינדסט מיך מיט פֿלאַמען,
אָ, משה רבנו! אָ, ליכט פֿון דער וועלט!

יאָר־טויזנטער שוין! און ווי שאַלט מיר נאָך שטענדיק
דיין רוף צו אַ לעבן אַ הערלעכס, אַ העלס —
אַ, משה רבנו! ווי בליצסטו מיר בלענדיק,
ווען איך, אַ געפּייניקטער, שלעפּ נאָך דעם פּעלז;
ווען איך, אין דעם ברענענדן זאַמד, אין דעם געלן,
לויף ווידער פֿון בייטש, אין מיין אַלטן געלאַף;
איך לויף צום פֿאַרשפּראָכענעם, הערלעכן, העלן, —
פֿון פּרעה׳ס אַ סך אַן אַנטלאָפֿענער שקלאַף.

1936

## 7

# דער צייכן

עס פינצטערט, ווי אַ באַרג אַ פּעליזיקער, דער וואָלקן,
און גלוטיק גלעט דער טאָל, דער מדבר־טאָל פון ים,
וואו אונטן כוואַליען ווייס די קיטלען פון די פאָלקן
און אויבן ברענט דער הימל, ווי אַ בלויער פלאַם.
און ברויזיק־בייז אַרום, פון גרויע היגלען, האָגלט
מיט פיילן גרוויליקע עמלק נאָכאַנאַנד;
דאָך ווייהען פאַרביק פאָנען און ישראל וואָגלט,
דורך אַלע טויט־געפאַרן, צום פאַרשפּראָכן לאַנד.

און אויפן באַרג אין וואָלקן, הויך די האַנט געהויבן,
שטייט משה פאַר ישראל, שטראַלנדיק פון אויבן.

עס האָגלט טויט אויף מיר, און דאָך מאַרשיר איך מונטער,
כל זמן דער צייכן אויבן שוועבט פאַר מיר און שיינט;
און פאַלט נאָר משה'ס האַנט אין שווערקייט מיד אַרונטער,
טאָ שטאַרקט זיך באַלד עמלק, שטאַרקט זיך באַלד דער פיינט.
האַלט הויך די האַנט, אָ, משה! ווי מיר גייען, שפּאַנען
פון דם־שונא אַרומגערינגלט נאָכאַנאַנד —
אַלץ זוכער, דורכגייער, אַלץ מענטשן ניט פון דאַנען,
אַלץ וואָגלער ערגעץ־וואו צו אַ פאַרשפּראָכן לאַנד.

און אַלץ די זעלבע שלאַכטן, די עמלק־שלאַכטן,
און אַלץ יאָרטויזנטער פון מדבר פון צעשמאַכטן.

ווי קוקן ווילד אונז אָן די ווייטן און די צייטן,
דער תהום, וואָס עפנט זיך, און שלינגט און שלינגט ניט איין —
די גלאָנצנדיקע אויגן פון די אייביקייטן,
וואָס מיר פאַרמעסטן זיך מיט זיי אין סוד פון זיין.
אָ, אונזער וועג פון אָפּגרונט — טויט און ליכט און ציטער!
אָ, אונזער וועג פון וואַנדער! ווי מיר קוקן באַנג
צום צייכן אַלץ אַרויף, אין זעאונג אין צעגליטער,
אויף אונזער פאַרבטיקן, געהיימניספולן גאַנג.

זאָל הויך דער וואַנדער־צייכן, הויך דער וואונדער־צייכן,
פאַר אונז, די גייער אונטן, קיינמאָל ניט פאַרבלייכן!

1936

8

## דער אונטערגאַנג

גרויסע וואַסערן, אַ ים צעפונקלט ליכט,
מיטן שפּיל פון שקיעה אויפן אָנגעזיכט.

גייט דער הייסער טאָג צום שוים פון אָפּגרונט שטאַרבן
אין די קאָכעדיקסטע, פייערדיקסטע פאַרבן.

פּורפּורט העל אַ וואָלקן, ווי אַ באַרג אין פלאַם;
ברענט אַ בראָנזענע, די וויסטעניש פון ים.

גרויסער אונטערגאַנג אין ימיקייט אין פרייער —
פאַרכטיקייט און פייער, פאַרכטיקייט און פייער.

קוקט פון וואָלקן משה, קוקט פון באַרג נבו,
ווי דער אָונט־פלאַם אַ פאַרכטיקער אַזוי —

קאָלאָסאַל און איינזאַם, מיט די הערנער־שטראַלן,
וואָס צום לעצטן מאָל פון שטערן זיינעם פאַלן;

מיטן פּנים פון אַ זון, וואָס זינקט צעשמאַכט;
מיט דער גרויסער בענקשאַפט פון זיין לעצטער נאַכט.

כוואַליען ווייט פאַר אים אין פּורפּור אין באַהעלטן
ברוינזנדיקע מחנות, שוים־ווייסע געצעלטן.

וואָגלען נאָך אַ חלום ששים רבוא שטאַרק;
הערט ער זייער דורכרוויש פון דעם שפּיץ פון באַרג.

האָט ער פערציק יאָר פאַר זיי דעם טרוים געצונדן,
און זיי זיינען אַלע, ווי אַ שוים, פאַרשוואונדן.

איז זיין צייט געקומען — מוז ער אויך אַליין,
ווי די אַלע אונטן, שוימיק שוין פאַרגיין?

האָט ער זיי אויף זיך דורך פערציק יאָר פון פּלאָגן,
ווי דער אָדלער זיינע עופהלעך, געטראָגן.

און מיט זייער אויסשטאַרב איז ער דאָך אין וויי
ששים רבוא מאָל געשטאָרבן שוין אין זיי.

פערציק לאַנגע יאָר פון וויסטע וואַנדערונגען,
און אין לאַנד פון צוזאָג ניט אַריינגעדרונגען.

און דערזעט ער שוין זיין טרוים־לאַנד פון דער ווייט,
מוז ער שליסן באַלד זיין אויג אין אייביקייט.

און ער שטייט, די הענט צעשפּרייט, דעם בליק געהויבן
צו דעם סוד, וואָס טונקלט אין די פלאַמען אויבן.

פלעגט זיך גאָט דאָך ווייזן אים אין זעאונג בלענדיק —
דאָס, וואָס וועט געשען, פאַר אים אַנטפּלעקן שטענדיק.

איצט שוין הערט ער נאָר, ווי דורכן אָוונט־רויט
פאָכט מיט פליגלען שוואַרץ אַלץ נעענטער דער טויט.

און אַרום די שקיעה שפּילט גראַנדיעז פאַר איִם,
מיסטעריעז־גראַנדיעז, איר פאַרבן־פאַנטאַזם.

פאַרב־מיסטעריעס אויבן, פאַרב־מיסטעריעס אונטן —
פון די טיפסטע הויכן ביז די טיפסטע גרונטן.

און אין מיטן ער, אין לעצטן פלאַם פון טרויס,
און די ששים רבוא פונקענדלעך פון שוים.

זיינען ים און הימל פלאַמענדיקע עדות
פון דעם שיינענדיקסטן שפּיל פון בלינדע סודות.

שטייט דער גרעסטער פירער פאַרן שפּיל פאַרווירט,
וואָס ער האָט זיך נאָר צום שוואַרצן טויט דערפירט.

ווענדט ער זיך צום הימל אין זיין האַרצן־ברומען —
האָט ער דאָך פון גאָט די תורה דאָרט גענומען!

שטעכט דעם הימל דורך זיין תפילה, ווי אַ שווערד,
און שפּרינגט אָפּ צוריק אַרונטער אויף דער ערד.

שליסט זיך פאַר זיין תפילה אויבן יעדער טויער,
און דער הימל שטומט, אַ שותף צו זיין טרויער!

פלאַמט דאָך אויך אין הימל יעדן אָוונט באַנג
אַלץ דער מיסטעריעזער שפּיל פון אונטערגאַנג.

ווענדט צום ים זיך משה, און ער נעמט זיך בעטן —
אים, דעם רעטער פון אַ גאַנצן פאָלק, צו רעטן.

האָט ער נאָר אַמאָל אַ פּאַך געטאָן די האַנט,
און עס האָט דער ים געשטעלט זיך, ווי אַ וואַנט.

פלאַמט דער ים אים הילפלאָז, אין געדויש אין רויטן,
מיט די אויפשטראַלן, די אימפּעטס און די טויטן.

האָט דאַך יעדע כוואַליע אויך איר ליכט און קלאַנג,
און דערנאָך אַזוי שוין אויך איר אונטערגאַנג.

שטייט ער, טויט פאַרמשפּט, איינער פון מיליאַסן,
וואָס פאַרגייען שטיל אין לעצטן גלי, אין בלאַסן.

ווי ער קוקט אַרום, און וואו זיין בליק נאָר פאַלט,
זעט ער אַלץ זיין גורל אָוונטיק צעשטראַלט.

אונטערגאַנגען אויבן, אונטערגאַנגען אונטן —
פון די טיפסטע הויכן ביז די טיפסטע גרונטן.

אַלץ אַריבער תהומות, רבוא'ס אָן אַן ענד,
צו אַ שפּיל אַ בלינדן אויסגעשפּרייט די הענט.

* * *

אָ, דו זון פון עמרם, טונקלט נאָר דיין זון,
לויכט שוין אויף לבנה'ק־גרייט דער זון פון נון!

טונקלען אָבער פעלקער אין די אייביקייטן —
וועט זיי ווער פאַרבייטן? קען זיי ווער פאַרבייטן?

אָ, ניט פערציק יאָר, נאָר פערציק הונדערט יאָר
וואַנדערן מיר וויסט צום חלום פון דיין וואָר!

און אַזוי ווי דו, אין עלענד אין דערהויכטן;
און אַזוי ווי דו, צום אייביק ניט דערגרייכטן.

און צעפלאַקערט זיך דער אונטערגאַנג אונז רויט,
ווילן מיר, ווי דו, ניט אויפנעמען דעם טויט.

איז דיין זכות דיין מוראדיקער אונז געגעבן —
דורכלעבן דאָס וואונדערלעכסטע נאָר אין שטרעבן.

אָ, דו ריזיקסטע, דאָך ריירענדסטע געשטאַלט,
וואָס אַ פאָלקס־שאַפונג האָט ווען אַרויסגעשטראַלט!

ווי מיר שטייען פאַר אַ שקיעה אויף די הויכן,
מיטן לאַנד פון חלום קיינמאָל ניט צו גרייכן —

קוקט דער טויט אַליין שוין אַ פאַרוואונדערטער
נאָך די פערציק פאַרכטיקע יאָרהונדערטער.

גרויסער אונטערגאַנג אין ימיקייט אין פרייער —
פאַרכטיקייט און פייער, פאַרכטיקייט און פייער.

1936

פינפטע אָפּטיילונג

# ביבלישע געשטאַלטן



# מרים

זי זעט אין ים זיי, און עס בליצט אין איר זכרון
דאָס אַלטע גושן־בילד: די נילוס־וועלן רוישן,
עס טראָגט זיך אויפן וואַסער דאָס קעסטעלע מיט משה'ן;
זי קוקט פון ברעג און פלאַקערט פול מיט שטומען צאָרן.

דאָס קינד בלייבט לעבן דאָך, דאָס קינד איז העלד געוואָרן,
און האָט די שקלאַפן פריי אַרויסגעפירט פון גושן,
און האָט די נאָכיאָגער אין טיפן ים פאַרשטויסן —
„אָ, זינגט, אָ, זינגט צו גאָט! אַ פאָלק ווערט היינט געבאָרן!"

די ים־סוף־וועלן רוישן, יאָגן אום און טראָגן
דאָס טויטע חייל פרעה'ס, רייטער, פערד און וואָגן —
זי קוקט פון ברעג און פלאַקערט פול מיט לויב־געזאַנגען.

זי קלאַפט אין פויק און זינגט דאָס ליד פון גאָט און פייער,
וואָס צינדט די פרויען אָן צום טאַנץ פאַר דעם באַפרייער,
און ווייט אין מדבר פלאַמען די אָז־ישיר־קלאַנגען.

ניו יאָרק, 1910.

# ביים פעלז פון מדבר

והכית בצור ויצאו ממנו מים ושתה העם,
(שמות, יז׳, ו׳)

אויבן קופערן די הימלען די צעברענטע,
אונטן ברוינט דער זאַמד פון מדבר פון צעשמאַכטן.
גייען זיי, צום פלאַם פון זון־פאַרגאַנג געווענדטע,
אויף די שווערע וואַנדער־שטעקנס אָנגעלענטע,
שאָטנס שמאַכטיקע אין גלוטיקע פאַרנאַכטן.
לאָקט אין הייסן נעבל דאָס פאַרשפּראָכענע,
דאָס געבענטשטע לאַנד, וואו מילך און האָניק פליסט.
זוכן זיי דעם וועג, אין מוט געבראָכענע,
בלאָנדזשען, גייען ערגעץ־וואו אין ווייטער וויסט —
ערגעץ־וואו,
ערגעץ־וואו
אין דער ווייטער וויסט.

פאַלן מאַט אַוועק די שטאַרקע און געוואגטע,
ווערט די צויבער־זעאונג ווייטער אַלץ און בלאַסער.
גייען ניט די פיס, די וואונדיקע, צעהאַקטע,
שרפהנען די ליפּן, שוואַרץ פון דאָרשט פאַרבאַקטע,
וואָיעט ווילד די מחנה: וואַסער! וואַסער! וואַסער!
צישן בייז די צינגער, די צעשפּאָלטענע,
צו די גומענס טרוקן צוגעקלעפּט אין פּיין:
וועלן אָט די זאַמדן, די פאַרשאָלטענע,
ענדלעך אונזער ברענענדיקער קבר זיין —

ברענענדיק,
ברענענדיק
אונזער קבר זיין!

לויכט דער פירער אויף אין מיטן פון די שרעקן,
מיטן טיפן צער און מיטן גרויסן ווילן,
שלאָגט דעם הייסן פעלז פון מדבר מיטן שטעקן,
און דאָס וואונדערלעכע טוט זיך באַלד אַנטפּלעקן:
קילע קוואַלן וואַסער זילבערן און שפּילן.
פאַלן באַלד אַרונטער אַלע שלייערן,
און דאָס ניט־געזעענע טוען אַלע אויגן זען,
און דאָס ניט־געהערטע הערן אַלע אויערן,
ווי אַזוי דער גרויסער וואונדער איז געשען —
וואונדערלעך,
וואונדערלעך
איז אַזוי געשען.

דער טריאומף פון ווילן! ווי איין וואונדער־ווילן
האָט אַ גאַנצע מחנה ווילנס אָנגעצונדן!
טוען פרישע כחות אַלע באַלד דערפילן,
און דאָס לעבן־בלוט טוט ווידער זיך צעשפּילן —
שוין ניטאָ קיין דאָרשט, קיין מידקייט און קיין וואונדן.
לאָקט אין הייסן נעבל העלער אַלץ און קילער
דאָס געבענטשטע לאַנד, וואו מילך און האָניק פליסט;
ציען זיי זיך נאָך דער זעאונג שטיל און שטילער,
בלאָנדזשען, גייען ערגעץ־וואו אין ווייטער וויסט —
ערגעץ־וואו,
ערגעץ־וואו
אין דער ווייטער וויסט.

1929

# אין טעמפּל

## 1

## דער אַלטער עלי

ודבר יהוה היה יקר בימים ההם,
(שמואל א, ג׳, א׳)

איך זיץ פֿאַרן ארון פֿון גאָט און איך גליווער,
שוין פֿערציק יאָר שופֿט און כּהן;
מײַן קאָפּ איז שוין לאַנג, ווי דער חרמון דער שיווער,
באַדעקט מיטן טרויער פֿון שנייען.

איך טו אויפֿן וועג דעם פֿאַרנעבלטן קוקן
און פֿיל די פֿאַרבאָרגענע שרעקן;
דאָס אויג איז מיר טונקל, דאָס האַרץ איז מיר טרוקן,
און גאָט טוט זיך מער ניט אַנטפּלעקן.

אָ, אַלט איז מײַן כּהונה! און אַלט איז דער טעמפּל,
און אַלט איז זײַן רום און פֿאַרגעסן,
און אַלט איז דער שימער פֿון פֿלעמל אין לעמפּל,
וואָס צאַנקט שוין און טוט זיך פֿאַרלעשן.

גאָטס ליכט גייט שוין אויס, עס פֿאַרקווילן די קנויטן,
איך בלײַב אַ פֿאַראיינזאַמטער זיצן;
אָט טוט אויפֿן לאַנד זיך דער פּלשתּי צעשפּרייטן —
אָ, ווער וועט די הייליקייט שיצן!

עס איז פון מיין גדולה, פון שוואונג פון געוואָלטן,
געבליבן אין אומרו צו שטאַרבן;
די זינדיקע זין מיינע זיינען פאַרשאָלטן
און וועלן די כהונה ניט אַרבן.

אָט קומט זי די פּאָרכטיקע בשורה; עס וועלן
ביים הערער די אויערן קלינגען;
אָ, טו מיט מיר, גאָט, ווי עס טוט דיר געפעלן —
אַ צווייטן זאָל הילף נאָר געלינגען.

אָט זע איך דעם יונג, וואָס זיין מוטער האָט פרום אים
צו גאָט און צום טעמפּל אַנטליען;
ער איז אויף מיין פּלאַץ דער געשיקטער, אַרום־אים
אַ ליכטיקייט טוט זיך צעגליען.

ווי וואַרט ער, אַ טרייער צום נדר צום יונגן,
פאַרבלייבנדיק וואַך אין דער פינצטער;
ער ליגט אין אַ ווינקל, פון שטילקייט פאַרקלונגען,
און וואַרט אויף דער שעה דער געווינטשטער.

דאָס לעבט ער מיין לעבן דאָך איבער דעם זעלבן —
אַלץ וואַכן און וואַרטן אין מורא'ס,
אין טרוים פון גאָטס־רוף אונטער הויכע געוועלבן,
אין עכאָס פון וויט־ווייטע דורות.

מיר דאַרפן דיך, קינד מיין, אָ, דיך און דיין דינען,
דיין הילף אין דער צייט דער צעגרווילטער!
דו וועסט זיך נאָך אויפכאַפּן ווען אַ באַגינען
פון גאָט אין גענאָד אַ דערווײלטער.

אַזוי זיינען אויך מיינע נעכט דאָך פאַרלאָפן,
פון זעאונגען אימער געמאַטערט —
די אויגן פאַרמאַכט, די נשמה ווייט־אָפן,
און טיף־וואו דאָס האַרץ אַזוי פלאַטערט.

1935

2

## דער יונגער שמואל

דבר, כי שומע עבדך, (שמואל א. ג׳, ט׳)

אין הויכן פענצטער שיינט אַריין
די פלאַטערדיקע נאַכט;
עס פלאַטערט מיטן הויכן שיין
דאָס האַרץ אין מיר און וואַכט.

איך דרעמל און מיין האַרץ איז וואַך,
און ווייט אין צייט און רוים,
געוועלבט זיך איבער מיר דער דאַך,
דער אַלטער טעמפּל־טרוים.

איך דין דאָ, אַ געהייליקט קינד,
אין סומנער איינזאַמקייט;
דער אַלטער כהן איז שוין בלינד
און שוועבט אין וועלטן ווייט.

אַט רופט מיך אין דער פינצטער ווער,
אין דער געהיימער שעה;
איך שפּרינג באַלד אויף און הער און הער:
אָ, קיינער איז ניטאָ!

איך לייג זיך ווייסט אַוועק צוריק,
און שטעך אין נאַכט אַריין
מיין שלאָפלאָז־ברענענדיקן בליק,
און הער און הער זיך איין.

מיין האַרץ איז אָפן, וויט־דערוואַכט;
איך ליג און גאַר און וואַרט:
אין פעסטן שאָטן פון דער נאַכט
ציט דורך אַ ציטער צאַרט.

מען רופט מיך ווידער חלום־שטום,
אין דער געהיימער שעה;
איך שפּרינג באַלד אויף און קוק זיך אום:
אָ, קיינער איז ניטאָ!

מיין האַרץ גייט אוים צום וויטן סוד,
איך בעט און וויים ניט ווי;
מיין האַרץ איז דאָרשטיק נאָך גענאָד,
איך ליג אין נאַכט און גלי.

איך בעט און גלי, און נאָך אַמאָל
צעציטערט זיך אין לופט
דער שטומער קול, דער חלום־קול —
איך ווייס שוין ווער עס רופט.

איך שריי מיין לעבן אוים צו אים,
אין אויפגערעגטער פרייד:
הנני, האַר מיין, אלהים,
עס הערט דיין קנעכט, אָ, רייד!

1935

# דוד און עדולם

ויאמר: חלילה לי, יהוה, מעשתי זאת!
הדם האנשים ההלכים בנפשותם? — ולא
אבה לשתותם. (שמואל ב, כג׳, יז׳)

זע איך אים אין אָוונט, ביי דער הייל, באַהאַלטן
אין די בערג פון מדבר, צווישן פעלזן־שפּאַלטן;
שטייט ער, דער געזאַלבטער העלד און זיסער זינגער,
און פאַרטרוויערט פירט ער איף דער האַרף די פינגער,
ווי ער קוקט אַרונטער אויפן לאַנד אין צער,
וואו דער בייזער פלשתי איז שוין ווידער האַר.

לייגט אויף שאול׳ן דער וואנזין זיך אַנידער,
ווי אין אָוונט ליגט דער מדבר־באַרג דער מידער.
יאָגט זיך שאול אַלץ די העלדישסטע צו טויטן,
בעת דער שונא טוט זיך אויפן לאַנד פאַרשפּרייטן.
וויינט די האַרף פון דוד, ווען ער זינגט דערפון,
ווי ער שטייט אַזוי אין גאָלד פון אָוונט־זון.

ווי ער זעט פאַרקנעכט די בערג און טאָלן ליגן,
וואו ער האָט אַמאָל געפייערט זיינע זיגן —
אָט די שטעט אין וועלדלעך פון די טייטל־בוימער,
וואו ער איז געוועזן דער גואל און דער שומר.
איז בית לחם, זיין געבורט־שטאָט, אויך צו ענד
שוין אַריינגעפאַלן אין די פלשתים־הענט.

זיצן די גבורים שטיל אין צאָרן:
איז דאָך זייער אָרעם שוואַכער ניט געוואָרן!
גייט דאָך יעדערער פון זיי אַליין אויף לייבן,
טוט זיין שפּיז אויף הונדערטער פון פּלשתּים הויבן!
איז פאַר זיי שוין אָבער איצט איין ציל פאַראַן:
שיצן קעגן קעניג זייער אַטאַמאַן!

זעט ער, דער געיאָגטער, דורכן טויער־שלייער
זיין בית לחם און דעם ברונעם ביי דעם טויער.
און פון ברען פון דאָרשט און בענקשאַפט דורכגענומען,
זאָגט ער די גבורים, אין זיין האַרצן־ברומען,
ווי ער ווייזט זיי שמאַכטיק אויף זיין היים־שטאָט אָן:
„גיט מיר ווער פון ברונעם דאָרט אַ טרונק צו טאָן!"

האָבן באַלד זיך דריי שוין אויפן וועג באַוויזן,
שפּאַלטן דורך די פּלשתּים־רייען מיט די שפּיזן,
און בעפאָר די זון איז מדבר־מיד פאַרגאַנגען,
טוען זיי דעם קרוג מיט וואַסער אים דערלאַנגען —
אָנגעשעפּט, מיט גבורה, וואו עס שפּילט די גלוט
פון דעם אָוונט־אַפּפלאַם, רויט, ווי העלדן־בלוט.

קוקט ער אָן די דריי מיט שטאָלץ און שרעק צוזאַמען,
ווי זיי גיבן אים די אָנגעשעפּטע פלאַמען —
ווי זיי האָבן פייערדיק זיך דורכגעשלאָגן,
און מיט זייער בלוט דאָס וואַסער אים געקראָגן.
שיינט זיין גבור־פּנים קינדעריש־מילד און גוט,
ווי ער זאָגט זיך אָפּ צו טרינקען זייער בלוט.

און די קריגער פֿון דער מדבר, די זעקס הונדערט,
רינגלען זייער אטאמאַן אַרום פֿאַרוואונדערט;
ווערן די פֿאַרהאַרטעוועטסטע אויך נתפּעל,
ווי דער זיסטער פֿון די זינגער פֿון ישראל,
שטייט, אַ וואַסער־דאָרשטיקער, אין זון־פֿאַרגאַנג,
און גיסט אויס פֿאַר גאָט דאָס וואַסער אין געזאַנג.

1930

# אליהו און אלישע

און עס איז געווען, ווען גאָט האָט אַרויפֿגעבראַכט אליהו'ן אין אַ שטורעמווינט אויפֿן הימל, זיינען אלישע און אליהו געגאַנגען פֿון גלגל. האָט אליהו געזאָגט צו אלישע'ן: בלייב דאָ, איך בעט דיך, וואָרום גאָט האָט מיך געשיקט ביז בית אל. האָט אלישע געזאָגט: אַזוי ווי גאָט לעבט און אַזוי ווי דיין זעל לעבט, אויב איך וועל דיך פֿאַרלאָזן...

(מלכים ב, ב', א־ב').

**1**

**האָט די שעה געשלאָגן, און אין פֿייער־וואָגן**
**גרייט זיך אליהו צו די הימלען יאָגן.**

**גייט ער אויף דער ערד זיין גאַנג צום לעצטן מאָל —**
**נאָך און נאָך אַמאָל אַ קוק טאָן באַרג און טאָל.**

**וויל ער גיין אַליין, מיט זיך און מיט די גראָזן,**
**גיין אַזוי און גיין, פֿון אַלעמען פֿאַרלאָזן.**

**האָט ער דאָך אַ וועלט צו ציטערן געמאַכט,**
**טריקעניש געבראַכט, מיט פֿייערן געקראַכט.**

ווײל ער איצט, אַ טרוימער, אומגײן מיט די בוימער,
אומגײן מיט די בלימלעך, אומגײן אַ געהײמער.

ווײל ער שטילערהײט מיט ערד זיך זעגענען,
און קײן בליק פֿון לײד ניט מער באַגעגענען;

און ניט זען אויך מער דעם פּנים דעם באַטריבטן,
די פֿאַרקלעמטע טרער פֿון תּלמיד פֿון באַליבטן;

גײן דעם גאַנג דעם פֿײנעם און דעם אײנזאַמען —
צום טריאומף צו זײנעם, צו דעם גרױזאַמען.

2

שטעלט ער פֿעסט דעם טראָט דעם אײליקן, דעם שטרענגן,
ווי ער גײט פֿאַר גאָט אַ קרבן זיך צו ברענגען.

גײט אלישע מיט, אַן אויסדערוויילטער, מיט,
גײט פֿאַרבענקט און גליט, און היט בײם האַר די טריט.

גײט דעם פֿלאַם־טויט זען, אין וואונטש אין אײנגעשפּאַרטן,
ברענען מיטן ברען פֿון וואונדער פֿון דערוואַרטן.

ווײל דער האַר באַשטײן צו בלײבן נאָר אַלײן;
שווערט אלישע: נײן, ער וועט ניט אַנדערש גײן!

און ער טרעט ניט אָפּ, ער שלײכט אין טראָט אין באַנגען,
דעם געזאַלבטן קאָפּ אין אַנגסט אַראָפּגעהאנגען.

קוקט ער פֿײער־פֿלאַם, דער ווידערשפּעניקער,
ווי ער גײט אין צאַם, אַן אונטערטעניקער.

ווייס ער דאָך, אַז באַלד־שוין און די שעה וועט קומען
און אין ברען און ברומען ווערט זיין האַר גענומען.

זיינען אַלע אויגן שוין צו אים געווענדט —
מוז זיין האַר צו ענד אים שטאַרקן דאָך די הענט!

3

ווי עס גייט דער האַר צום יום טוב פון זיין טויט,
גייט די נייס און גייט, פון מויל צו מויל פאַרטרויט.

קומען בני הנביאים מיט דער נייס און קומען;
זאָגט זיי אָן אלישע, אַז זיי זאָלן שטומען.

גייט זיין האַר פון גלגל, גייט ער טראַציק מיט,
און זיין האַרץ איז פול, און שווער איז זיין געמיט.

און ער טוט רק הערן אין געמיט אין שווערן:
„ווייסטו, אַז דיין האַר וועט היינט גענומען ווערן?"

גייט זיין האַר אין בית אל, גייט ער דאָרטן אויך,
בלאָנדזשעט מיט די בליקן שמאַכטיק אין דער הויך.

לאָזט אים ווידער הערן אַלץ די חברה גערן:
„ווייסטו, אַז דיין האַר וועט היינט גענומען ווערן?"

נידערט אין יריחו שוין זיין האַר אַראָפּ,
שלייכט ער אויך אַהינצו, לאָזט אים אַלץ ניט אָפּ.

און ער טוט רק הערן, וואו ער טוט זיך קערן:
„ווייסטו, אַז דיין האַר וועט היינט גענומען ווערן?"

4

גייט זיין האַר צום ירדן, גייט ער וויטער מיט,
אַ פאַרבענקטער שאָטן, וואָס ער היט די טריט.

נעמט זיין האַר דעם מאַנטל, טוט דעם טייך צערוקן,
טוען אַלע קוקן, ווי זיי בראַדזען טרוקן.

וואַקסט און וואַקסט זיין אומרו: קומט זי שוין, די שעה?
איז דער גרויסער נביא טאַקע באַלד ניטאָ?

פלאַמען אים די טעג פון נביא אין יסורים,
ווי ער זעט דעם וועג צום הימל דורכן שטורעם;

זינט ער האָט אַמאָל, באַם אַקערן די ערד,
פייערדיק דעם קול דעם געטלעכן דערהערט;

ווי ער לויפט אַן זינען דאַן פון טאַטע־מאַמען,
נביא־דינסט צו דינען מיטן האַר צוזאַמען.

בלייבט ער איצט אַליין, צו שטרייטן לינקס און רעכטס —
וועט ער קעגנשטיין אַ גאַנצער וועלט מיט שלעכטס?

האָט ער זיך ניט מער אויף וועמען אָנצולענען —
וועט ער געטלעך קענען, ווי זיין האַר, רק ברענען?

5

הערט ער שוין דעם שטורעם קלינגענדיק פון ווייטן —
וועט ער אין די שטרייטן זיין וואונדער־האַר פאַרבייטן?

זעט ער שוין אין צער די כמאַרע, ווי זי ברענט;
בעט ער זיך ביים האַר צו שטאַרקן אים די הענט.

„וואָס איז דיין באַגערן?" — ווינטשט דער האַר צו הערן,
איידער נאָך ער וועט אַוועקגענומען ווערן.

וויל אלישע זיין, ווי ער, און צוויי מאָל מער;
קווענקלט זיך דער האַר, אַז דאָס איז שוין צו שווער.

און ער ענטפערט דאָך: אָט האָסטו דיר אַ צייכן,
אפשר וועסטו נאָך אַזאַ מדרגה גרייכן:

אויב מען וועט דיר צייגן, ווי איך שווינד פון דיר,
וועסטו צוויי מאָל שטייגן גרעסער נאָך פון מיר.

און ווי ביידע ריידן, גייען אַלץ און ריידן,
טוט אַ פלאַם זיי ביידן באַלד פאַנאַנדערשיידן.

ווערט דער האַר געטראָגן הויך פון פייער־פערד,
אין אַ פייער־וואָגן, ווייטער אַלץ פון ערד.

רופט אלישע, שרייט ער, וואָס דער האַר ווערט ווייטער:
„אָ, די רייטוואָגן ישראל'ס און זיין רייטער!"

„פאָטער, פאָטער מיינער!" — און מיט דעם געשריי
רייסט ער באַלד פאַר ווי זיין קלייד אויף שטיקער צוויי.

## 6

לויכטן אין די הויכן נאָך די פייער־פערד,
ווען עס טוט שוין בלייבן אָונטיק די ערד.

פליען אין דער פינצטער פלעדערמייז און סאָווען,
טייוולשער קאַטאָוועס, וויסטער אימת מות.

און אלישע שטייט, די הענט צו גאָט געשפּרייט,
זעט די הימל־זעאונג, ווי זי ווערט פאַרווייהט.

ווי זי שווינדט אין שוואַרצן, מער און מער דערוויטערט,
און אין שווערן האַרצן ווערט אים אויסגעלייטערט.

שטייט ער, דער דערוויילטער, און אים שטעלט זיך פאָר
די באַשיידונג קלאָר פון חלום אויפן וואָר —

פון אין וואָר דערגרייכטן חלום, דעם דערהויכטן,
וואָס מען זעט אים איינמאָל און מען ווערט באַלויכטן;

וואָס מען זעט אים איינמאָל, און מען ווערט באַלוינט,
מיטן פיין באַשיינט און מיטן פלאַם געקרוינט.

7

קומט דער האַר אים פאָר צום גאַנצאָפּער געגליכן,
פלאַמט אים אויפן וואָר אין טרוים אין וואונדערלעכן.

פאַלט דער מאַנטל וויך פון האַר אויף אים אַראָפּ,
פון די הימלען־הויך אויף זיין געזאַלבטן קאָפּ.

זעט ער דעם געשאַנק פון אויבן דעם געוואָלטן,
וואָס פאַר אים האָט באַנג דער ירדן זיך געשפּאָלטן.

נעמט ער אים און בוקט זיך און גייט אָפּ אין צער,
און דער טייך צערוקט זיך פאַרן נייעם האַר.

1931

# יונה

ויקם יונה לברח תרשישה מלפני ה׳,
(יונה, א׳, ג׳)

גאָטס־האַנט לייגט זיך פײנלעך אויף אים
און גיט ניט קיין רו.
עס טראָגט די באַפעלנדע שטים
צו נינוה אים צו:
„גיי צאָרן, גיי וואָרן און שטראָף,
אין בײזקײט אין פרומער!
גיי שרעק מיט אַ פינצטערן סוף,
די לעבנס פאַראומער!"

אָט ווינקט אַזוי זוניק די שטאָט,
צעשפרייט אין דער ווייט.
וואָס גייט ער, אַ כמאַרע פון גאָט,
אויף ווילד־פרעמדע לייט!
אָט שמייכלען די שטאָטישע ווענט
מיט ווייסקייט מיט לינדער.
ווי שפּילט אויף זיי גלוטיק און בלענדט
די זון פון די זינדער!

פאַר וואָס האָט מען אויסדערוויילט אים
צום בייזן באַזוך!
צו גיין מיטן שטורעם אין שטים,
מיט פייער אין פלוך!

עס בעטן מיט ביטערן צער
די בלאָנדזשנדע בליקן:
„באַפריי, באַרמהאַרציקער האַר!
שיק וועמען וועסט שיקן!"

ער שטייט ביי דער שטאָט אַזוי שטום,
פאַרבראָכן די הענט,
הערט־צו זיך צום לוסטיקן ברום
פון הינטער די ווענט.
אָט וויהט אויף אים וואַרעם די פרייד
פון זאָרגלאָזע זינדער,
פון ליבע און לאַכיקע רייד
פון קליינינקע קינדער.

ער ווייס, אַז ער קען ניט אַוועק
פון ווילן פון גאָט:
דאָך לאָזט ער זיך לויפן אין שרעק
פון פרייד פון דער שטאָט.
ער לויפט, און גאָטס־רוף לויפט אים נאָך:
„דו וועסט בשום אופן
ניט ברעכן זיך פריי פון מיין יאָך,
פון דינסט ניט אַנטלויפן!"

ער בעט זיך: „דו וועסט דאָך צום סוף
פאַרגעבן זיי, גאָט;
ניט אומברענגען וועסטו אין שטראָף
די ריזיקע שטאָט!
טאָ וואָס־נאָך דאָס פייערן רויט
אין האָס אין צעווילדטן —

צו פאַכן אויף זיי מיטן טויט,
מיט תּוכחות שילטן?"

אומזיסט! די באַפעלנדע שטים,
זי לויפט מיט אים מיט,
און רופט אים און דונערט אין אים,
אין ברום פון געמיט;
זי דונערט אַריבער זיין ברום,
זיין טענהן און בעטן:
„אין נינוה! צוריק! קער זיך אום
צו פלוכן און רעטן!"

אַט לויפט ער עק־וועלט אויף אַ שיף
אין תּרשיש אַוועק.
צעעפנט אין אַבגרונד זיך טיף
זיין געטלעכער שרעק.
אַט רעדט אים פון שטורעם גאָטס־מויל —
די שיף־לייט, זיי הערן
זיין מעשה, זיין ודוי מיט גרויל:
וואָס וועט דערפון ווערן!

אַט שטעלט ער זיך שטיל ביים ברעג־שיף,
אַ לויטערער, גרייט
צו שווינדן אין קעסל־גרוב טיף,
אין פיש־איינגעווייט.
אַט דונערט גאָטס־רוף דורכן פלאַם,
אַט שטורעמט גאָטס־ווילן;
אַט לאָזט ער זיך וואַרפן אין ים,
גאָטס צאָרן צו שטילן.

איז גרייט שוין אַ וואַל־פיש אין ים,
וואָס שלינגט אים באַלד איין,
און שלינגט, מיטן דונער און פלאַם,
גאָטס־רוף אויך אַריין.
אָט קראַכט אין דעם וואל־פיש און ברענט,
אָט ווערט ער צעריסן;
אָט טוט ער אַ בראָך־אויס צו ענד
דעם פלאַמיקן ביסן.

פאַלט ווידער דער נביא אַריין
אין פרייד פון דער וועלט;
און ווידער פאַרפאָלגט אים אין פיין
די שטים, וואָס באַפעלט.
ער לויפט, און גאָטס־רוף לויפט אים נאָך:
„דו וועסט בשום אופן
ניט ברעכן זיך פריי פון מיין יאָך,
פון דינסט ניט אַנטלויפן!"

1927

זעקסטע אָפּטיילונג

# קריסטלעכע מאָטיוון

# אַוועמאַריאַ

אין דער מלאך איז געקומען אין קאַמער
אין געזאָגט איר: שלום דיר, דו פרוי פון חן.
(לוקאס 1, 28, און די ווייטערע פסוקים).

וועלדער פון געקרייציקטע *) — דער מאַרש פון רוים,
טעג פון תליון וואַרוס און משיח־טרוים.

טעג פון ווילדן יאוש, טעג פון ווילדן האָפן,
ווען דאָס גרויסע ליכט אין גרויסן חושך שיינט;
וואַרט מען אויפן גואל, ליגן הימלען אָפן,
רעדט מען מיט מלאכים, ווי אין גאַס מיט פריינט.

קוקט מען קאָפּ־פאַרריסן פון די וויסטע שרעקן,
טוט מען הענט פאַרבראָכענע צום הימל שטרעקן:

---

*) דער רוימישער לעגאַט וואַרוס, וואָס האָט דערשטיקט אין ארץ ישראל דעם ערשטען אויפשטאַנד פון יהודה הגלילי, דעם פירער פון די זעלאָטען, האָט געטויט אויפן קרייץ צוויי טויזנט געפאַנגענע אידישע פרייהייטס־קעמפער. דאָס איז געשען אומגעפער אין דער זעלבער צייט, ווען ישו דער נוצרי איז געבאָרן געוואָרן. דער געוויסן פון דער קריסטלעכער וועלט, וואָס האָט רעוואָלטירט אַזוי דורך די ניינצען הונדערט יאָר קעגן דער איין־איינציקער קרייציקונג פון דעם נוצרי (כלומרשט דורך אידן), האָט ניט געצאָלט קיין שום אויפמערקזאַמקייט צו אָט־דעם שוידערלעכן היסטאָרישן פאַקט — צו דער קרייציקונג פון גאַנצע צוויי טויזנט אידישע פרייהייטס־קעמפער מיט אַמאָל.

ווען־זשע וועלן זיך די צייכנס שוין אַנטפּלעקן?

מוז מען קנעכטיש דאָך דעם יאָך פון לעבן שלעפּן,
זעט מען זעאונגען ביים וואַרשטאַט און ביים אַקער;
גייען מיידלעך אַלץ צום ברונעם וואַסער שעפּן,
שפּילט אין זון־פאַרגאַנג דאָס וואַסער, ווי אַ פלאַקער.

און עס גייט צום ברונעם מיטן קרוג, ווי אַלע,
די פאַרטרוימטע מרים, די צעבליטע כלה.

ווי זי טראָגט אים אויפן קאָפּ, דעם קרוג מיט גלוטן,
און דעם פרילינג פון איר לעבן גרין אין האַרצן,
און עס ברויזט דער אויפשטאַנד אין די הייסע בלוטן,
און עס שטראַלט דער טרוים אין יאוש אין דעם שוואַרצן.

טרוים פון אַ דערוויילטן, פון אַ פאָלקס־באַפרייער,
און אַ נייעם הימל און אַן ערד אַ נייער.

דאָך דער מענטש בלייבט מענטש, און ווען דער וויינשטאָק בליט,
און עס צייטיגט פרי זיין פרוכט דער פייגענבוים,
גליט אין הייסער גליל־נאַכט אויך מרים מיט,
אין די אָרעמס פון דערוויילטן פון איר טרוים.

האָט ער דורכגעבלאַנקט אין שיין אין וואונדערליכן,
פון דעם בייזן חושך, מיט די צאַרטסטע שטריכן,
אמת צו דעם גייסט דעם געטלעכן געגליכן.

ווייס זי אין איר שרעק ניט, ווי עס איז געוואָרן,
נאָר אין קאמער איז אַ מלאך באַלד דערשינען,

און ער זאָגט איר, אַז זי וועט אַ זון געבאָרן,
וואָס ער וועט די גאולה פֿאַר דער וועלט געווינען.

ווי געהיימניספֿול ער טוט פֿאַר איר אַ ווייה,
מיט די ווייסע פֿליגלען, ווי לבנון־שניי.

און ער דעקט איר אויף דעם שטראַלנדיקן סוד,
אַז דאָס איז געווען דער גייסט פֿון גאָט מיט איר,
און זי טראָגט אַ זון פֿון הימלשן גענאָד,
וואָס זיין קעניגרייך וועט דויערן אָן שיעור.

שוואַנגערט זי דערווייל און מוז אין מיידל־שאַנד
לויפֿן אין יהודה פֿון איר גליל־לאַנד.

איז זי ליכטיק, מיטן סוד אין זיך, געלאָפֿן
צו איר קרובה, אלישבע, זיך באַהאַלטן;
האָט זי אָבער אלישבע'ן ניט געטראָפֿן
אין דער שטאָט יהודה, אויפֿן באַרג דעם אַלטן.
ווייל די קרובה אויך, אַ ווייבל פֿון אַ זקן,
איז אַזוי פֿאַרגאַנגען מעשה נס אין טראָגן,
און זי האָט זיך אויך, ווי מרים, אַלץ געשראָקן,
וואָס די לויזע, בייזע צינגער וועלן זאָגן.

האָט זי זיך באַהאַלטן אין די פֿעלזן־שפּאַלטן,
ערגעץ־וואו דערביי, אין מדבר אין צעשטראַלטן.

און ווען מרים האָט זי דאָך צום סוף געפֿונען
און דערציילט פֿאַר איר איך שטוב די וואונדער־מעשה,
לויכטן אויף ביי זיי די פּנימער, ווי זונען,

און פון אויבן טוט אַ בליץ מיט פליגלען ווייסע,
און זיי ביידע זעען, און זיי ביידע ברענען,
ווי גבריאל טוט פון הימל ווייס גענענען.

שטעלט זיך אלישבע אין עקסטאַז אין גרויסן,
מיטן גייסט דעם הייליקן אָן איבערפילטע;
טאַנצט דאָס קינד אין איר און נעמט אין בויך זיך שטויסן,
טאַנצט זי אויך און רופט אין שיין אַן איינגעהילטע:

וואויל דיר, מרים, וואָס דו טראָגסט אין זיך גאָטס־זאָמען!
זאָל געהייליקט זיין אין אייביקייט זיין נאָמען!

נעמט אויך מרים אין עקסטאַז אין גרויסן שטראַלן,
וואָס זיין גנעדיקייט טוט גאָט אויף איר פאַרשפרייטן,
און זי טאַנצט און רופט און נעמט מיט שירה שאַלן,
ווי זי פילט גאָטס־זון אין אירע אינגעווייטן:

האָט פון נידעריקייט גאָט זיין דינסט דערהויבן!
וועט מען אייביק מיך דורך אַלע דורות לויבן!

און דער מלאך סאַלוטירט די ביידע ווייבער
און די קינדער, וואָס זיי טראָגן אין די לייבער —
יוחנן דעם טויפער, וואָס ער קומט צו שילטן,
מאַכנדיק אַ וואַרע פאַרן נוצרים טראָט,
און אַליין דעם נוצרי, וואָס ער קומט צו גילטן
ביי אַ גאַנצער וועלט פון גויים פאַר אַ גאָט.

* * *

אויף די ביינער פון דעם גליל־איד, דעם פישער שמעון,
שטייט אין רוים דער הערלעכסטער סאַנקט־פעטער קלויסטער;

האָט מען דאָרט צונויפגעשטעלט דעם פייערלעכסטן הימן
צו זיין לאַנדס־פרוי, צו דער פיל־געגרויסטער;
ווי עס קומט אַ מלאך צו אַ מיידל צו אַ באַנגער
און באַגריסט זי, וואָס זי איז געוואָרן שוואַנגער:
אווע, מאריא!

זיינע ניינצען הונדערט צוויי און דרייסיק יאָר פאַרלאָפן,
און מען טוט נאָך אַלץ דעם אינצידענט דערמאָנען,
וואָס אין גליל האָט אַמאָל מיט מרים'ען געטראָפן,
און מאַנאַכן און מאָנאַשקעס אין מיליאָנען
זאָגן הונדערט פופציק מאָל און ציילן אויס אויף קרעלן,
אַז מען זאָל חלילה איינמאָל ניט פאַרפעלן:
אווע, מאריא!

און אין אַלע טיפלעס, מאָנאַסטירן, קאַטעדראַלן,
טוט מען אַלץ אין פאַרכטיקייט דעם הימן זינגען,
און די כאָרן אונטער גאָלדענע קופאָלן שאַלן,
און די אָרגעלס שפּילן, און די גלעקער קלינגען,
און מען שעפּט און שעפּט אין הייליקייט די אינספּיראַציע
אַלץ פון יענער אויסטערלישער סיטואַציע:
אווע, מאריא!

און צוזאַמען מיטן קול פון אַלע קאַטאָליקן,
שפּילן אויף די ראַדיאָס אין דער פיינסטער רשעות,
אויף די פידלען און באַנדורעס מיט די פלינקסטע שמיקן,
אויך די אונזעריקע טאַשעס, יאַשעס, מישעס,
און זיי רעקלאַמירן פאַר די קראָמען גרויסע איינקויפס,
איז דער קול שוין עשו'ס און די הענט שוין יעקב'ס:
אווע, מאריא!

1932

# מתי המוכס *)

האָט ישוע (דער נוצרי) געזאָגט צו זיי (צו די עלטסטע כהנים און זקנים פון פאָלק): איך זאָג אײַך וואָרהאַפטיק, אַז די מוכסים און די זונות וועלן גיין פריער פון אײַך אין קעניגרײַך פון גאָט. — (מתי, 21, 31)

**זיצט ער אין אַקציזיהויז, מתי,**
**האַלט אין זוכן, פלוכן, טענהן,**

---

*) מתי המוכס (מאַטאי דער אַקציזניק) איז געווען אַ תלמיד פון ישו הנוצרי און איינער פון די צוועלף אַפּאָסטאָלן פון קריסטענטום. אויף זיין נאָמען גייט דאָס ערשטע עוואַנגעליום (די „הייליקע בשורה" פון מתי) פון די פיר, וואו עס ווערט דערציילט וועגן לעבן און לערע און טויט פון דעם נוצרי. כאָטש דאָס עוואַנגעליום פון מתי, ווי די איבעריקע עוואַנגעליומס, איז שטאַרק רעדאַקטירט געוואָרן, דענקט מען אָבער, אַז זייער פיל פון די ווערטלעך, וואָס זיינען דאָרט פאַרצייכנט, האָט טאַקע מתי אַליין געהערט פון דעם נוצרי. מתי, ווי זיין נאָמען ווייזט, איז געווען אַ שטייערן־מאָנער — אַ אידישער אַגענט פון די גרויסע רוימישע אָטקופּשציקעס. און שטייערן האָט מען ברענענדיק געהאַסט אין ארץ ישראל; ניט נאָר ווייל די רוימער האָבן מיט דער גרעסטער אכזריות אויסגעזויגן די באַפעלקערונג, נאָר אויך ווייל דאָס איז געווען אַ צייכן פון קנעכטשאַפט, וואָס די אַמאָליקע שטאָלצע, פרייהייט־ליבענדע אידן האָבן ניט געקענט אַריבערטראָגן. זיינען אויך די מוכסים, די אַקציזניקעס, געווען זייער אַ פאַרהאַסטער קרייז פון הפקר־יונגען. זיי זיינען געווען פאַרשטויסן פון דער געזעלשאַפט און זייער געלט האָט זיך גערעכנט, נאָכן דין, ווי געלט פון גזלה.

צווישן יונגן צווישן בלאַטע,
ביי די כוסות פיינע וויינען —
אַ פאַרמיאוסטער פּיסקאַל,
אַ פאַרשטויסענער פון כלל!

זיצט ער אויף דער שטאָט אַ פּיאַווקע,
זויגט פאַר רוים דעם צינז דעם שווערן.
און זאָל געבן ווער אַ האַווקע,
רופט ער גלייך די לעגיאָנערן!
שפּייט ער הפקר אויף דער וועלט,
און ער טוט וואָס אים געפעלט.

---

נאָכן געדאַנק פון דער פּאָעמע האָט אויך מתי, ווי אַ פאַרשטויסענער, געטראָגן אַ טיפע שנאה צו דער אַרומיקער אידישער געזעלשאַפט. און דאָס האָט אויף אַ ברענענדיקן אופן געפונען אויסדרוק אין עוואַנגעליום אויף זיין נאָמען. אַפילו אין דער באַרימטער „בארג-דרשה" זיינען דאָרט געוויסע טיילן געצילט קעגן די זעלאָטען, די פּריוויוטס-קנאים און פּריוויוטס-קעמפער. און ערגעץ ניט אין „ברית החדשה" איז אויסגעגאָסן אַזוי פיל תוכחה, אַזוי פיל גיפט אויף די פרושים, ווי אין געוויסע קאַפּיטלען פון מתי. די פרושים זיינען געווען די אידישע פאָלקס-אינטעליגענטן, מערסטענטיילס בעל-מלאכות און ערד-אַרבעטער, די פאַרטרעטער פון דער גרויסער אידישער דעמאָקראַטיע. און אָט די וואונדערלעכע אידישע פּאַרטיי איז אין עוואנגעליאום פון מתי אַזוי פאַרמיאוסט געוואָרן, אַז דער נאָמען פרושי (פאַריסעי) איז געוואָרן אַ זידל-נאָמען אין דער קריסטלעכער וועלט.

דאָס גיפטיקסטע אין עוואַנגעליום פון מתי איז אָבער די שילדערונג פון דער קרייציגונג פון דעם נוצרי. מתי וואַשט דאָרט אָפּ די הענט פון פּילאַט'ן, דעם רוימישן פּראָקוראַטאָר און קרייציקער פון דעם נוצרי, און דער בלוט-דורשטיקער טיראַן קומט אַרויס אַ ווייסע טויב. אָט ווי מתי

שימפט ער ביטער די זעלאַטען,
וואָס זיי קעמפן אים צו שטערן,
און די פּרושים, וואָס פאַרבאַטן
אַז מען זאָל מיט אים פאַרקערן,
און דעם פשוטן המון,
וואָס באַטראַכט אים פאַר געמיין.

שטיינערט מער אַליך זיין נשמה,
וואָס מען טוט אים מער פאַראַכטן ;
שטייט ער שטענדיק אין מלחמה
קעגן פאָלק דעם אויפגעבראַכטן.
ווי ער זעט אין שטוב, אין גאַס,
אומעטום נאָר האַס און האַס.

---

דערציילט עס : „און ווען פּילאַט האָט געזען, אַז ער וועט גאָרנישט העלפן, און אַז דער טומל איז נאָך גרעסער געוואָרן, האָט ער גענומען וואַסער און אָפּגעוואַשן די הענט פאַר די אויגן פון פאָלק, און ער האָט געזאָגט : ריין בין איך פון בלוט פון דעם צדיק, ווי איר זעט, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענטפערט און געזאָגט : זאָל זיין בלוט זיין אויף אונז און אויף אונזערע קינדער" (מתי, 27, 24-25).

אויך אין די איבעריקע דריי עוואַנגעליומס פלאַקערט, ביי דער שילדערונג פון דעם קרייציקונג, אַ גיהנם פון העץ־מאַטעריאַל קעגן אידן אָבער די מעשה וועגן פּילאַט׳ס הענט־וואַשעניש איז דאָרט נישטאָ. דאָרט איז אויך נישטאָ דער אויסרוף פון גאַנצן פאָלק, אַז „זיין בלוט זאָל זיין אויף אונז און אויף אונזערע קינדער". די דעמאָלטיקע אידן, היינט עס, האָבן גענומען, לויט מתי׳ן, די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דעם נוצרים קרייציקונג נישט נאָר אויף זיך, נאָר אויף אַלע קומענדיקע אי־דישע דורות. און אָט דער אומגעלומפּערטער ליגן, וואָס די גלחים האָבן אַנדערהאַלבן טויזנט יאָר אַזוי שוידערלעך אויסגענוצט, האָט געקאָסט ימען אידישע בלוט.

א. ליעסין.

און אָט וויזט זיך אין דער געגענט
אַ בעל דרשן אַ פּאַרערטער,
וואָס ער וואַנדערט אום און רעגנט
מיט דערקוויקנדיקע ווערטער —
אַ פאַרהייליקטע פּערזאָן,
וואָס אים גייט גאָר רוים ניט אָן.

האָט די נאַכריכט דורכגעקלונגען
פון דעם נוצרי פון דעם גוטן,
וואָס ער איז מיט הפקר־יונגען
גאָר אַ נאָענטער מחותּן.
טוט עס מתּי׳ן באַלד אַ ברען,
און ער לויפט דעם נוצרי זען.

ווערט ער, מתּי, גאָר נתפּעל,
ווי דער פּריידיקער טוט שפּאָטן
פון די שענסטע אין ישׂראל
און פון זייערע געבאָטן —
ווי ער ברענט עס און ער בראָט
גראָד דעם פּרושי און זעלאָט.

און דער חידוש איז נאָך גרעסער,
ווי געשייט דער נוצרי פּריידיקט:
זונות, זינדער, זויפער, פרעסער —
דווקא זיי־נאָר ניט באַליידיקט,
דווקא זיי־נאָר פירט ער גלייך
אין זיין הימל־קעניגרייך.

קומט ער, מתּי, אָפּט צום רבין,
וואָס פאַרברענגט מיט מוכסים גערן,

פרײדיקט: צעזאַרן צו געבן,
וואָס טוט צעזאַרן געהערן.
פילט זיך מתי טיף דערפרייט,
און זיין שטיין אין האַרץ צעגייט.

און אַט זעט ער אים, דעם לערער,
אויף אַ באַרג אין שיין אין העלן,
ווי ער וואָרנט דעם פאַרשווערער
קעגן פיינט זיך ניט צו שטעלן:
זאָלסט אים געבן, ווען ער כאַפּט!
זאָלסט אים ליבן, ווען ער קלאַפּט!

ווייס דאָך מתי, וואָס באַדייטן
אַט די נייע, גוטע ווערטער,
אין די שטורעמדיקע צייטן,
אין דער רו אין דער צעשטערטער —
אַז זיי ציען אָפּ דאָס פאָלק
פון די בונטן אָן אַ טאָלק.

טראַכט מען אין אַקציז אַלץ אָפטער,
אַז דער פרײדיקער דער צאַרטער
איז עס טאַקע דער געהאָפטער,
דער משיח דער דערוואַרטער,
וואָס מען שיקט פון הימל צו
ברענגען שלום, ברענגען רו.

פילט זיך מתי גאָר געהויבן,
וואָס ער קויפט זיך איין אין יחום;

און עס וואַקסט ביי אים דער גלויבן
אין דעם נוצרי און זיין שליחות;
און ער איז אַנטציקט פון שטרייט
קעגן אַלע שיינע לייט.

שטייגט זיין יחוס אויך ביים רבין,
כאָטש ער איז אַ רייכער שינדער;
ווייל ער איז דאָך איבערגעבן
און דערצו אַ גרויסער זינדער;
פאַרט „אַן אַרימער אין גייסט",
כאָטש ער שינדט די הויט און רייסט!

איינמאָל, ווען ער האָט מזומן
אין אַקציז פאַר רוים געקאַשעט,
איז דער נוצרי אָנגעקומען
און אַ זאָג געטאָן זיך פשוט:
וואָלסטו, מתי, מיך באַגלייט?
הויבט זיך מתי אויף און גייט.

לאָזט זיך מתי אויף די מאַרשן
אין געפיל אין וואונדערליכן,
ווייל עס האָט זיך דער בעל דרשן
צו אַ חתן אַליין פאַרגליכן,
און אַ ליבע מאָלצייט־פרייד
האָט זיי אומעטום באַגלייט.

קען דערצו נאָך מתי לעזן
און אַ פען, ווען נויטיק, ניצן
(פאַרט אַקציזניק דאָך געוועזן),
נעמט ער פלייסיק קריצן, קריצן —

ווערט דעם רבים שאַרפער וואָרט
גלייך פאַרצייכנט אויפן אָרט.

ווייל נאָך אַלע רייד די שיינע,
וואָס דער נוצרי הייסט רק ליבן,
איז ער דאָך אַליין דער שונא,
און דער ביטערסטער, געבליבן
פון דעם פּרושי און זעלאָט,
און ער ברענט זיי יעדן טראָט.

גאַפט ער, מתי, פון וויכוח,
ווי זיין רבי האַקט די שונאים;
נעמט זיי אַזש דער שוואַרצער רוח,
די קנאים, די רבנים;
כאַפּט ער אויף מיט פרייד די גיפט,
וואָס פון רבים לעפצן טריפט.

איז עס מתי'ן באַלד געלונגען
ווערן פון די אויסדערוויילטע.
צווישן זונות, פישער־יונגען,
מצורעים אויסגעהיילטע,
שטייגט ער, דער אַקציזניק, אויך
אין דעם נוצרים אויגן הויך.

ווערט ער, אָט דער צינזן־רויבער,
אָט דער פאַלקס־פיינט און פאַררעטער,
גאָר פון הויכן ראַנג אַ גלויבער,
מתי דער אַפּאָסטאָל שפּעטער,
איינער פון די שלוחים צוועלף,
„שעפסן, וואָס מען שיקט צו וועלף“.

האַבן אָבער אָט די גאַנגען,
וואו געטאַגט — דאָרט ניט גענעכטיקט,
אויפגעהויבן אומרו־קלאַנגען,
האָט שוין רוים אַ בונט פאַרדעכטיקט —
היט זיך מתי, היט זיין קאָפּ,
רוקט ער זיך באַצייטנס אָפּ.

איז דער נוצרי אומגעקומען
מיט אַ שאַנד־טויט מיט אַ בייזן,
כאָטש ער האָט זיך גאָר פאַרנומען
בלויז נשמות אויסצולייזן.
האָט מען, ווי עס טרעפט זיך אָפט,
דעם אומשעדלעכסטן באַשטראָפט.

מתי אָבער איז געבליבן,
און ער נעמט זיך ווייטער קריצן,
שוין זיין רוימער־האַר זיין ליבן
פון משיח־מאָרד־שולד שיצן —
אַז דער שולדיקער אַליין
איז דער אידישער המון.

קומט אַרויס אין מתי׳ס מעשה
אַט דער רוימער, דער געמיינער,
גאָר אַ טייבעלע אַ ווייסע,
גאָר אַ מלאכל אַ ריינער.
וואַשט די הענט אים מתי ריין,
וואָס ער מוז דעם מאָרד באַגיין.

ווייל עס צווינגען אים און נויטן
זיי, די בלוט־לעכצער, די אידן,

אַנדערש ניט דעם נוצרי טויטן,
און זיי רופן אוים צופרידן:
ביז אין ווייטסטן דור אַריין
זאָל זיין בלוט אויף אונז אַלץ זיין.

טראָגט דער איד דורך אַלע צייטן,
אויף דעם שווידערלעכסטן אופן,
אַלץ די שולד אין אייביקייטן,
קיינמאָל ניט זיך אויסצוקויפן.
גיסט זיך אידיש בלוט און גיסט,
ווערט דאָך ניט די שולד פאַרווישט.

און פאַר אַלע בלוט־פּאָגראָמען,
ווען דער גלח מיטן צלם
העצט אויף אונז אין נוצרים נאָמען
דעם צעבושעוועטן עולם,
גאָלט אין סומנעם קלויסטער־ליכט
דאָס אַקציזניקשע געזיכט.

1931

# מרים המגדלית

(מאַריא מאגדאלענא)

און ער איז אויפגעשטאַנען פון די מתים
אין ערשטן טאָג פון וואָך, האָט ער זיך צום
ערשטן באַוויזן צו מרים המגדלית, וואָס ער
האָט פון איר אַרויסגעטריבן זיבן שדים.
(מארקוס, 16, 9).

זי איז געווען אין גרויסן ראַסן־קריג נייטראַל,
אין זין אין וויטסטן — אינטערנאַציאָנאַל.

זי האָט ברייטהאַרציק ניט געמאַכט קיין אונטערשייד
אין אירע לאַסקעס צווישן איד און הייד —
געליבט אין יעדן איינעם מענטשן־פלייש און בלוט,
און טעאָלאָגיע ניט פאַרשטאַנען גוט,
און צום זעלאָט, ווי אויך צום רוימישן סאָלדאַט,
די זעלבע צאַרטע גלוסטונגען געהאַט.

אַ פרוי פון שווערן גוף און לייכטן זין,
וואָס ווערט ביינאַכט אַ שדים־קעניגין,
און מיטן מאָרגן קומט איר יום הדין.

ווייל זיבן שדים האָבן זיך אין איר באַזעצט
און טיף אין איר דאָס הייליקסטע פאַרלעצט.

און ווען מען האָט איר שוואַרצן כּשוף הויך געפּלוּכט,
און אין דער שטיל איר ווייסן לייב געזוכט,
און אַלע האָבן עפּנטלעך זי פרום פאַרדאַמט,
און אין געהיים מיט אירע זינד געפּלאַמט,
איז נאָר דער נוצרי, דער אסקעט און פּריידיקער,
גאַלאַנט אַרוים ווי איר פאַרטיידיקער.

ער האָט אַליין — נאָר מיט זיין קוק דעם ליבן,
די וויסטע חברה שדים, אַלע זיבן,
פון גוף פון אויפגעטרייסלטן פאַרטריבן.

און דאַן דעם אויגן־גלאָצער האָט ער באַלד דערטאַפּט
און מיטן שאַרף פון משל אים צעקלאַפּט —
דעם צוגעפּוצטן קבר אויפן שיינעם לאַן,
וואָס אינעווייניק פוילט אַ בר־מינן;
דעם צבוע'יאַק, וואָס איז מיט טויט־זינד פול אַליין,
און וואַרפט אויף אַנדערע דעם ערשטן שטיין.

צי האָט זיך דאָס אין אים דאָס בלוט צעזונגען?
צי מיטלייד נאָר, צום זינד־אָפּער צום יונגן?
צי גאָר אַ פאַראַבאָלא פיין־געלונגען?

און ווען ער האָט פון דער פאַרדאַמטער ניט געווייכט,
איז ווייטער שוין געגאַנגען ליב און לייכט.

עס האָט זיין וואונדער־בליק פאַר איר געטאָן אַ לויכט,
און באַלד ווערט זי פון איר תהום דערהויכט,
און ריין און ריינער שוין דערפילט זי זיך אַליין,
ווי שיין און ריין ער זוכט זי צו פאַרשטיין.

און ווי ער רעדט צום עולם, פון איר צער באַטריבט:
„פאַרגיט איר פיל, ווייל פיל האָט זי געליבט".

זי לאָזט זיך אין איר פולער הויך פאַר אים אַראָפּ
און גראָבט אין שטויב איר פיל־געקושטן קאָפּ.

זי פרעסט צו זיינע פיס די באָרוועסע איר שטערן,
און וואַשט זיי אָפּ מיט אירע הייסע טרערן,
און ווישט זיי מיט דעם זייד פון אירע האָר די לאַנגע,
און קוקט אַרויף מיט הירשן־אויגן באַנגע,
און קושט זיין קלייד, און קושט דעם זוים, און קושט די פאַלבן,
און טוט מיט בשמים־אויל די פיס אים זאַלבן.

און נאָכגעפאָלגט אים האָט זי, ווי אַ שאָטן,
און אים געהייליקט זיין זיך אָנגעבאָטן,
און קיינמאָל שוין פון אים ניט אָפּגעטראָטן.

זי איז דעם וועג פון טויט אים נאָכגעגאַנגען גרייט,
און צום גלגלתא און צום קרייץ באַגלייט;
זי האָט זיין מלאך־קאָפּ אין דאָרן־קראַנץ געזען,
און דורכגעבערענט מיט אים דעם וואונדן־ברען.
און פון זיין לעצטן „אלי־אלי"־אויסגעשריי
האָט שוואַרץ געקראַכט איר גאַנצע וועלט אין וויי.

און ביי זיין קבר איז זי אַלץ געלעגן,
און ווי אַ טרייע צויג, געקוקט אַנטקעגן,
דערוואַרט דעם וואונדער פון זיין נאָמען־וועגן.

און איינמאָל, ווען זי איז פֿאַרטאָג געווען אַלייִן,
און איז פֿאַרגאַנגען ביטער אין געוויין,
און אויסגעקוקט די אויגן אויפֿן גרויסן נס,
האָט פּלוצלונג זיך באַוויזן איר דער מת,
איר האַר איר ליבער, ווי אַ וועכטער אַנגעטאָן,
און זאָגט איר דייטלעך: „פֿרוי, ניט ריר מיך אָן".

באַלד זאָגט זי אָן די טרויערער פֿון שטוב צו שטוב,
אַז אויפֿגעשטאַנען איז דער מת פֿון גרוב.

זי לויפֿט אַרום, באַפֿרייט פֿון איר קאַשמאַר,
זאָגט אָן די וואונדער־אויפֿלעבונג פֿון האַר,
און גרויסע פֿרייד פֿאַרבייט דעם גרויסן צער.

און אויפֿפֿלאַמיק אַזוי איז איר עקסטאַז געווען,
אַז אַלע האָבן אים פֿאַר זיך דערזען.

און די האַלוציִנאַציע פֿלאַמט פֿון דור צו דור
און דורכגעפֿלאַמט שוין ניינצען הונדערט יאָר,
אין פֿענזיל, קלאַנג און וואָרט פֿאַרהערלעכט און באַהעלט,
דער וואונדער־גלויבן פֿון אַ גאַנצער וועלט.

די זעאונג די פֿאַרטאָגיקע, די שיינע,
פֿון דער פֿאַרליבטער, עקזאַלטירטער זונה.

1931

# שאול וואָס איז געוואָרן פאול, אויפן וועג קיין רוים*)

**מיט די זעגלען ווײַס אין בלויקייט אין צעשפּרייטער,**
**אויפן ים הגדול, איינע קעגן צווייטער,**

---

*) שאול הטרסי (געבאָרן אין טאַרסוס, קליין־אַזיע). שפּעטער אַפּאָס־טאָל פּאול. מער נאָך איידער ישו הנוצרי אַליין, איז ער געווען דער שאַפער פון קריסטענטום. פריער איז ער געווען אַ פּרושי, אַ תלמיד פון רבי גמליאל אין ירושלים, אַ היציקער באַקעמפער פון ישו'ן און זיינע תלמידים. איינמאָל, אויפן וועג קיין דמשק, אין אַן עפּילעפּטישן אָנפאַל, האָט זיך אים געדוכט, אַז ער האָט דערזען אַ גרויס ליכט אין הימל, און ישו האָט זיך צו אים באַוויזן און געזאָגט: „שאול, שאול, פאַרוואָס פאַרפאָלגסטו מיך!" דאָס איז געווען אַ פּאָר יאָר נאָך ישו'ס טויט. זינט יענער זעאונג איז ער שוין געוואָרן דער היציקסטער קעמפער פאַר ישו'ן, און פון קריסטענטום, וואָס איז פריער געווען נאָר אַ קליינע אידישע סעקטע אין ארץ ישראל, האָט שאול הטרסי געמאַכט אַ באַזונדערע אמונה, אַ וועלט־אמונה, וואָס האָט שוין מיט דער אידישער טראַדיציע און מיט די נאַציאָנאַל־אידישע שטרעבונגען און האָפנונגען ווייניק־וואָס שייכות געהאַט.

ווי אַלע מענטשן פון גרויסן דערפאָלג אין דער געשיכטע, איז דער אַפּאָסטאָל פּאול געווען ניט נאָר טרוימעריש, נאָר אויך זייער פּראַקטיש. ער איז געגאַנגען מיט דעם גרעסטן פאַנאַטיזם איבער דער ליניע פון קלענסטן ווידערשטאַנד. ער האָט געזען, אַז מיט די פענטעס פון די אידישע געבאָטן וועט ער מיט זיין תורה צווישן די גויים ווייט ניט אַוועקגיין, האָט ער אָפּגעשאַפט אַלע מצוות המעשיות — אַפילו מילה. דאָס איז אים אָנגעקומען גאַנץ שווער, נאָך גרויסע מחלוקות מיט דער

גייען, גליען שיפן צוויי.
איינע פירט סאַלדאַטן צו יהודה'ס ברעגן
פאַר דער רוימישער אַרמיי ;
קומט אַ צווייטע פון יהודה איר אַנטקעגן,
פירט אין רוים פיל זעק מיט תבואה — און אין מיטן
דעם אַפּאַסטאַל אַ געשמידטן.

געגענען זיך אָן די שיפן, און זיי קוקן
היים זיך איבער אויפן אָנגעברענטן רוקן
פון צעשטראַלטן, אַלטן ים ;
האָבן קיווערס קופּערנע זיך באַלד באַוויזן,

---

קירך אין ירושלים. דערביי האָט ער דאָס אויסגעשטעלט אויף אַ תלמודישן אופן. אַזוי ווי אַ פּרוי — האָט ער געדרשנט — איז נאָך איר מאַנ'ס טויט מותר צו אַלעמען, אַזוי האָט אויך ישו'ס טויט בטל געמאַכט אַלע מצוות פון דער תורה, דער עיקר איז נאָר דער גלויבן אין ישו'ן, און פאַרן גלויביקן איז שוין אַלץ מותר. ווידער, די אידן זיינען שוין דאַן געווען זייער פאַרהאַסט אין דער וועלט. און כדי די גוים זאָלן זיך ניט פילן דערנידעריקט ווי גרים, האָט ער ווייטער געדרשנט: אַזוי ווי דער עיקר איז דאָ דער גלויבן אין ישו'ן, זיינען שוין ממילא אויך אַלע גוישע גלויבער אין ישו'ן קינדער פון אברהם אבינו. אַפילו ישו אַליין איז שוין ביי אים ניט געווען אַ היסטאָרישע, אידישע פּערזאָן, נאָר אַ גאָט אין הימל. און כדי ניט צו דערצאָרענען די רוימישע הערשער און די רייכע און די מעכטיקע, האָט ער געפּרידיקט אונטערטעניקייט צו רוים און פּינקטלעכע צאָלונג פון שטייערן. ער האָט אויך געפּרידיקט, אַז די קנעכט זאָלן דינען טריי זייערע האַרן, אַזוי ווי ישו'ן. דאָס, וואָס ביי ישו'ן איז נאָך געווען אַן אויסדרוק פון צו־להכעיס קעגן די פּרושים און די זעלאָטן, איז שוין ביי פּאול'ן געווען אַ גאַנץ פּראַקטישער ענין. ער האָט אַפילו געפאָדערט, אַז די פרויען זאָלן זיין אונטערטעניק צו זייערע מאַנען. די גרויסע פרייהייטס־באַוועגונג קעגן רוים, וואָס האָט זיך דאַמאָלסט צעפלאַקערט אין ארץ ישראל, איז פּאול'ן גאָרניט אָנגעגאַנגען.

די פּאָעמע מיינט, פאַרשטייט זיך, איז אַ פאַנטאַזיע. היסטאָריש איז נאָר, אַז פּאול איז אויף דער עלטער, ביי זיין לעצטן וויזיט אין ירושלים,

**און עס טוט אין זון אַ פֿלאַם**
**אַ געדיכטער וואַלד פֿון לאַנגע, בלאַנקע שפּיזן,**
**און עס קלינגען אויפֿגעהויבענע די שילדן**
**דורכן העל־בלוי דורכן מילדן.**

**קוקט פֿון תּבֿואה־שיף, אין עלענד, אין זיין הויכן,**
**דער אַפּאָסטאָל מיטן שמייכל מיטן בלייכן;**
**וויגט זיך זיין לבֿנה־קאָפּ**
**אויפֿן קליינעם גוף און קרומע פֿיס אין קייטן,**

---

אַרעסטירט געוואָרן, און דער טריבון קלאַודי ליזי האָט אים אָפּגעשיקט אין קעסאַריע, צום משפּט פֿון פּראָקוראַטאָר פֿעליקס. מען וואָלט אים מסתּמא פֿריי געשפּראָכן. דעם אַפּאָסטאָל האָט אָבער געצויגן צו רוים, צום גרויסן וועלט־צענטער, צו פּריידיקן פֿאַר דער גרויסער גוייִשער וועלט. ער האָט שוין אָפּגעטרייסלט, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, דעם שטויב פֿון יהודה. און זייענדיק אַ רוימישער בירגער, האָט ער געהאַט דאָס רעכט צו „אַפּעלירן צו צעזאַרן״, אַז מען זאָל אים שיקן אין רוים צו שטעלן זיך פֿאַרן משפּט פֿון צעזאַרן אַליין. און אַזוי האָט ער געטאָן. און מען האָט אים אָפּגעשיקט, אַ געשמידטן אין קייטן, אויף אַ תּבֿואה־שיף אין רוים. דאָס איז געשען אַ קורצע צייט פֿאַרן גרויסן אויפֿשטאַנד אין יהודה, וואָס האָט זיך געענדיקט מיטן חורבן.

און אויב עס האָט ניט פּאַסירט, האָט אָבער ג ע ק ע נ ט פּאַסירן ריכטיק אַזוי ווי עס ווערט געשריבן אין דער פּאָעמע. די תּבֿואה־שיף מיטן געשמידטן אַפּאָסטאָל האָט ג ע ק ע נ ט באַגעגענען אויפֿן ים אַ קריג־שיף מיט אַ מיליטערישן טריבון (אַזעלכע טריבונען זיינען געווען זעקס אין אַ לעגיאָן), וואָס זאָל פֿירן פֿאַרשטאַרקונג פֿאַר דער רוימישער אַרמיי אין יהודה. און דער אַפּאָסטאָל וואָלט מסתּמא געקוקט מיט אַזאַ גלוסטונג צו פֿאַנגען פֿאַר זיין נייער אמונה דעם טריבון (אַ רוימישן פּראָקאָנסיל האָט ער שוין אָפּגעטויפֿט). און דער טריבון וואָלט מסתּמא אויך אַזוי געקוקט אויפֿן אַפּאָסטאָל — פֿאַרעכטלעך־אויפֿגערעגט. די העכערע רוימישע מיליטער־באַאַמטע פֿלעגן אָפֿט אויפֿגערייצט ווערן, הלמאי די מלוכה שאַנעוועט דעם אידישן „אַבערגלויבן״ און די אידישע

ווי ער מעסט דעם חייל אָפּ
מיטן בליק, דעם עקזאלטירטן און צעשפּרייטן;
קוקט ער, קוקט מיט גרויסע, פליענדיקע אויגן,
מיט די שוואַרצאַפּלס צעצויגן.

קוקט מיט שטאָלץ פון קריגס־שיף אַ פיגור אַ דיקע,
שטייף, ווי איינגעשלונגען וואָלט זי ערשט אַ פּיקע —
אַ טריבון פון דער אַרמיי;
זעט ער אין צעשטראַלטן מיטאָג־ים, אין שיינעם,

---

עקשנות. פאַר זיי איז יהודה געווען נאָר אַ קליינע פּראָווינץ פון סיריע. און בעת אומעטום איז דער „סירי" געווען פאַרן רוימער נאָר אַ מוסטער פון אַ קנעכט (מיט אַלע מדות מגונות פון אַ קנעכט), איז אין יהודה דער איד געווען פאַר אים אַ מוסטער פון אַ בונטאָווטשיק, אַ רויבער, אַ באַנדיט — אַ שטאָלצער, אַ קעמפּענדער. בעת אין גאַנץ סיריע האָט מען אויפריכטיק אָנגענומען דעם רוימישן צעזאַר פאַר אַ גאָט און זיך געבוקט צו זיין סטאַטוע, האָט מען אים אין יהודה ניט געוואָלט אנערקענען אַפילו פאַר אַ האַר (עס איז פאַראַן נאָר איין האַר — גאָט, און קיין בשר ודם קען ניט זיין קיין האַר אויפן צווייטן). און אין ירושלים האָט דער רוימישער חייל געמוזט טראָגן זיינע פאָנען פאַרוויקלט, כדי עס זאָל זיך ניט אַרויסזען אויף זיי די געשטאַלט פון צעזארן. און די רוימער האָבן נאָך דאַמאָלסט ניט געקענט אונטערשיידן צווישן איד און קריסט. און אַזוי האָבן ביי זייער באַגעגעניש דער אַפּאָסטאָל און דער טריבון געקוקט איינער אויפן אַנדערן. און אַזוי זיינען זיך די שיפן פאַנאַנדערגעגאַנגען — איינע, מיטן טריבון, האָט געטראָגן חורבן אויף יהודה, און די צווייטע, מיטן אַפּאָסטאָל, האָט געטראָגן חורבן אויף רוים.

פאַרשטייט זיך, עס זיינען געווען טיפע עקאָנאָמישע אורזאַכן, וואָס האָבן געפירט צום אונטערגאַנג פון דער רוימישער אימפּעריע (דער וואוקס פון די גרויסע גיטער א. אַ. וו.). דער אויפשטייג פון קריסטענטום איז געווען דער רעזולטאַט פון אָט די אורזאַכן. ווי באַלד אָבער דאָס קריסטענטום האָט גענומען וואַקסן („די שקלאַפן־מאָראַל", ווי ניטשע דריקט זיך אויס), האָט עס אַלץ מער אונטערגעגראָבן די מאַכט פון הײדנישן רוים, אַלץ מער בייגעטראָגן צום חורבן פון רוים. און נאָך אַנדערהאַלבן־

צווישן זעקלעך אַלערליי,
אַ פֿאַרזעעניש, אַ אידעלע אַ קליינעם,
אַ באַנדיט, וואָס וואַגט צום צעזאַר אַפּעלירן,
און מען מוז אין רוים אים פֿירן.

חלומט דער אַפּאָסטאָל אויף דער קייט אַנטקעגן
דעם טריבון צו פֿאַנגען פֿאַר גאָטס־נאָמען וועגן,
פֿאַרן נוצרים רום און לייב;
האָט ער דאָך שוין פֿון יהודה׳ס בערג און טאָלן

---

טויזנט יאָר פֿאַר ניטשען, האָבן שוין די רוימישע שריפֿטשטעלער געקלאָגט אויף דעם — אַז די באַזיגטע אידן האָבן מיט זייער קריסטענטום באַזיגט די רוימישע באַזיגער, און פֿאַרן חורבן יהודה האָבן זיי באַצאָלט מיטן חורבן רוים.

די שילדערונג פֿון פּאָול׳ס אויסזען, איז לויט די קריסטלעכע אַפּאָקריפֿן — אין דער מעשה וועגן זיינע באַציאונגען צו דער שיינער טהעקלאַ, וואָס האָט זיך אין אים פֿאַרליבט און האָט צוליב אים אָוועקגעוואָרפֿן איר רייכן, אַריסטאָקראַטישן חתן. ווי עס ווערט אָנגעגעבן, שטאַמט די מעשה פֿון צווייטן יאָר־הונדערט. און אָט ווי פּאָול ווערט דאָ געשילדערט: „און ער האָט דערזען פּאָול׳ן קומענדיק, אַ מאַן פֿון קליינעם וואוקס, אַ פּליכעוואַטער קאָפּ, קרומע פֿיס, אַן אײדעלע האַלטונג, צונויפֿגעוואַקסענע ברעמען, אַ לענגלעכע נאָז, פֿול מיט חן. ווייל אָפּטמאָל האָט ער אויסגעזען ווי אַ מענטש און אָפּטמאָל האָט ער געהאַט דעם אויסזען פֿון אַ מלאך“.

פּאָול איז געשטאָרבן אין רוים מיט אַ מאַרטירער־טויט, לויט די קריסטלעכע אַפּאָקריפֿן, אויפֿן באַפֿעל פֿון צעזאַר (נירון). דערביי איז פֿאָרגעקומען אַ נס: ווען דער ליקטאָר האָט אים אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ, האָט אַ גאָס געטאָן ניט בלוט, נאָר מילך, וואָס האָט פֿאַרשפּריצט דעם סאָלדאַטס קליידער. אין עוואַנגעליום אָבער, וואו מען חנפֿעט זיך שטאַרק צו די רוימער, ווערט וועגן פּאָול׳ס טויט גאָרניט דערציילט. ווען פּאָול וואָלט געטויט געוואָרן אין ירושלים, וואָלטן די עוואַנגעליסטן מסתמא אַרויפֿגעוואָרפֿן די שולד אויף די אידן. ווען ער איז אָבער געטויט געוואָרן אין רוים, האָט מען זיין מאַרטירער־טויט פֿאַרשוויגן.

א. ליעסין.

אָפּגעטרייסלט איצט דעם שטויב,
און ער וואַרפט אַוועק דעם אַלטן וועג, דעם שמאָלן,
און אים טראָגט אין רוים די כוחות זיך צו מעסטן
מיטן וועלט־צענטער דעם גרעסטן.

און אַנטקעגן, ווי אַ פּיקע, אויסגעצויגן,
בויערט דער טריבון מיט שווערע רוימער־אויגן,
עסט זיך אין אַפּאָסטאָל איין:
וואָלט ביי אים אַ איד אַזאַ, וואָס ווידערשפּעניקט,
מער ניט אָנגעזען דעם שיין!
וואָלט ער דאָך אין פּלאַם דאָס לענדעל אונטערטעניקט,
און די העצער אויפן קרייץ געלאָזן הענגען —
ניט אין רוים צום משפּט ברענגען!

פּייערט דעם אַפּאָסטאָל דער עקסטאַז פון לערער,
ווען עס מאַטערט אים דער רוימער־בליק דער שווערער:
האָט ער דאָך אָן אונטערשייד,
אין פאַרפערעמדקייט צום זעלאָט, געשלאָסן פרידן
מיטן הערשער, מיטן הייד;
אַרט אים ניט די מלוכה, וואָס פאַרשקלאַפט די אידן;
קנעכט, צי האַר — זאָל זעליק יעדער מענטש באַזונדער
רעטן זיך אין קריסטוס־וואונדער!

זידלט דער טריבון אים מיט זיין פאָלק אינאיינעם,
דעם פאַרהאַסטן, גאוהדיקן און געמיינעם,
וואָס מען שאַנעוועט אין שאַנד:
טאַרן ניט די וועלט־באַזיגנדע לעגיאָנען
אין פאַרפלוכטן אידן־לאַנד
אויפדעקן דעם צעזאַרס פּנים אויף די פאָנען!

מוז דער וואָלף פון רוים די נעגל אונטערהאַקן
פאַרן אידנס האַרטן נאַקן!

חלומט דער אפּאָסטאָל וואונדער באַלד צו ווייזן —
צו באַקערן זיי, די לייט פון בלוט און אייזן;
איז אין האַרטן קאַמף פאַר ישו'ן אים געראָטן
ענדלעך דאַך דער גרויסער ריס —
אָפּצוואוואַרפן אַלע אידישע געבאָטן,
אַלע פענטעס פון די פיס;
טראָגט ער פריי די בשורה, און ער ווערט אין ליידן
דער „אַפּאָסטאָל פון די היידן".

און אַ זעאונג פלאַמט אויף פאַרן רוימערס בליקן;
טרוימט ער, ווי די אָדלערס פון אימפּעריע פליקן
אויף דאָס אידן־לאַנד צום סוף;
וועט ער פריי זיין שווערד פאַר די פאַרהאַסטע שאַרפן
און זיי אויסטיילן די שטראָף —
ווי ער וועט די שטאָלצע זין פאַר לייבן וואַרפן,
און אין קריגס־געצעלט, אין ערע אין פאַרשוועכטער,
וועט ער פייניקן די טעכטער.

און אין מוח פון אפּאָסטאָל אין צעהיצטן
פלאַקערט מיט אַ הימל־רוף אַן אויפגעבליצטן,
און א ליכט, ווי ביי דמשק, בלענדט אַנטקעגן
ווידער אויפן וועג פאַר אים:
„שטאַרק זיך, שאול, שטאַרק זיך פאַר מיין נאָמען וועגן!" —
הערט ער ווידער ישו'ס שטים.
טוט אין רוים דער קאפּיטאָלי באַלד אַ ציטער,
און עס פאַלט אין שטויב יופּיטער.

גייען אָפּ די שיפן, גייען אָפּ די טרוימען,
טראָגן צוויי חורבנות־מיט די שיפן־שוימען:
ווערט פאַרוויסט יהודה אין ברוטאַלער רשעות
פון דער רוימישער אַרמיי;
ווערט פאַרוויסט אויך רוים פון אַפּאָסטאָל ישו'ס,
וואָס מען ברענגט געשמידט אַזוי.
לאַכן לוויכטנדיקע אויפן ים די אינדן,
ווי זיי קומען און זיי שווינדן.

1933

# די מאַדאָנע

אַ געטלעך מוטער־בילד, אין „גאָט דעם פֿאָטערס" גוסט;
אַ ברוסט, פֿון וועלכער „גאָט דער זון" האָט מילך געזויגן;
אַ הימל־ווייב, פֿון „גייסט פֿון הייליקן" געגלוסט —
דערהויבט זי זיך אין שטראַלן פֿאַר אַן ערד מיט אויגן.
מיליאָנען פֿרויען בעטן היים צו איר און קניען,
פֿון אירע אומבאַפֿלעקטע זינד געפֿאַנגענע;
מיליאָנען מענער ציען זיך צו איר און גליען,
פֿון רייץ פֿון טרויער אירן אויסגעגאַנגענע.

איך אָבער, שוועסטער מיינע, ווייס דאָך ווער דו ביסט —
דו, מרים, זייער שיצערין און היטערין!
און עפּעס טוט אַמאָל דאָס האַרץ מיר ציטערן:
אַ גאַנצע וועלט מיט גויים איז דאָך דאָ פֿאַרמישט,
און דיך אַרונטערשלינגען פֿרואוון זיי אומזיסט —
אין זייער כּוס אַ טראָפּן אַזאַ ביטערן.

איך האָב געזען די קניער, מענטשן — פֿלייש און בלוט,
אין טונקלקייט פֿון שטילע, קילע קאַטעדראַלן —
ווי גרייט צום לייוונט דיינעם טראָגט מען האַרצן־גלוט,
ווי ליבע־שיכּור טוט מען פֿאַר דיין מאַרמער פֿאַלן.
איך האָב געזען זיי, די פֿאַרצערטע פֿון באַגערן,
צעשפּרייטע און צעשמאַכטע אויף די קלויסטער־דילן;
מען קלאַפּט אָן קאַלטן שטיין דעם ברענענדיקן שטערן,
מען טרינקט דיין דימענט־בליק די ליידנשאַפֿט צו שטילן.

אָט דרייט זיך בלוי דער רויך פון ווײַרעך דער געדיכטער,
און כאָר־און אָרגעל־קלאַנגען גיסן זיך האַרמאָניש,
און פלוצלונג טוט דער חוזק, צווישן טויזנט ליכטער,
אויף דײַנע פרומע ליפּן אַ שפּיל אַזוי סאַרדאָניש.
און דורכגעזען דיך האָב איך לויטער און דערפילט,
ווי דײַן נקמה שפּילט אין אָרעאָל פאַרהילט.

די ביסט דאָך, מרים, אַלט, ווי אונזער חורבן אַלט,
און ביסט ביים קרייז, אין יענער צייט פון שטורעם,
געשטאַנען ווי אַ אידיש־מוטערלעך געשטאַלט,
וואָס יאָמערט ביטער אויף איר קינדס יסורים.
און וואונדערלעך האָט באַלד פאַר מיר אַדורכגעשטראַלט,
פאַר וואָס און ווען די קומסט אין קלויסטער־טורעם.

***

עס איז געשען אין יענע טעג פון גרויסן בראָך,
ווען די פאַרוויסטע הויפּט־שטאָט האָט געפלאַקערט נאָך.

דער פיינט איז זאַט געווען פון שעכטן און פון שטעכן
און האָט פאַרנומען זיך מיט שענדן און פאַרשוועכן.

און צווישן חורבעס טויטע אוך פאַלנדיקע ווענט
געוואָרפן האָט מען גורל און מען האָט געשענדט.

און דאַן אַוועקגעשלעפּט זיי, נאַקעטע, צעהאַקטע,
אויף וועגענער פון לאַסט, אין זייער בלוט פאַרפאַקטע.

צעטראָטענע אין שמוץ, צו אָרגיעס צוגעשטעלט,
פאַרפייניקטע אין יעדן יאָווענשן געצעלט.

געשלעפּט זיי אויף די פערד, צו זאָטלען צוגעבונדן,
אין ברענענדיקער שאַנד און ברענענדיקע וואונדן.

איז פול מיט זייער קרעכץ געוואָרן יעדעס לאַנד,
און יעדער שקלאַפן־מאַרק און יעדעס הויז פון שאַנד.

די פּראַכט און שטאָלץ פון פאָלק, די צאַרטע און די ריינע,
פאַרצוקטע אומעטום פון בעסטיעס פון געמיינע.

***

און דעמאָלט ביסטו, מרים, אין מאַדאָנע־בילד
אַוועק מיט זיי, מיט די פאַרצווייפלטע צוזאַמען,
אַ מרה שחורה־סימבאָל, איבער ערד און ימען,
אַ טרוימערישער טרויער און אַ נקמה ווילד,
אַ פינצטערע פאַראומערטקייט אין שטראַלן מילד,
אַ לעשערין פון לעבענס־פרייד און לעבענס־פלאַמען.

האָט אָפּגעקלונגען אויף דיין וועג, פון ברעג צו ברעג:
די געטין וועגוס איז שוין פון דער וועלט אַוועק,
און טויטע לעשן זיך די טריפהנע געבליטן,
דעם זוניקן אדאָניס האָט דער קריסט פאַרביטן,
און אַלץ, וואָס פרייט זיך, איז פון לעבן שוין פאַרשניטן,
און פון דער זומער־וועלט איז אַלץ, וואָס גרינט, אַוועק,
און הערבסט קרעכצט אויף מיט פאַסטעניש און תשובה־טעג,
צעבראָכענע געמיטער און פאַרוועלקטע בליטן.

***

עס שפּילט נאָך בלוי דער ים הגדול דער צעשטראַלטער,
דאָך פינצטערט אויף די ברעגן שוין דיין מיטלאַלטער.

דו האָסט דעם שיין דעם העלסטן פון אַ יונגער וועלט
מיט דיינע מאָנאַסטירן ווייט און וויסט פאַרשטעלט.

און דאָרטן האָסטו איינגעמויערט די מיליאָנען
פון דעם פאַרדאַמטן שטאַם פון טיטוסעס לעגיאָנען.

און ניט די זינד פון לעבן האָסטו שוין פאַראַכט,
דו האָסט שוין אויך דאָס לעבן פאַר אַ זינד געמאַכט.

דיר האָבן לעבעדיקע — געטלעכקייט געגעבן,
און דו... דו האָסט פאַרלענדט די געטלעכקייט פון לעבן.

דו האָסט אין מאָנאַסטיר געעפנט הימלען אויבן,
און האָסט שוין מיטן טויט ערשט לעבן אָנגעהויבן,
און אין געזונטער וועלט געזען אַ קראַנקן־בעט.
און בעת דער איד איז עטיש און דער גריך — עסטעטיש,
איז אָט דיין קריסטלעכקייט געוואָרן אַנאַסטעטיש,
אַ כלאָראָפאָרם־אומזאַכט אין אַ לאַזאַרעט.

*
**

און אַלץ אַזוי דורך נײַנצענטהאַלבן הונדערט יאָר,
דו, ניט־פאַרטונקלטע, וואָס רק דו טונקלסט נאָר.

דו זעסט די שמאַכטעניש די קראַנקע פון מיליאָנען,
דו זעסט זיי דור נאָך דור, די זעלבע שמאַד־לעגיאָנען.

זיי גייען אויס נאָך דיר אין שטויב ביי דיין אלטאַר,
און אין דיין אידיש אויג — די זעלבע שפּאָט און צער.

און זינדער אַלערליי און הייליקע מאָנאַכן,
דורך נעכט דורך שלאָפלאָזע, ביי דיינע פּיס רק וואַכן.

און אויסשטיין מוזטו דאָס און זען, ווי דו אַנטציקסט
מיליאָנען גויים אַלץ, און רייצסט זיי און באַגליקסט.

און וואָס־זשע שענקסטו זיי אין תאווה אין פאַרהאַסטער —
נאָר לייוונט און נאָר וואַקס, נאָר שטיין און אַלאַבאַסטער!

און ביזן לעצטן, פרומען, דאָרשטיקן מאָנאַך
וועט אָנגיין אַלץ דער חוזק און דער ווייסטער שמאַך.

1930

# ישו אין מדבר

האָט ישו צו אים געזאָגט:
אַוועק פון מיר, דו שטן.
(מתי 9, 10).

ווי ער האָט זיין אויסדערוויילטקייט נאָר באַנומען
און דערהערט אין זיך די גואל־שטים, וואָס רופט —
איז דער שטן תיכף שוין צו אים געקומען
און די קדושה זיינע טייוולש אויסגעפּרואווט.

אָט דערזעט ער שוין פאַר זיך די הימלען אָפן,
און עס נידערט, ווי אַ טויב, גאָטס־גייסט אויף אים —
איז ער אין דער מדבר־איינזאַמקייט געלאָפן
פון דער שטאָלצער שליחות, פון דער שטאָלצער שטים;
גליט ער פאַר עקסטאַז אין זאַמד־ים אין צעברענטן,
גליט מיט אים אין איינעם אויך דער שטן מיט;
פלעמלען שדים׳לעך אין בליק אין גאָט־געבלענדטן,
גלאַצט די גדלות אין געבראָכענעם געמיט.

פאָלגט די טומאה נאָך דער קדושה, ווי אַ שאָטן,
און ער רופט אומזיסט: אַוועק פון מיר, דו שטן!

איז פון אים דער שטן ניט אַוועקגעגאַנגען,
ווייל ער איז דאָך טיף אין אים אַליין געווען —
אין זיין אינערלעכסטן דאָרשטיקן פאַרלאַנגען,
אין זיין פאַסטנדיקן, פרומסטן תשובה־ברען.

ווי ער איז פון גאָלד און גלאַנץ אַהער געלאָפן
און געהאַלטן פערציק טעג אין תענית וואַך —
האָט ער פּלוצלונג מיטן שטן זיך געטראָפן
אויפן גאָלד־באַדעקטן בית המקדש־דאַך;
שפּילט אַזוי דער כשוף צווישן זאַמד און פעלזן,
צווישן ווידסט און הימל, אין דער איינזאַמקייט;
ווערט דער מדבר — הימל אינם שפּיל פון העל־זען,
ווערט דער הימל — מדבר, פול מיט גרויזאַמקייט.

טוט די קראַפט די שוואַרצע רייצן אים און שפּאָטן,
און ער רופט אומזיסט: אַוועק פון מיר, דו שטן!

בלייבט ער אין דער גרויסער שטיל אַ ניט־געשטילטער,
אַ צעטיילטער ביטער צווישן זיך אַליין —
מיטן גייסט, צום הויכן הימל אַ געצילטער,
מיטן בלוט, צעשפּילט אין ליידנשאַפט געמיין.

ווי ער איז אַנטקעגן הערש־לוסט אויפגעטראָטן
און די האָפערדיקייט פייערדיק פאַרדאַמט —
טוט אַ כשוף אים מיט זעאונגען דער שטן
און דעמאָניש זיין פאַנטאַזיע אויפגעפלאַמט;
האָבן אויגנבליקלעך מעכטיקע צוויי פליגלען
אויפן העכסטן באַרג־שפּיץ אים אַוועקגעשטעלט;
טוען אונטן טראָגנען זון־צעגליטע שפּיגלען —
טראָגנען פון די מלוכות פון דער גאַנצער וועלט.

האָט אים וועלט־הערשאַפט דער טייוול אָנגעבאָטן,
און ער רופט אומזיסט: אַוועק פון מיר, דו שטן!

איז פֿון אים דער שטן ניט אַוועקגעגאַנגען,
ווייל ער איז דאָך טיף אין אים אַליין געווען —
אין זיין אינערלעכסטן דאַרשטיקן פֿאַרלאַנגען,
אין זיין פֿאַסטנדיקן, פֿרומסטן תשובה־ברען.

— ניו יאָרק, אויגוסט, 1938

זיבעטע אָפּטיילונג

# די ערשטע
# רעוואָלוציאָנערע לידער



# אַהין, אַהין

אַהין דערהויב זיך הויך מיין זעלע,
אַרויף צו מיין פֿאַנטאַזיע־לאַנד,
וואו פֿריש און מעכטיק שלאָגט די קוועלע
פֿון ריינסטן, לויטערסטן פֿאַרשטאַנד;

וואו שיין און וואַגענד גייט דאָס לעבן
אין פֿרייד פֿון פֿרייהייט איבעראַל,
און שטאָלץ די גרויסע גייסטער שוועבן
אין שיין פֿון גרויסן אידעאַל;

וואו אימער פֿרילינג בליט די יוגנט,
און אימער מאָרגן לויכט די צייט,
און פֿול מיט העלדישקייט און טוגנט,
און פֿול מיט ליבע און מיט שטרייט;

וואו טיף און הייליק איז דאָס פֿילן,
און גליקלעך איז שוין אויך דער שמערץ,
און ס'וויים קיין גרענעץ ניט דער ווילן,
און ס'וויים קיין אומעט ניט דאָס הערץ.

מינסק, 1890.

# מאַרטירער־בלוט

און האָט ער נאָר די וועלט באַקלערט,
ווי פאַלש זי איז און שלעכט,
און אַלעס איז אין איר פאַרקערט,
און פינצטער און פאַרקנעכט —
און האָט ער נאָר די וועלט באַקלערט,
טאָ האָט עס אומגעזאַמט
זיין פרייד געטריבט, זיין רו צעשטערט,
זיין יוגנט אים פאַרסמט.
עס האָט געדריקט אים לאַנג און שווער,
און ס'האָט פון אים אַמאָל
אַרויסגעריסן הייס אַ טרער
אַ ריינע, ווי קריסטאַל.

און האָט ער נאָר די שלעכטס דערקענט,
איר הערשן ווילד און וויט,
טאָ האָט אים הייליק אויפגעברענט
צום גרויסן העלדן־שטרייט.
ער שטרייט און פעכט מיט שטאָלצן מוט
די שונאים לינקס און רעכטס,
און ביזן לעצטן טראָפּן בלוט,
און ביזן לעצטן קרעכץ.
עס הילכט דער קרעכץ, עס פאַלט דער העלד,
געענדיקט איז דער שטרייט;
ער ליגט אַ קאַלטער טויט אין פעלד,
פאַרוואָרפן אָן אַ זייט.

און ס'וואַרפֿן זיך די הינט אַרויף,
מיט וואַיעניש און וואוט,
אויף דעם מארטירערס טויטן גוף,
אויף דעם מארטירערס בלוט.
און ווילדער טראָגט זיך נאָכאַנאַנד
דער הינטישער געשריי,
פֿאַרטויבנדיק דאָס גאַנצע לאַנד —
אַלץ וויסט אַזוי און ווײ.
עס הערט דאָס צו דאָס פֿאָלק אַרום,
און ס'נעמט אים דורך אַ גרויל;
ער בלייבט צעשראָקן, דול און שטום,
פֿאַרשטיקט אין דר'ערד דאָס מויל.

און ס'דריקט, ווי פֿריער, שווער דער יאָך,
און ס'מאַטערט זיך און קוועלט,
און ערגער נאָך און ענגער נאָך
דאָס לעבן אויף דער וועלט.
און ס'גייט אַוועק אַ לאַנגע צייט,
און מיסט פֿאַרשיט דאָס פֿעלד,
וואו ס'האָט געפֿלאַקערט היים דער שטרייט,
געפֿאלן איז דער העלד.
און ס'גייט אַוועק אַ לאַנגע צייט,
און ראָסט עסט אויף די שווערד,
און ס'בלייבט ניט, דוכט זיך, שוין פֿון שטרייט
קיין זכר אויף דער ערד.

* * *

נאָר ניין, אָ, עס קען ניט, עס גייט ניט פֿאַרלאָרן
קיין איינציקער טראָפּן מארטירערשע בלוט,

וואָס איז אַזוי הייליק געאָפּפערט געוואָרן
מיט ענדלאָזער ליבע און איידלסטן מוט.
עס גייט ניט קיין איינציקער טראָפּן פאַרלאָרן,
עס האָט אים די גאַנצע נאַטור ווי געשוואָרן,
די רעגנס, די שטורעמס, די שטויבן אַרום,
זיי זאָלן אין אַלערליי צייטן אים היטן,
אים זאָל ניט פאַרשווענקען, פאַרשטויבן, פאַרשיטן,
אים זאָל ניט פאַרשלינגען די ערד אומעטום.

עס בייט נאָכאַנאַנד די נאַטור זיך און בייט,
עס דאַרבט און עס שטאַרבט אַלץ פון לינקס און פון רעכטס;
ער איינער פאַרבלייבט נאָר, און שוואַך איז די צייט,
און שוואַך קעגן אים זיינען בייזקייט און שלעכטס.
און העל, ווי דער גייסט, וואָס מאַרטירער באַזעלט,
און ריין, ווי די טרער אויפן צער פון דער וועלט,
און הייס, ווי די היציקע יוגנט אַליין,
דורך שטורעם און רעש, דורך חרמות און גזרות,
דורך קייטן מיט צרות, דורך ציילן מיט דורות,
ער שלענגעלט און ציט זיך און קען ניט פאַרגיין.

* * *

עס הערשט אַ טיפע נאַכט אַרום,
באַלויכטן נאָר פון גאָלד —
באַלויכטן פאַלש, באַלויכטן דום,
באַלויכטן פאַר געצאָלט.

עס ליגט דער טראָפּן אויף דער ערד
אין שאָטן ערגעץ וויסט;
פון מענטשן־קינדער ניט געערט,
פון שטראַלן ניט געגריסט.

דאַך ווען די זון וועט אויפגיין העל
אויך איבער אונזער לאַנד,
טאָ ווערן וועט פון טראָפּן שנעל
אַ ליכטיקער בריליאַנט —

וואו שפיגלען וועט זיך צויבערהאַפט,
אין פאַרבן רייך און פיין,
אַ וועלט מיט פּראַכט, אַ וועלט מיט קראַפט,
אַ וועלט מיט מארטער־שיין.

און מענשן וועלן דענסטמאָל גיין
זיך וואַרעמען אין שיין,
וואָס וועט פון בלוטן הימל־ריין
און הימל־שטראַליק זיין.

מ׳וועט גיין צו אים פון יעדער זייט
מיט דאַנק און ליוב־געזאַנג,
און ליכטן וועט זיין ביישפּיל לאַנג,
דורך דורות־דורות לאַנג.

מינסק, 1895.

## אויפֿן ווייטן צפֿון

אין לאַנד, וואו עס קייקלט די לענא
איר מעכטיקן וואַסער, דעם קאַלטן —
דאָרט שטייט זיך אַ קלייניקע יורטא,
אין אייביקע שנייען באַהאַלטן.

זי שטייט דאָרט אַ שפּיל פֿאַרן שטורעם,
פֿאַרוואַלגערט אין מיטן דעם פֿעלד —
דאָרט שמאַכט אין זיין אייזיקן עלענד
דער קראַנקער, דער שטאַרבנדער העלד.

עס ציט זיך צעוישעט דער ווינטער,
די בלינדע, די ברומענדע מאַכט;
עס ציט זיך פֿאַרפֿאַנצערט דער חושך,
די טויבע, די אייביקע נאַכט.

עס ציט זיך, עס ציט זיך די גסיסה,
די שווערע, די לאַנגע אָן סוף,
און ס'מאַטערט דעם בלייכן מאַרטירער
אַ דריקענדער, פֿיינלעכער שלאָף.

און ס'חלומ'ט זיך אים פֿון אַ פֿרילינג,
וואו בלוי איז דער הימל-געצעלט;
דאָרט איצט אין דער היים אין דער ווייטער
צעשיינט זיך אַ זון אויף דער וועלט.

דאָרט שיינט איצט די זון פאַר די מענטשן,
און ליכטיק איז יעדנס געמיט,
און גרעזעלעך יונגינקע צערטלען,
און בוימער — אין גרין און אין בליט.

און אַלע שפּאַצירן אין דרויסן,
און באַלזאַם צעגיסט זיך אין ברוסט;
און ס'פייערט דאָס לעבן זיין יום טוב,
דעם יום טוב פון ליבע און לוסט.

נאָר איינע, אַן איינזאַמע, זיצט דאָרט,
פאַרצאַגט, אַן אַ זייט, שטומערהייט;
איר האַרץ איר צעבראָכענע נעמט ניט
קיין אָנטייל אין אַלעמענס פרייד.

זי זיצט און זי טראַכט פון דער לענא,
פון טונקעלן צפון פון קאַלטן;
דאָרט שטייט זיך אַ קליינינקע יורטא,
אין אייביקע שנייען באַהאַלטן.

זי שטייט דאָרט אַ שפּיל פאַרן שטורעם,
פאַרוואַלגערט אין מיטן דעם פעלד —
דאָרט שמאַכט אין זיין אייזיקן עלענד
דער קראַנקער, דער שטאַרבנדער העלד.

מינסק, 1896.

# אין שטרייט

## 1

עס רופט דער היסטאָרישער רוף פון דער צייט,
עס שפּאַרט זיך דער שונא פון יעטווידער זייט,
און ס'ברענט זיך פאַנאַנדער אַ גוואַלטיקער שטרייט
אַרום אין דער לענג, אין דער ברייט.
און ס'טראָגט זיך אין לופטן אַ ביטערער קרעכץ,
עס פייערט איין זיג נאָכן צווייטן די שלעכטס,
און ס'קלייבן זיך קרעפטן פון לינקס און פון רעכטס —
טאָ, פריינט מיינער, זיי זשע געגרייט!
דו גיב מיר דיין טרייע, דיין קרעפטיקע האַנט
און באַלד, אין די רייען געשלאָסן, ביינאַנד,
מיר וועלן זיך שטעלן, אַזוי ווי אַ וואַנט,
און קעמפן אויף לעבן און טויט!

## 2

און וועט עס דיר גליקן, מיין פריינט, און דו וועסט
אַרויסגיין דאָך גאַנץ מיטן לעבן,
טאָ וועסטו דיין לעבן אַנטשלאָסן און פעסט
אַלץ ווידער דעם פרייהייטס־קאַמף געבן.

עס וועט דיך אַלץ רופן דער רוף פון דער צייט
און הייליק דיין אויפגאַבע צייגן;

אָ, רואיק צו בלייבן און שטיין אָן אַ זייט —
עס קענען דאָ שטיינער נאָר שווייגן!

3

און פֿאַלסטו, מיין פריינט, אין דעם שטרייט, און עס וועט
די ערד מיט דיין בלוט זיך באַפלעקן,
טאָ וועלן די בלוטן זי אָנטרינקען פעט
און פּרעכטיק מיט בלומען באַדעקן.

עס וועלן דאָרט בליען די פּרעכטיקסטע בלומען,
און גוטע און ערלעכע מענטשן,
זיי וועלן אַהין אין באַגייסטערונג קומען,
און לויבן דיין נאָמען און בענטשן.

מינסק, 1896.

# צום נייעם יאָר

(צום אנדענק פון מיין יוגנט־פריינט שמואל לעווין)

## 1

איז די בייזקייט נאָך גרויס, ביז פאַרצווייפלונג נאָך גרויס,
און עס נעמט זיך דער ים פון אכזריות ניט אויס,
און עס טרינקען זיך מענטשן אין טרערן, אין בלוט —
אָ, מיין פריינט, ניט פאַרליר נאָר דיין מוט!

וואו דו ביסט נאָר פאַריאָגט און פאַרטריבן
אין מלחמה פאַר פרייהייט און רעכט אויף דער וועלט —
צי דו ביסט אויפן פלאַץ נאָך אַ גאַנצער פאַרבליבן,
און דו קעמפסט אונטערערדיש אין אַנגסטן און פלאָג,
יעדע ווײַלע דיין קאָפּ צו געפאַר אויסגעשטעלט;
צי דו ליגסט שוין באַגראָבן אין פוילן אסטראָג,
און דו שטיקסט זיך אָן אויפהער, אָן שיעור;
צי דו ביסט שוין פאַרשליידערט אין קאַלטן סיביר,
און עס סווישצעט אין האַנט פון דעם תליון דער קנוט
איבער דיר נאָכאַנאַנד אויפגעהויבן —
אָ, מיין פריינט, וואו דו ביסט, ניט פאַרליר נאָר דיין מוט,
ניט פאַרליר נאָר דיין הייליקן גלויבן!

2

אויב די נאַכט איז אַרום
אַזוי פינצטער, און שטום,
אַזוי וויסט, אַזוי פייכט, אַזוי קאַלט,
און די גרויאינקע וועלט,
אין די וואָלקנס פאַרשטעלט,
קוקט אַרוים אַזוי מיאוס און אַלט;
און עס פוילן די הימלען די בלאָטיקע אויבן,
און עס פוילט אויך דאָס בלאָטיקע לעבן,
און עס שטיקט זיך דער מענטש, און ער קען מער ניט גלויבן,
און ער קען מער ניט האָפן און שטרעבן;
און עס דוכט זיך, די שווערע, פאַרפאַנצערטע נאַכט
וועט זיך ציען שוין גאָר אָן אַ סוף,
און די ערד וועט שוין קיינמאָל ניט ווערן דערוואַכט
פון איר האַרטן, איר אייזערנעם שלאָף,
און עס האָט ניט קיין מאָרגן דער ביטערער היינט —
אָ, ניט גלויב עס, מיין פריינט!

3

עס וועט קומען די צייט, און די צייט איז ניט ווייט,
און פון מערב, פון מזרח, פון יעטווידער זייט,
אַריבער דער עלענדער וועלט,
וועט דערהויבן זיך שטורמיק אַ גלוטיקער ווינט,
און עס וועלן די וואָלקנס פאַרשווינדן געשווינד
פון בלייענעם הימל־געצעלט.
און עס וועט אויפשטיין דער טאָג, דער פאַרשפּראָכענער טאָג,
וואָס מיר האָבן אויף אים אין די אַנגסטן און פּלאָג
געוואַרט אַזוי לאַנג און געהאַרט —
און עס וועט אויפשטיין דער טאָג און די זון וועט אַרויס,
זיבן מאָל אַזוי הייס, זיבן מאָל אַזוי גרויס,
און דאָך אַזוי ליב, אַזוי צאַרט.
און עס פאַלן די קייטן אַראָפּ פון די הענט,
צעשמאָלצן פון מעכטיקן ליכט,
און אַזוי ווי אַ רויך, ווערט די רשעות פאַרלענדט,
און די הערשאַפט פון שלעכטס ווערט פאַרטיליקט צו ענד,
פאַרשוואונדן פון ערדס אַנגעזיכט.

און דער מענטשלעכער זון וועט אַרויסגיין באַפרייט
פון פאַרביטערטן מאַנגל און פינצטערן שטרייט,
און דערפילן אין וויסטער, פאַרפייניקטער ברוסט
גאַנצע אוצרות מיט לעבן און ליבע און לוסט,
און ער וועט ניט דערקענען די גרייז־גרויע וועלט,
וואו ער האָט זיך געשטיקט אַזוי פיל און געקוועלט,
און דערוואַרעמט, דערמונטערט, אַנטציקט און באַהאַרצט,
וועט ער צופאַלן הייס צו דער מוטער, דער ערד,

װעלכע װעט אים שױן װידער ניט אױסװײזן שלעכט,
װעלכע װעט שױן ניט װערן פֿאַרשװעכט און פֿאַרשװאַרצט
פֿון צעװילדעטע הערשער און דערשלאָגענע קנעכט,
און אױף װעלכער עס װעט שױן ניט קלינגען קײן שװערד.

עס װעט קומען די צײַט, יענע גאָלדענע צײַט,
גלױב זשע, בענקענדער פּרינץ, אַז זי איז שױן ניט װײַט.
און גאָר פֿילע, װאָס האָבן געהאָפֿט און געשמאַכט,
און גאָר פֿילע, װאָס האָבן געװעקט און געװאַכט,
און גאָר פֿילע, װאָס האָבן אין שרעקלעכער נאַכט
ניט געלאָזן דעם לױכטענדן פֿאַקל פֿון האַנט,
און געליטן, געלױכטן, געקעמפֿט נאָכאַנאַנד,
װעלן לעבן צו פֿײַערן דעם יום טוב דעם גרױסן,
די באַפֿרײַאונג פֿון אַלע געפּײַניקטע מאַסן,
פֿון געפּײַניקטע קלאַסן און ראַסן,
װען עס װעט שױן קײן אײנער ניט װערן פֿאַרשטױסן,
און עס װעט ניט די מענטשהײט צעטײלט זײַן שױן מער
אױף געדריקטן און דריקער, אױף שקלאַף און אױף הער.

מינסק, 1896.

# אור וחושך

(דער איבערפאַל)

די פרילינג־זון נידערט אַרונטער און שטעלט זיך
אַנטקעגן דער שטאָט און די מענטשן;
צינדט אָן זיך אין טויזנטער פענצטער אַ זון־ליכט,
ווי אימיצער וואָלט אויף זיי בענטשן.

עס שטראַלן אַנטציקט איר אין פנים די פענצטער,
מיט טויזנטער זונען באַהאַנגען;
עס שטראַלט איר פון אונטן דער טייך און צעשפּילט זיך
מיט טויזנטער שטראַליקע שלאַנגען.

און פרילינגדיק־אומרואיק פילן די מענטשן,
עס שיינען די גאַסן און שאַלן,
באַרוישט פון באַוועגונג און לוסטיקע שטימען,
פאַרגאָסן מיט וואַרעמע שטראַלן.

עס שיינט און עס וואַרעמט, עס רוישט און עס רירט זיך
געשווינדער און שטאָלצער דאָס לעבן.
און וועלקנדע הערצער צעבליען זיך ווידער
פון זוניקן האָפן און שטרעבן.

עס שפּילט זיך די זון מיט דער שטאָט און די מענטשן
און לויכט אַזוי ליב, אַזוי מונטער,
און זעט ניט פון הינטן דעם העסלעכן וואָלקן,
ווי גרויליק ער גנבעט זיך אונטער.

עס גנבעט זיך אונטער דער וואָלקן פון הינטן,
מיט ריזיקע וואָנצעס און גלידער,
אַזוי ווי אַ דאָרשטיקער שפּין, אַ צעגלאָצטער,
און וואַרפט אויף דער זון זיך אַנידער.

אָט פּלאָטערט די זון אין די לאַפּעס פון וואָלקן,
אין יום טוב פון פרילינג באַפאַלן;
זי צאַפּלט זיך אום אַזוי הילפלאָז און בעט זיך
מיט שוואַכע, מיט טונקעלע שטראַלן.

און פינצטער און אימפּעטיק טראָגט זיך אַ שאָטן
פון הימל ביז ערד און פאַרשפּרייט זיך,
און שטורעמדיק טראָגט זיך אַ שטויב אַ געדיכטער,
און עפּעס וואָס מוראדיקס גרייט זיך.

פאַרשלונגען די זון האָט דער העסלעכער וואָלקן!
און ווייסט איז געבליבן דאָס לעבן,
און ס׳דוכט זיך, די גאַנצע נאַטור האָט אַזוי ווי
אַ פּלוצלונגן שוידער געגעבן.

עס קוקן פאַרפינצטערט די טויזנטער פענצטער,
פאַרפינצטערט, פאַרעלענדט, פאַרצאָרנט;
דער טייך, אַ פאַרזאָרגטער, ער יאָגט, ווי ער וואָלט זיך
פון עפּעס אין חושך באַוואָרנט.

און אומעטיק ליגן אין שאָטן אין טיפֿן
די שטומע, פֿאַרלאָזענע גאַסן;
עס שטומט, אַ פֿאַרקלעמטע, די שטאָט מיט די מענטשן
אין חושך אין שווערן, אין נאַסן.

עס לאָזט זיך אַלץ שווערער דער אָוונט אַרונטער
געדיכט אויף דער וועלט און צעלייגט זיך;
די וועלט, אַ פֿאַרשוואַרצטע, זי שטיקט זיך אָן אָטעם,
און וויקט זיך אין טרערן און וויקט זיך.

מינסק, 1896.

# דער צאָרן

(די העלדן און מאַרטירער פון „ערשטן מאַרט" געווידמעט)

שווימט פֿינצטער אַרויס אין באַגינען די תליה
אַנטקעגן דעם עולם דעם גראָען,
וואָס וואַרט אין טומאַן מיט געדולד מיט אַ טעמפֿער
זייט שעה'ן און שעה'ן.

און באַטעם אין דזשעגאַכץ, זיי טופען און שפאַרן
פון אַלע אַרומיקע ראָגן ;
עס שטראָמען די מאַסן, ווי טונקעלע כוואַליעס,
פון נייגיר געטראָגן.

אָט קומט מיטן צלם דער גלח אין שוואַרצן,
אָט שפרייזט שוין דער תליון אין רויטן,
אָט שטעלן פֿאַרשלאָפֿן זיך אויס די סאָלדאַטן
מיט פויקן, טרומייטן.

און באַלד פֿינצטערט אויף אין דער הויך דורך דער גראָקייט
דער וואָגן דער שוואַרצער פון ווייטן,
און טיף טוט דער ים מיט די מענטשן אַ ציטער
פון אַלע פיר זייטן.

באַפּעסטיקט צום באַנק, צו די פערד מיט די רוקנס,
באַווייזן זיך הויך די פאַרברעכער;
עס טראָגט זיך פון אונטן אַ ברום זיי אַנטקעגן
אַלץ כמורנער, אַלץ העכער.

ווי פיבעריש בלאַנדזשען זיי אום מיט די בליקן
אַריבער די ברומענדע מענגעו,
פאַר וועמען זיי וועלן, ווי רוצחים ווי ווילדע,
אין פּעטליע באַלד הענגען.

ווי זוכן זיי צייכנס, אַ וואונק וואו, אַ פּנים,
וואָס אויסטיילן זאָל זיך באַזונדער.
אומזיסט! זיי פאַרבלייבן נאָך אַלץ פאַר די מאַסן
אַ גרוילנדער וואונדער.

זיי נעמען שטום אָפּשייד פון גאַס, פון די הימלען,
פון מאָרגן, פון לעבן פון יונגן,
וואָס האָט זיי ניט לאַנג נאָך מיט שטורמיקע רופן
אין האַרצן געזונגען.

און אָט איז די תליה. ווי קראַפּטלאָז זיי טרעטן!
נאָר ניט ווייל דאָס האַרץ אין זיי פלאַטערט;
זיי האַלטן זיך קוים אויף די פיס, ווייל מען האָט זיי
געפּייניקט, געמאַטערט.

זיי בוקן זיך העפטיק אויף אַלע פיר זייטן:
צי פילט ער, דער עולם, צי ווייס ער,
פאַר וואָס און פאַר וועמען עס ווערט איצט געבראַכט דאָ
דער קרבן דער גרויסער?

און גלייך טוט אַ קלאַפּ די מוזיק, די טרומייטן,
די פּויקן, זיי טומלען אַלץ ווילדער;
עס בלייבט ניט דערהערט זייער וואָרט זייער לעצטער,
פאַרטויבט פון געפּילדער.

פינף בלוט־יונגע מענטשן, זיי בוקן זיך ווידער
אַראָפּ צו די ברומענדע מענגען,
און גייען אין פּעטליע... קאָנוואולסיעס... און באַלד שוין
פינף בר־מינג׳ס הענגען.

דאָך טיף וואו אין מיטן פון ווילדן געפּילדער
אַ שטים לאָזט זיך פייער־פלאַם הערן:
אַט אַלע די שטאָק־בלינדע מאַסן, זיי וועלן
נאָך זעענדיק ווערן!

דאָס הילכט זי, די שטים פון די העלדן, דורך דורות
און קען שוין ניט ווערן דערוואָרגן;
אין אייביקייט שאַלט זייער וואָרט זייער לעצטער
זייט יענעם פרימאָרגן.

אָ, ציטערט, תלינים! אַ צאָרן אַ גרויסער
וועט ווילד קעגן אייך זיך צעשפּילן;
פון תהום פון דעם פאָלק וועט ער אויפגיין און וועט זיך
דורך דורות ניט שטילן.

האָט בלוט פון אַ נביא־מארטירער געזאָדן
אַמאָל אויף אַ שטיין פילע יאָרן,
און ביז מען האָט מאַסן צעקוילעט, האָט אַלץ ניט
געשטילט זיך דער צאָרן.

אָ, ציטערט, תלינים! איר וועט מיט קיין טייכן
פון אייערע אומריינע בלוטן
ניט אָפּוואַשן קענען דאָס בלוט פון די קדושים,
ניט שטילן די גלוטן.

עס וועט אייך דער צאָרן פאַרצערן, פאַרלענדן,
צום לעצטן פון אייך זיך דערקלייבן,
ביז ס׳וועט שוין פון אייערע פינצטערע מחנות
קיין שפּור ניט פאַרבלייבן.

ניו יאָרק, 1898.

# די גנבה

די פּאָליציי האָט אַרויסגעגנבעט דעם קערפּער פון דעם יונגן רעוואָלוציאָנער, וואָס זי האָט אַליין דערמאָרדעט, און זי האָט באַגראָבן אים אין מיטן נאַכט אויפן בית עולם, מוראו האָבנדיק פאַר אַ דעמאָנסטראַציע.

(פון אַ ציַיט־כראָניק.)

אויף דעם אידישן בית עלמין
קלינגען שווערדן, קלינגען שפּאָרן,
עס באַוועגן זיך זשאַנדאַרמען
ביי אַ וואָגן מיט אַן ארון.

עס איז ווייט נאָך האַלבער נאַכט שוין,
און זיי קוקן, ווי געשפּענסטער —
שטייען, דרייען זיך און קלאַפּן
ביי דעם קברות־מאַן אין פענצטער.

ווילד און גרויליק דורך די קברים
הילכט עס אָפּ פון דאָרט און דאַנעט,
דורך די שטילקייטן די סומנע —
באָס־שטים באַראַבאַנעט.

„ווער איז דאָרטן, זשיד, צי טייוול!
קום אַרויס און שטעל זיך גראָבן;
איידער נאַכט און שלאָף פאַרשווינדן,
מוזן מיר דעם קבר האָבן!

„איידער נאַכט און שלאָף פאַרשווינדן,
איידער אויפשטיין וועט דער מאָרגן,
מוז דער טויטער זיין אין גרוב שוין,
טיף פאַרשאָטן, טיף פאַרבאָרגן!"

די לבנה קוקט אַרונטער
שטיל און ערנסט, ווי אַן עדות;
זעט די מענטשלעכע פאַרברעכנס,
הערט די שוידערלעכסטע סודות.

קוקט אַריין דאָ אין דעם אָרון,
זעט די בלוטיקע סימנים,
זעט פאַרגליווערט דאָרט דעם טויט־שמערץ
אויף אַן איידל־יונגן פנים.

קוקט אַריין אין די זשאַנדאַרמען,
אין די כמורנע הערצער אָפן,
און עס גרוילט זיי, און זיי ריידן,
פון אַ פחד שטיל געטראָפן:

„די לבנה ווערט אַלץ בלייכער,
און דער הימל ווערט אַלץ רויטער —
באַלד דערוויסט מען זיך אין שטאָט שוין,
אַז געגנבעט איז דער טויטער.

„גיכער, גיכער, זשיד פאַרפלוכטער!
לאָז דאָס בלוט אין גרוב פאַרשטומען,
לאָז דיין רידל עס פאַרקלאַפן,
איידער העלער טאָג וועט קומען!"

פינצטער שטייען זיי און קוקן,
ווי דער קברות־מאַן, דער אידל,
גראָבט דעם קבר, גראָבט און פּלאַטערט,
טרעפט די ערד ניט מיטן רידל.

פינצטער שטייען זיי און קוקן,
ווי די שאָטנס שווינדן, שטאַרבן —
דורך די בוימער פון בית עלמין
קוקט אַ הימל פול מיט פאַרבן.

און אין קאַמף מיט נאַכט און חושך
איז דער יונגער מאָרגן גובר,
און פאַרגיסט מיט ליכט דעם ארון,
און פאַרגיסט מיט ליכט דעם קבר.

און פאַרגיסט דעם גאַנצן מזרח
מיט אַ פייער מיט אַ רויטן,
און עס גייט זיי דורך אַ שוידער,
מורמלט איינער שטיל צום צווייטן:

„נייע צייטן, נייע מעשים,
אונזער אַרבעט ווערט שוין שווערלעך;
זשידעס סטראַשען אונז און שרעקן,
טויטע ווערן אונז געפערלעך!

„הערסט דאָס ברומען פון די מאַסן?
רויט, ווי ראַבע, פאָנען שוועבן!
מיר, זשאַנדאַרמען, מוזן אויך שוין
אָפּטמאָל צאָלן מיטן לעבן!“

מעטאָטשען, 1905.

# צום ערשטן מאַי

פון די לענדער פון די ווייטע, דורך די ימען דורך די ברייטע,
קומט דער ליבער פרילינג־ווינט —
אין די שטעט אין די פאַרשטיקטע, צווישן מויערן איינגעדריקטע,
צום פאַרשמאַכטן מענטשן־קינד.

אויף באַשטראַלטע פליגלען שוועבט ער, און אַ שטראַלן־שירה וועבט ער
אין די הערצער מילד אַריין,
און די מענטשן טיף־באַגליקטע, אויפגעמונטערטע, אַנטציקטע,
זאַפן איין דאָס ליד פון שיין.

* * *

פון לענדער צו לענדער — עס זינגט אין דער לופט:
די וועלט איז איצט ליב איבעראַל:
אין דרום, אין צפון, עס וועקט און עס רופט
דער זעלבער באַלעבנדער שטראַל.

ער עפנט די אייז־האַרטע ערד פאַר דער בלום,
פאַר בליטן פאַר צאַרטע — דאָס האַליך,
ער שפּילט אין די רויזן מיט פאַרב און פאַרפיום,
אין הערצער — מיט שמחה און שטאָלץ.

עס ליגט אַן אַנטציקטע די וועלט און זי גליט
אין שטראַליקע אָרעמס אין הייסע;
אין דרום, אין צפון גייט אויף און עס בליט
איין לוסט־פרייד, איין גרויסע...

* * *

פון די לענדער פון די ווייטע, דורך די ימען דורך די ברייטע,
אין דעם פרילינגס שטראַלן־שפּור,
קומט דער יום טוב ליב אַרונטער פאַר דעם מאַן פון אַרבעט מונטער,
ווי די יונגע מאַי־נאַטור.

ווי די פרילינג־לידער זייט ער, און די צאַרטסטע בליטן שפּרייט ער
אין די הערצער אויף זיין גאַנג,
און די וויסטע וועלט די ענגע, די פאַרשמאַכטע מענטשן־מענגע,
רופט זיך אָפּ מיט פרייד־געזאַנג.

* * *

פון פעלקער צו פעלקער — עס זינגט אין דער לופט!
די מענטשהייט איז איינס איבעראַל!
אין מערב, אין מזרח — עס שיינט און עס רופט
אונז אַלעמען איין אידעאַל.

אַלוועלטלעך, ווי פרילינג, איז דער אידעאַל,
אַלמענטשלעך צעשאַלט זיך זיין כאָר,
זיין זון איז די ליבע, דער שלום — זיין שטראַל,
דער חלום פון נביא — זיין וואָר.

עס גיסט זיך אין ליבע צונויף און עס גליט
דאָס האַרץ פון דער מענטשהייט דאָס הייסע;
אין מערב, אין מזרח גייט אויף און עס בליט
איין שטרעבונג, איין גרויסע...

ניו יאָרק, 1911.

אכטע אָפּטיילונג

# ביים סוף וועג



# אין גוטער אידישקייט

ואל תשיאך חכמת יונית,
אשר אין לה פרי כי אם פרחים
רבי יהודה הלוי.

האָב איך, ווי אַ איד, געזוכט
ניט די בלומען, נאָר די פרוכט —
ניט ווי די עסטעטן, די העלענען.
דאָך געזוכט עס נאָכאַנאַנד
האָב איך אינעם שיינהייט־לאַנד,
וואו פאַרליבטע זינגען די סירענען.

האָט געלאָקט מיך לעבן־לאַנג
אַליך פון אָפּגרונט דער געזאַנג —
ווייסע אָרעמס צווישן שוואַרצע פעלזן.
האָט מיך דאָך דער מזרח־חוש
אויסגעהיט פון טויטן־קוש —
אין מיין גוטן אידישלעכן העל־זען.

ניו יאָרק, 1937.

# מיטן „שבט יהודה“ אין סוכה*)

(פון דער סעריע „לידער פון די קינדער־יאָרן“)

למען קדושים מושלכים באש.
הושע נא (פון סדר הושענות)

**עס פלאַטערן פאַרביקע הערבסט־טעג אין לופט,**
**אַזוי ווי די פליגלען פון געלע מאַטיליעס —**
**און סדר הושענות, און סוכה־סכך־דופט,**
**און עכאָס פון ברכות, נגונים און תפילות,**
**און גאָלדענע פעדים פון וואונדער, וואָס ווייהען**
**פאַר מיר, ווי איך זיץ און איך לייען.**

---

*) שבט יהודה — אַ געשיכטלעכער ספר, געשריבן אין אַ פאַרביקן העברייאיש און אין אַ מונטערן טאָן, וואו עס ווערט אָפּגעגעבן פיל פלאַץ ניט נאָר די גזירות, גירושים און שמד׳ן, נאָר אויך די טענות קעגן אידן און די טרעפלעכע ענטפערס — וויכוחים אָן אַ שיעור. דער מחבר, ר׳ שלמה איבן ווירגא, אַ דאָקטאָר און אַ געלערטער, איז געווען פון די פאַרטריבענע פון שפּאַניע. אָנגעהויבן צו שרייבן די כראָניק האָט אָבער ר׳ יהודה איבן ווירגא — וואַרשיינלעך אַ זיידע פון דעם מחבר. ר׳ יהודה, אַ מאַטעמאַטיקער און אַן אַסטראָנאָם, וואָס האָט דערפונדן אַ „כלי צו זען די שטערן“, איז געווען דער הויפּט־רב פון סעווילאַ, און ער איז פאַרפייניקט געוואָרן צום טויט אין די קעלערן פון דער אינקוויזיציע, ווייל ער האָט ניט געוואָלט אַרויסגעבן די מאַראַנען, וואָס האָבן געהיט אין געהיים אידישקייט.

די זיבן אושפיזין — די זיבן גרויסע געסט, אברהם, יצחק, יעקב, יוסף, משה, אהרן און דוד, וואָס ווערן איינגעלאַדן מיט אַ באַזונדערער תפילה צו זיצן אין סוכה.

אשכנז און ספרד (ספאַראַד) — דייטשלאַנד און שפּאַניע.

אָט ווייהען אַדורך פֿאַר מיר וואונדער אַ סך,
ווען אומגעזען האָבן זיך הויך־וואו באַוויזן,
ביים גרינינקן, דינינקן דורכלויכט פֿון סכך,
די אורחים די גרויסע, די זיבן אושפּיזין;
זיי קומען אַרונטער אין סוכה דאָ זיצן,
און לויכטן מיט קרוינען און בליצן.

און איבערן ספֿר'ל האָט זיך צעשיינט
אַן אָפּשטראַל אַזוי ווי פֿון ליכטער געהיימע —
אין בליציקע ענטפֿערס אויף טענות פֿון פֿיינט,
אין פֿלאַמיקע מעשׂות פֿון קדושה און אימה,
אין פֿלאַטער פֿון פֿאַרביקן, לויכטנדן לשון,
פֿון זוניקייט זאַנפֿטער פֿאַרגאָסן.

איך שטיי פֿאַרן ליכט, אַ פֿאַרגאַפֿטער, פֿאַרוואונדערטער,
ביי כל'ערליי גזירות, גירושים און שמד'ן,
אַזוי ווי איך זע זיי דורך לאַנגע יאָרהונדערטער,
ווי פֿייערליך־פּאָרכטיקע, סומנע פֿאַראַדן;
און איבער זיי ליכטיקן הויך־וואו די ריזן,
די הייליקע זיבן אושפּיזין.

איך לייען אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט, און עס שטייט
פֿאַר מיר, דורך דער וועלט דורך דער גאַנצער, אַ בימה;
עס ליגט דאָרט דער ספֿר התורה צעשפּרייט,
עס גייען אַרום אין הקפֿות אין גרימע,
דורך ווייטן פֿון צייטן, אַלץ אור־זיידעס מיינע —
הושע נא! הושע נא!

זיי ציען זיך אַלץ, די הקפֿות, פֿאַר מיר —
לולבים, אתרוגים, הדסים, ערבֿות,

דורך שחיטות און שרעק און וויכוחים אָן שיעור,
דורך אשכנז, ספרד, און אַזש ביז די אבות;
אַלץ ציילן, פון בלוט און פון שטראַלן פאַרגאָסן,
אין קדושה און טהרה געשלאָסן —

און ביז ר' יהודה איבן ווירגא, וואָס איז
פאַרפייניקט געוואָרן פון גרויס־אינקוויזיטאָר;
ער ווייזט זיך פון קוואַל־באַנק פון קעלער, דער ריז,
פון פייניקונג און פון עקסטאַז אַ צעגליטער;
ווי פרעכטיק ער גייט אין הקפה, ווי גרויליק —
זאָל זיין, אָ, מיט אים אויך מיין חלק!

עס פלאַטערן פאַרביקע טעג אַזוי צאַרט
און לויכטן, ווי פליגלען פון געלע מאַטיליעס;
איך אָבער בלייב דאָ אין סוכה פאַרשפאַרט,
און זע די הקפות און ברען מיט די תפילות;
דורך ווייטן פון צייטן, אַלץ אור־זיידעס מיינע —
הושע נא! הושע נא! הושע נא!

1938

## אין פּאַרק

דער טאַנץ פון די בלעטער די געלע —
ווי טויט, אַזוי שטאַרק;
דאָך ברוינט נאָך מיט זון־וואָלקנס שנעלע,
דאָך טרוימט נאָך פון בלאָקייטן העלע
צערויטלט דער פּאַרק.

אָ, דרייט זיך, איר טרוימען איר בלאָע!
איך דריי זיך אויך מיט;
עס דרייען מיט ווילדער הנאָה
צעוויהט מיינע האָר מיינע גראָע
מיין אינגלש געמיט.

איז אַלץ דאָך געדריי דורך די וועלטן,
אַ טאַנץ ביז אין טויט;
טאָ דרייט מיך מיט אייך, אַ פֿאַרגעלטן,
טאָ דרייט מיך מיט אייך, אַ באַהעלטן,
אין וועלקענדן רויט.

יולי, 1938

# ביים רודער אַ צוגעשמידטער*)

(צום אנדענק פון ברוך וולאַדעק)

ער איז געווען, מיין פאָלק, דער שקלאַף דער צוגעשמידטער
אויף אייביק צו די ווייסלעס פון דיין שטורעם־שיף;
צי האָט געווילדעוועט אַנטקעגן אַ געוויטער,
צי האָבן אויפגעקראַכט די גרונטן אין דער טיף —
ער האָט די ווייסלעס פון די הענט
אַרויסלאָזן שוין ניט געקענט.

ער האָט די שקלאַפהייט פרייוויליק זיך אויסגעקליבן,
זיך צוגעשמידט צום האַרטן דינסט נאָך יונגערהייט,
און ריטערלעך און מיט אַ שמייכל מיט אַ ליבן
אַ לעבן האָט ער אָפּגעטראָגן שווער די קייט,
און אַלץ געררודערט נאָכאַנאַנד
צו ערגעץ אַ פאַרשפּראָכן לאַנד.

ער האָט זיך מיט די שטורעם־פויגלען בראַוו פאַרמאָסטן,
אין גרויסער אַנשטרענגונג, פון גרויסן — אַלץ באַזעלט,
ביז אויסגעשעפּט געפאַלן איז ער אויף זיין פּאָסטן,
ביז טויט־קאַלט האָט זיין וואַרעם־האַרץ זיך אָפּגעשטעלט —
און אַלץ די ווייסלעס אין די הענט,
אַ צוגעשמידטער ביזן ענד.

---

*) אין אַלטן רוים פלעגט מען די שקלאַפן ווי אַ שטראָף צושמידן צו די ווייסלעס פון די דאַמאָלסטיקע שיפן און ביז זייערע לעצטע כוחות פלעגן אויסגיין, פלעגן זיי מוזן רודערן.

---

(א. ליעסינס לעצט ליד — געשריבן דינסטיק אָוונט,
דעם 1טן נאָוועמבער, 1938)

ניינטע אָפּטיילונג

# איבערזעצונגען

(צום ליד „קיינמאָל־מער", באַנד צוויי, זייט 107)



# ניט באַווײַן אַזוי ביטער זײַן טויט

(פון נעקראַסאָוו)

ניט באַווײַן אַזוי ביטער זײַן טויט —
וואויל איז דעם, ווער עס שטאַרבט יונגערהייט!

די צעווילדעטע, בייזע געמיינהייט
האָט דערוויַיל ניט באַפלעקט נאָך זײַן גלאַנץ —
פאַל אַנטציקט אויף די קני פאַר זײַן ריינהייט
און באַציר אים דעם קאָפּ מיט אַ קראַנץ!
פאַר אים מעגסטו זיך קניען: מיר ווייסן,
וויפיל פאַלן אין קאַמף, אויסגעשפּילט.
ווי שאַקירט האָסטו אָפּט זיך געפילט
פון אַ קלינגענדן נאָמען, אַ גרויסן!
אָבער ער וועט פאַרבלייבן שוין ריין,
און עס וועט ניט דער רשעות געלינגען
אין דער טרונע דער קאַלטער פון שטיין
מיט פאַרליימדונג און אָפּשרעק צו דרינגען.

איך וועל צושטימען, אַז אין דײַן פרײַנט
האָט אַ ווילן אַ שטאָלצער געשײַנט.
אָבער ליבט מען די מענטשן אַרום
מער פון רום פון די אייגענע נעמען,
וועט מען אָפּפערן אויך מיטן רום,
אויב דער אָפּפער וועט ראַטעווען ווען.
איז די קראַפט דאָך די פינצטערע גרײַט!
און ביי וועמען פאַרבלייבט ניט דאָס פּנים

פֿאַרן אויסקוק פֿון טורמע און טויט ?
לאַנגע יאָרן און רום זיינען שונאים.

האָט דער רוסישער גוטער זשעני
לאַנג געקרוינט שוין די שטאַרבנדע פּרי.

1930

## און אַלץ וואָס איז וועט ווידער זיין...

(פֿון טיוטשעוו)

און אַלץ וואָס איז וועט ווידער זיין,
און רויזן וועלן בליען פֿיין,
און דערנער אויך מיט זיי...
נאָר דו, מיין ווייסטע, ווייסטע בלום,
דו וועסט שוין קיינמאָל אין פֿארפֿיום
ניט אויפֿבליען, אוי־וויי !

עס האָט מיין האַנט דיך אָפּגעפּליקט,
און ווי פֿאַרבענקט, און ווי באַגליקט,
דאָס ווייס נאָר גאָט אַליין !
טאָ בלייב־זשע וועלקן אויף מיין ברוסט,
ביז אויך דער לעצטער גלי פֿון לוסט
וועט צאַנקענדיק פֿאַרגיין.

ניו יאָרק, 1911.

# ס י ל ע נ ט י ו ם

(פון טיוטשעוו)

שווייג, פאַרבאָרג אין זיך, זיי שטיל,
דיינע טרוימען, דיין געפיל!
טיף אין גייסט ביי דיר אַליין
לאָז זיי אויפגיין און פאַרגיין,
ווי די העלע שטערן־פראַכט
אין דער טיפעניש פון נאַכט.
קוק אַנטציקט און שווייג! צי קען
אויסריידן אַ האַרץ זיך ווען?
קען אַ צווייטער דען פאַרשטיין
ריכטיק דיין נשמהס מיין?
רעדסטו אַ געדאַנק אַרויס,
קומט עס שוין אַ ליגן אויס!
רייסטו אויף דעם קלאָרסטן קוואַל,
גיט די מוטנעקייט אַ פראַל;
טרינק און קוויק זיך שטיל און זאַכט,
לעב אין זיך אַליין פאַרמאַכט;
טיף אין גייסט ביי דיר אַליין
טראָגסטו וועלטן וואונדער־שיין,
צויבער־סודות פון געדאַנק,
ניט באַטויבט פון דרויסן־קלאַנג,

ניט פֿאַרבלענדט פֿון דרויסן־שײַן.
זינגט דײַן האַרץ — הער שטיל זיך אײַן;
לויכט דײַן זין — שטײ שטיל און בליק;
שווײַג און טראָג אין זיך דײַן גליק.

ניו יאָרק, 1911.

# נאָכן שטורעם

(פֿון טיוטשעוו)

דער שטורעם איז אַוועק. פֿון בליץ דערשלאָגן,
איז אויף דער ערד אַ דעמב געלעגן טויט,
און בלאָלעך האָט פֿון אים אַ רויך געשלאָגן
און האָט זיך אויפֿן פֿײַכטן גרין צעשפּרייט.

און דורכן וואַלד האָט פֿרײַ זיך שוין געצויגן
אַ פֿויגל־ניגון, קלינגענדיק און צאַרט.
און שטראַליק האָט אַן עק פֿון רעגנבויגן
זיך ערגעץ אויף אַ בוים־שפּיץ אָנגעשפּאַרט.

ניו יאָרק, 1912.

# ערב יאָרצייט

(פון טיוטשעוו)

איינזאַם דריי איך זיך אַרום אויף וועגן לאַנג,
שטיל פאַרגייט דער טאָג אין רויטן מערבֿ־שיין,
שווער איז מיר, עס חלשן די פיס פון גאַנג!
זעסטו מיך, אָ, מלאך מיין?

שוין דער לעצטער אָוונט־שטראַל האָט דורכגעשוועבט,
שוואַרצער אַלץ אין שאָטן הילט די ערד זיך איין;
האָסטו דאָך אין אָט דער וועלט מיט מיר געלעבט,
זעסטו מיך, אָ, מלאך מיין?

מאָרגן הויבט זיך אָן אַ נייער טרויער־יאָר,
מאָרגן הויבט זיך אָן אַ נייער שנור פון פּיין,
מלאך מיין, אַוואו דיין גייסט זאָל שוועבן נאָר,
זעסטו מיך, אָ, מלאך מיין?

ניו יאָרק, 1914.

# די באַשווערונג

(פון פושקין)

איז עס וואָר, אַז האַלבע נאַכט,
ווען עס שלאָפט דאָס לעבן איין,
און לבנה זילבערט זאַכט
די בית־עלמינס מיט איר שיין,
איז עס וואָר, אַז רוישלאָז שטום
ווערן דאַן די קברים לער —
רוף איך שטיל אַ שאָטן: קום,
קום, מיין פריינט, צו מיר אַהער!
ווי ביים לעצטן אָפּשייד־קוק,
ווייז זיך, ליבער שאָטן מיין,
מיטן לעצטן ליידן־צוק,
קאַלט־בלייך ווי אַ ווינטער־שיין.
איך דערוואַרט דיך לאַנג און באַנג,
ווייז זיך נאָר אַ רגע צייט,
ווי אַ לייכטער, ליבער קלאַנג,
ווי אַ שטערן פון דער ווייט,
ווי אַ שימער פון דער הויך —
זעען וויל איך דיך, דערשיין!
ווייז זיך, ווען אַפילו אויך
ווי אַ גייסט פון שרעק און פיין —
קום נאָר, קום! אָ, ניט דערפאַר
רוף איך דיך אין אַנגסטן היינט,
פאַרצוואַרפן ווילד מיין צער
דעם — וואָס האָט געטויט דיך, פריינט!
ניט דערפאַר אויך, ווייל איך וויל

סודות פון דער גרוב דערגיין;
ניט דערפאַר אויך, ווייל איך פיל
אָפּט די שולד אין זיך אַליין.
איינס נאָר וויל איך זאָגן דיר,
אַז איך ליב דיך, שאָטן מיין,
אַז איך בענק, איך בענק אָן שיעור,
אַז איך בלייב דער טרייסטער דיין.

ניו יאָרק, 1914.

# אַ שטערן

(פון לערמאָנטאָוו)

גלי, גלי, דו ווייטער שטערן, גלי אין פּראַכט,
איך ליב דיין שוואַכן שיין אין קריג מיט נאַכט;
דיין צאַרטער שטראַל צעשלאָגט דעם חושך העל,
און טראָגט אַ חלום פאַר מיין קראַנקער זעל.

מיר האָט אַמאָל אַזוי אַ בליק געשיינט,
נאָר, אַ, פאַרלאָשן, טויט איז ער שוין היינט!
דאָך גלויבט זיך ניט; מיר חלומט זיך: איך קען
ביי דיר אין ווייטסטן הימל־אויג אים זען.

ניו יאָרק, 1914.

# דאָס ליד פון אַלטן מאַן

(פון קאָלצאָוו)

זאָטל אָן איך דעם פערד,
מיין פערד שנעל און טריי,
און איך יאָג און איך טראָג,
ווי אַן אָדלער פריי.

איבער פעלד, איבער ים,
אין אַ געגנט ווייט,
און איך כאַפּ און קער אום
די פריי־יוגנט צייט!

פוץ איך אויס זיך, קוק אויס,
ווי אַמאָל, אַ כוואַט,
מיידלעך שיין וואָלטן מיך
ווידער ליב געהאַט!

נאָר ניטאָ איז קיין וועג
צו פאַרגאַנגענהייט!
ווער דען אויפגיין די זון
ווען פון מערב־זייט?

ניו יאָרק, 1914.

# אַ ל י  ב ע י

(פון היינע)

אלי בעי, דער העלד פון גלויבן,
ליגט באַגליקט אין מיידל־אָרעמס.
טעם גען עדן צו פאַרזוכן
גיט אים אללא שוין אויף ד ע ר־וועלט.

הימליש־שיינע אָדאַליסקן,
שפּילנדיקע ווי גאַזעלן —
גרייזלט איינע אים דאָס בערדל,
גלעט די צווייטע אים דעם שטערן.

און די דריטע שלאָגט דעם צימבל,
זינגט און טאַנצט, און לאַכט און קושט אים
אויפן האַרצן, וואו עס ברענען
אין אַ פלאַקער אַלע גליקן.

טוט אַ שמעטער פלוצלונג דרויסן
דער טרומייט, מען רופט צו וואָפן,
שווערדן קלינגען, ביקסן קנאַלן —
„האַר, די פראנקען קומען אונטער!"

זיצט דער העלד שוין אויפן קריגס־פערד,
פליט צום קאַמף, דאָך ווי אין חלום
זעט ער זיך אַ ליגנדיקן
אַלץ נאָך אין די מיידל־אָרעמס.

און בשעת ער שניידט די פראַנקען
דוצנוויין די קעפּ אַרונטער,
שמייכלט ער, ווי אַ פאַרליבטער,
מיט אַ זאַנפטן, צאַרטן שמייכל.

ניו יאָרק, 1911.

## דער פרילינג יום טוב

(פון היינע)

דאָס איז דעם פרילינגס טרויעריקע לוסט!
די בליענדע מיידלעך, דער ווילדער המון,
זיי שטורמען און טראָגן זיך אום מיט געוויין,
צעפלאַטערט די האָר און אויסגעבלויזט די ברוסט:
„אַדאָנים! אַדאָנים!"

די נאַכט פאַלט צו ביים פאַקעל־שיין,
זיי זוכן דאָ און דאָרט אין וואַלד,
דער ווידער־קול קלינגט אָפּ און שאַלט
מיט וויינען און לאַכן און אַנגסטיקן פּיין:
„אַדאָנים! אַדאָנים!"

דאָס בילד פון בחור וואונדער־שיין,
ער ליגט אין וואַלד־וואו בלאַס און טויט;
דאָס בלוט פאַרבט אַלע בלומען רויט,
און ס'הילכט אין לופט אַ גרויס געוויין:
„אַדאָנים! אַדאָנים!"

ניו יאָרק, 1913.

# דריי רייטער

(פון לענאַו)

פאַרביי, פאַרלאָרן איז די שלאַכט,
די רייטער רייטן, זאַכט ווי זאַכט,

עס קוועלט פון וואונדן טיף און גרויס
דאָס בלוט דאָס וואַרעמע אַרויס.

עס שפּירן בלוט אויף זיך די פערד,
עס טריפט פון זאָטל אויף דער ערד.

די פערד, זיי טרעטן לייכט און שטיל,
ווייל אַנדערש פליסט דאָס בלוט צופיל.

און איינער אויפן צווייטן האַרט,
די רייטער רייטן אָנגעשפּאַרט.

און יעדער פילט דעם סוף און זעט,
און איינער אויפן צווייטן האַרט,

„די שענסטע פרוי דערוואַרט מיך גרייט,
ווי פרי עס קומט צו מיר דער טויט!"

„עס גרינט פאַר מיר אַ הויף אין וואַלד,
און שטאַרבן מוז איך דאָ שוין באַלד!"

„איך האָב גאָטס וועלט און גאַרנישט מער
דאָך שטאַרבן יונג איז שווער, איז שווער!"

און איבער זיי, אין טויט־שפּור פריי,
שווין ציען שוואַרץ קאָרשונעס דריי.

זיי שרייען, דרייען, טיילן זיך:
„אָט דעם עס דו! אָט דעם עס איך!"

ניו יאָרק, 1918

# מעלאַנכאָליע

(פון לענאַו)

דו באַגלייטסט מיך אַזוי גערן,
טרוימערישע עצבות מיין!
טונקלט, אָדער שיינט מיין שטערן —
הילט מיך אַלץ דיין שאָטן איין!

הייסט מיר אָפט אויף פעלזן שטייגן,
וואו דער אָדלער איינזאַם יאָגט,
פאָסנעס כמורען זיך און שווייגן,
און דער וואַלד־שטראָם רוישיק קלאָגט.

מיינע מתים טוען דעמאָלט קומען,
און מיין יאָמער ברעכט אַרויס;
נאַכט־שוואַרץ ווערט מיין זון אַרומגענומען,
און איך זינק ביי דיר אין שויס.

ניו יאָרק, 1911.

# אַ סענטימענטאַלער דיאַלאָג

(פון ווערלען)

אין אַלטן, וויסטן פּאַרק, פאַרוואָרפן, פראָסט־באַדעקט,
צוויי שאָטנס האָבן דורך דער נאַכט זיך שטיל באַוועגט.

די אויגן קוקן טויט, די ליפּן הענגען שוואַך,
און קוים וואָס הערט זיך זייער שאָטנדיקע שפּראַך.

אין אַלטן, וויסטן פּאַרק, פאַרוואָרפן, פראָסט־באַדעקט,
צוויי גייסטער האָבן אַ פאַרגאַנגענהייט געוועקט.

— געדענקסטו דעם עקסטאַז פון אונזער הייסן גליק?
— צו וואָס דערמאָנען דאָס געוועזענע צוריק?

— צי קלינגט דיר אַלץ מיין נאָמען מיט אַזויפיל חן?
צי קלאַפּט נאָך אַלץ דיין האַרץ צו זען אין טרוים מיך?—ניין.

— אָ, טעג פון גרויסן גליק, ווען מויל מיט מויל אין ברען
פאַראייניקט האָבן מיר! — ס'איז אפשר ווען געווען.

— געשיינט אין הימל בלאָ האָט האָפענונג אָן ברעג!
— אין שוואַרצן הימל איז די האָפענונג אַוועק.

זיי האָבן זיך געדרייט אַזוי אין פּאַרק אַרום,
די נאַכט נאָר האָט געהערט די שאָטן־ווערטער שטום.

ניו יאָרק, 1918

# אַן אינדישע סערענאַדע

(פון שעלי)

די דערשיינסט פאַר מיר אין טרוים,
און איך וועק זיך אויפן שטעל,
ווען די ווינטלעך אָט'מען קוים,
און די שטערן שיינען העל;
די דערשיינסט פאַר מיר אין טרוים,
און איך ווייס ניט, ווי און וואָס —
טראָגט אַ גייסט מיך דורכן רוים,
פאַר דיין פענצטער, אויפן גראָז.

ווי אין אומכאַכט, שלאָפט די לופט
ביי דעם שטילן וואַסער־זוים,
שמאַכט דער טשאַמפּאַק אין זיין דופט,
ווי אַ זעאונג אין אַ טרוים;
זינגט דער נאַכטיגאַל אין פּיין,
שטאַרבט דער טרעל אים אויף דער ברוסט,
ווי איך שטאַרב דאָ, ליבסטע מיין,
ביי דיין פענצטער אינעם קוסט.

הויב מיך אויף פון גראָז, אָ, גיך!
איך פאַרגיי! איך חלש! נעם
מינטער אָפּ מיט קושן מיך
אויף די ליפּן, אויפן ברעם.

ווי עס שלאָגט דאָס האַרץ מיר פעסט
און מיין באַק איז קאַלט, אוי ווײ!
האַלט מיך צו דיין ברוסט געפרעסט,
שטאַרב איך זעליג־זיס אַזוי.

ניו יאָרק, 1918

## דאָס ליד פון דער מאַדאָנע

(פון מעטערלינק)

יעדן זינדער אויף דער ערד,
וואָס פאַרגייט אין טרערן,
שטרעק איך גנעדיק אויס די האַנט
פון די הימלען גערן.

וואו פון ליבע קלינגט אַ גרוס,
קען די זינד ניט דאַרבן;
וואו פון ליבע גלאַנצט אַ טרער,
קען דער גייסט ניט שטאַרבן.

טרעפט אַמאָל, די ליבע פירט
פון דעם וועג אַרונטער,
פליסט איר טרער אַרויף צו מיר
און איך מאַך זי מונטער.

ניו יאָרק, 1913.

# קאַפּיטאַן! מיין קאַפּיטאַן

(פון וואָלט וויטמאַן)

אָ, קאַפּיטאַן! מיין קאַפּיטאַן! די שווערע רייזע איז צו ענד;
מיר האָבן דורכגעליטן פיל, מיר זיינען שוין ביי אונזער ציל;
די שיף קומט אָן אין האַפן באַלד, איך הער, דאָס פאָלק פאַר שמחה שאַלט,
און גלאָקן קלינגען אונז אַ גרוס, און ליפּן שיקן אונז אַ קוש;
נאָר, אָ, מיין האַרץ! מיין האַרץ!
פאַרלאָז ניט אויפן דעק דעם אָרט,
וואו ס'ליגט מיין קאַפּיטאַן,
אָ, קאַלט און טויט!

אָ, קאַפּיטאַן! מיין קאַפּיטאַן! דערוואַך און הער דעם גלאָקן־קלאַנג!
פאַר דיר דער האָרן שאַלט און רופט, און פאָנען פלאַטערן אין לופט;
פאַר דיר די קראַנצן און די פּראַכט, פאַר דיר די הערלעכקייט און מאַכט;
מיט מענטשן ברויזט דער ברעג פון גליק, עס זוכט דיך דאָרשטיק יעדער בליק;
אָ, קאַפּיטאַן! אָ, פאָטער ליב!
מיין אָרעם לייג איך אונטער דיר;
צי ליגסטו ווירקלעך דאָ,
אָ, קאַלט און טויט!

מיין קאַפּיטאַן, ער ענטפערט ניט, זיין פּולס, זיין האַרץ שוין שלאָגט ניט מער;
ער ליגט פאַר מיר אַ בלאַסער שטום, און זעט שוין קיינעם ניט אַרום;
דאָך גליטשט די שיף זיך זיכער, לייכט, און אָט איז באַלד דער ציל עררייכט;
פון לאַנגן וועג, פון וויסטן וועג, די שיף פון זיג, זי קומט צום ברעג;
איר, ברעגן, זינגט! איר, גלאָקן, קלינגט!
איך אָבער שטייביים שטילן אָרט,
וואו ס'ליגט מיין קאַפּיטאַן,
אָ, קאַלט און טויט.

ניו יאָרק, 1913.

# אויף אייער חרובן האַרצן

(פון ביאַליק)

די מזוזה איז פּסול אין חורבה פון האַרצן,
דארום טוט דער שד דאָרט אַ הוליע,
און אַלע ניט־גוטע אין טאַנץ אין אַ שוואַרצן,
זיי מאַכן דאָרט חוכא און טלולא.

צי זעט איר אים שטיין הינטער טיר דאָרט, דעם יאוש —
דער שמש פון חרובע טעמפּלען,
אַט קומט ער און וועט אַלע לצים אָן שהיות,
ביי אים אונטער בעזים צעטרעמפּלען.

גייט אויס אייער פלאַם אייער לעצטער, פאַרשטומען
וועט דאַן אייער מקדש דער טמא ;
די קאַץ פון דער פוסטקייט צעווייגט זיך באַנומען
ביים וויסטן אַלטאַר פון נשמה.

ניו יאָרק, 1917

## „יונגע"

(פון ביאַליק)

„נייע פויגלען, נייע לידער!"
וואָס זשע ליאַרעמט דאָרט סכנות?
איז עס טאַקע די מלחמה,
אָדער מער ניט די הכנות?

אָדער איז עס גאָר דער זיג שוין?
הייסט עס, אונזער וועג איז פריי נאָך!
ניט פאַרשעמט איז אונזער אַלטקייט, —
אונזער צייט איז ניט פאַרביי נאָך!

לאָז זיי שטיפן ביז זיי פאַלן
מידע אויף די נעזלעך שלאָפן;
קומען דאַן מיר און פאַרוויגן
זיי מיט אונז'רע אַלטע סטראָפן.

און ביז וואַנען זיי דערוואַכן,
פול מיט קרעפטן, צו סערווירן
אונז דאָס טעלערל פון הימל —
וועלן מיר זיך פשוט פירן.

און געלינגט עס זיי דער וואונדער,
גיבן דאַן מיר אויף דעם יחוס;
בויגן איין זיך, און די קינדער
גיסן שפּאָט אונז אויף די פּליכעס.

ניו יאָרק, 1918

# רחל

(פון רחל)

עס פליסט אין מיין בלוט דאָך איר בלוט פון אַמאָל,
עס זינגט אין מיין קול דאָך איר קול —
אָ, רחל, וואָס פיטערט די שאָף פון ארמי!
אָ, רחל — פון מאַמעס די מאַמע!

דעריבער איז ענג מיר אַזוי אין אַ הויז,
און פרעמד זעט די שטאָט אַזוי אויס,
ווייל שטענדיק אַמאָל האָט איר פאַסטוכשע קלייד
אין מדבר־ווינט פריי אומגעווייהט.

דעריבער נאָך פילט זיך ביי מיר אין די טריט
די זיכערקייט פון איר געמיט.
עס איז אין מיין פוס די געדעכניש פאַראַן
פון דאַן נאָך, פון דאַן.

1927

# דער בשורה־טאָג

(פֿון רחל)

וארבעה אנשים היו
מצורעים פתח השער...
ויאמרו איש אל רעהו: היום
הזה יום בשורה הוא.
(מלכים ב, ז׳, ג׳—ט׳)

פֿאַרצייטן איז שומרון געווען פֿון אַ שונא
באַלאַגערט, פֿאַרמאַכט און פֿאַרשמאַכט;
און קרעציקע האָבן די בשורה די שיינע,
די בשורה פֿון אויסלייז געבראַכט.

און איצט איז דאָס לאַנד שוין דאָס גאַנצע פֿאַרנומען —
אַן אומגליק, אַ הונגער, אַ גרויל!
דאָך זאָל זי, די בשורה פֿון אויסלייז, ניט קומען
צו אונז פֿון אַ קרעציקן מויל.

דער ריינער זאָל ברענגען די בשורה, פֿון ריינעם
זאָל קומען די גאולה אַזוי;
אויב ניט — איז כאָטש ערב דעם אויסלייז דעם שיינעם
שוין ליבער מיר אויסגיין פֿאַר ווײ.

1927

# זיינען מיר אַרויס אַ סך

(פון רחל)

זיינען מיר אַרויס אַ סך
פריידיקע און שטאַרקע אויף די ווייטע וועגן;
זיינען מיר אַרויס אַ סך
אונזער קעניגין אַנטקעגן.

איינער נאָכן אַנדערן
פאַלן זיי פאַרמאַטערט, אויפן וועג צעשפּרייטע;
איינער נאָכן אַנדערן —
אייביק שוין פון מיר צעשיידטע.

וועסטו אויך אַוועקגיין,
בלייב איך אין דער גרויסער וועלט אַליין שוין איבער;
וועסטו אויך אַוועקגיין,
ווער וועט מיך באַשיצן, ליבער?

פאַלשעוועט דיין וואַסער,
וועסטו, קוואַל מיין איינציקער, אין זאַמד פאַרשטומען.
פאַלשעוועט דיין וואַסער —
וועל איך דאָך פון דאָרשט אומקומען.

1927

צענטע אָפּטיילונג

# די גאָר ערשטע לידער

# א. ליעסין וועגן זיינע גאָר ערשטע לידער

## (פון אַן אויטאָביאָגראַפישן בריוו, אַדרעסירט צו ב. ריווקין)

„...איר האָט שוין איצט במעט אַלע לידער מיינע — אַ חוץ די גאָר ערשטע פון יאָר 1889. אייניקע פון זיי האָב איך שוין אויך — „דער יונגער פאַרברעכער“, „דער אידישער פאָרשטייער“, „דער געריריטער אַריסטאָקראַט“. עטלעכע און דרייסיק לידער מיינע זיינען פאַרפאַלן געוואָרן, און איך וועל זיי שוין קיינמאָל מסתמא ניט געפינען. אייניקע פון זיי („קאַרל מאַרקס מיט אַ פּאַק שוועבעלעך“, „מיטן הפטרה־נגון“, „דער דועל“ און נאָך אייניקע) האָבן אַמאָל געמאַכט אַ פוראָר. דאָס איז געווען לירישע, אָבער בייסנדע סאַטירע, וואו עס זיינען אויפגעכאַפּט געוואָרן די לעכערלעכע זייטן פון דער באַוועגונג. מ. מ. ראָזענבוים דערמאָנט זיי אין זיינע עראינערונגען. ליטוואַק האָט נאָך געקאָנט אַ פּאָר פון זיי אויף אויסווייניק. איך אָבער ניט. אויפגעשריבן — וואַרף איך אַרויס פון זכרון. האָב איך געמיינט, אַז אין בונדישן אַרכיוו זיינען זיי דאָ. נאָך מיין אָפּפאָר פון רוסלאַנד האָט מען אַרויסגעלאָזן העקטאָגראַפירט אַ זאַמלונג פון מיינע לידער אונטערן נאָמען „מאָדערנע לידער“. איך האָב דאָס קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען. האָב איך ניט לאַנג צוריק אַרויסגעקראָגן פון בונדישן אַרכיוו אַ קאָפּיע. ערשט, קיינע פון די אמת־סאַטירישע לידער זיינען אין „קאַנאָן“ ניט אַריין. — איך בין געווען אַ „ניט־לעגאַלער“ און איך האָב ביי זיך גאָרנישט ניט אומגעטראָגן. זיינען זיי, הייסט עס, צוזאַמען מיט אַלע מיינע העברייאישע כתבים און אַ פּאָר „רעדעס“ (וואָס וואָלטן איצט געהאַט אַ היסטאָרישע באַדייטונג — אַ וויכטיקע אפשר), פאַרפאַלן געוואָרן, ווייל די מאַמע האָט עס אויך מורא געהאַט צו האַלטן, האָט זי עס איבערגעגעבן אין אַנדערע הענט. אונזער משפּחה־נאַכלעסיקייט !...“

---

פון די פיר גאָר ערשטע לידער, וואָס דרוקן זיך דאָ, איז דאָס סאַמע פריסטע — „דער יונגער פאַרברעכער“, געשריבן אין ווינטער פון 1888-1889. אָבער עס האָט זיך דערהאַלטן אַ ליד פון מיט אַ יאָר פריער — ליעסינס סאַמע ערשטער פרואוו — דאָס ליד „קוקנדיק אויף די שטערן“, געשריבן אין 1887. נאָר ליעסין האָט קיינמאָל ניט אָנגעדייט, אַז ער וויל עס האָבן אַריינגענומען צווישן זיינע געזאַמלטע לידער. — דער פראַגמענט „דער לאַטוטניק“ האָט ניט קיין גענויעם דאַטום. לויט ליעסינס אייגענער השערה האָט עס געמוזט געשריבן ווערן צווישן 1891—1894. צו די לידער „דער געריריטער אַריסטאָקראַט“ און „דער לאַטוטניק“ איז אין ליעסינס האַנטשריפט צוגעשריבן: „(טעקסט) פאַרגרייזט“. צום ליד „דער יונגער פאַרברעכער“: — „זייער און זייער פאַרגרייזט“. צום נאָמען „ב. בוימסאַן“ אונטערן ליד: — „דאָס איז ליעסין“. פון די פיר לידער איז דאָס פּאָפּולערסטע געווען „דער אידישער פאָרשטייער“. קומט דעם ליד דאָס ערשטע אָרט.

ב. ר.

# דער אידישער פאָרשטייער

א מענטש איז ער א זעלטענהייט —
מיט יעדן קלאַס, אין יעדער צייט,
מיט אַלעמען געשטימט.
אין גרונט אַ מענטש אַ שווערלעבער,
אין גרונט אַ איד אַ ערלעכער,
דערפאַר איז ער באַרימט.

ער איז באַרימט, זיין נאָמען גייט,
פאַר אים אין שטאָט איז אָפן ברייט
די טיר פון יעדן הויז.
עס סמאַיעט זיין פיגורקעלע,
זיין פוטערדיקע צורה׳קעלע
אין באַנק און אויך אין קלויז.

זיין צורה׳קע איז מיט חנ׳דעלעך,
מיט אויסגעשצירטע צײַנדעלעך,
אַ צנאָטע פון אַ קנעכט:
זי טראָגט דורכאויס אויף זיך א לאַך
און שאָקלט צו אויף יעדער זאַך:
גערעכט, גערעכט, גערעכט!

אַ פּולינקער, אַ פּרישינקער,
אַ זיידענער, אַ זיסינקער,
אַ מחיה פּראָסט אַ קוק!
ער שטימט אַלץ מיט און לאַכט זיך פעט,
און טוט דערביי זיך דיר אַ גלעט,
אַ טאַפּ, אַ צופּ, אַ צוק...

ער שטימט, און לאַכט, און גלעט, און צוקט,
און זוכט, און לויערט אַלץ, און לוגט,
און לעבעדיק, און פריש.
אָן יעדער שטרוי געהאנגען זיך
און שטיל און ווייך געפאנגען זיך
אין מוטנע וואַסער פיש.

ער פאנגט זיך שטיל און גלאָצנדיק,
בנעימות׳דיק, יהי־רצונ׳דיק,
אָט ווי אַ מצוה־זאַך —
זיין פּנימ׳ל איז מילד און גוט,
אָט־אָט כמעט די שכינה רוט,
כאָטש נעם אַ ברכה מאַך!

נאָר ווען עס גילט און וואו מען דאַרף,
דאַן ווערט ער פּלוצלונג האַרט און שאַרף
און ביטער, אָ, ווי כריין;
ער ציט אַרויף אויף זיך אַ הויט,
גאָר קינסטלעך פּראַכט אויף אים גענייט,
מיט נעגל און מיט ציין.

און וואַרפט זיך בייז, און שטעכט און שעכט,
און שטעכט און שעכט און בלייבט גערעכט,

און קלינגט, און קנאַקט, און בלענדט;
און וואו מען דאַרף, טאָ ווידער צוריק
טוט ער געשווינד אַ כאַפּ, אַנטיק;
ער טויג אויף אַלע הענט!

אַ מענטשן-פריינט, אַ הייסינקער,
אַ בלוט-זויגער, אַ גרויסינקער,
כמעט אַ ליבעראַל;
ער רייסט, און בייסט, און שלעפּט פּראָצענט,
ער לעקט, און שמעקט, און קושט די הענט,
און דאַגה'ט פאַרן כלל...

ער איז ביי אונז די ערשטע האַנט,
ער איז ביי אונז די מזרח-וואַנט,
ער איז ביי אונז די קרוין.
אָט אויף אַזעלכע דופן מיר,
אַזעלכע ברואים רופן מיר
פאַר אונז אַרויסצוגיין —

צו לויכטן העל אויף אונזער וועג,
צו היילן אונז פון אַלע שלעק,
צו טראָגן אונזער פאָן!
ער איז פון די נגידישע,
די האָפענונג די אידישע,
דער העלד פון דער נאַציאָן!

אַ דאַנק דעם גרויסן גוטן גאָט,
וואָס העלפט אים אוים אויף יעדן טראָט,
און מערט און מערט זיין גוטס;
אַ דאַנק, להבדיל, אויך דעם גוי,

דעם אַלערשטאַרקסטן גאָראָדאָוואי,
וואָס האַלט אים אונטער שוץ.

זיי העלפן, שיצן אים דורכאויס,
און מאַכן פעט, און רייך, און גרויס,
און אַלץ פאַר אונז, פאַר אונז;
צו קריגן אונז אַ אידיש לאַנד,
צו גיין מיטן פריסטאַוו אונטערן האַנט
און טאָן מיט אים אַ קונץ...

צו גיין מיטן פריסטאַוו אונטערן האַנט,
צו קריגן אונז אַ אידיש לאַנד —
אַלץ ליגט אין זיין קאַמאָד.
ער מאַכט אים אויף, און ס'נעמט אַ סוף
צו אַלעם בייז; זיי זיכער, האָף —
אָ, עלענדער נאַראָד!...

.1891—1890

# דער יונגער פֿאַרברעכער

די פֿעסטונג דערהייבט זיך — אַ ריז! אַ טיטאַן! —
אויפֿן טונקעלן צפֿון דעם קאַלטן;
אין שנייפֿולן מדבר, אין גרויען טומאַן,
אין אייביקע וועלדער באַהאַלטן.

אַ שרעקלעכער ווינקל! דאָ איז די נאַטור
אין גאַנצן כמעט אָפּגעשטאָרבן;
פֿון שטעט און קולטור איז ניטאָ דאָ קיין שפּור,
דער מענטש איז דאָ גראָב און פֿאַרדאָרבן.

דאָ איז צען מאָנאַטן די ערד איינגעפּרעסט
אין ימען אומענדלעכע שנייען;
דאָ טרעשצעט די לופֿט אונטער פֿופֿציק גראַד פֿרעסט
און העלישע ווילדע זאַווייען.

דער טורעם — ער שטייגט אַזש אין די הימלען אַריין,
דורך פֿינצטערע וואָלקנס און העכער;
און טיף אין אים איז, ווי אַ לעבנדער מת,
באַגראָבן אַ יונגער פֿאַרברעכער.

דער יונגער פֿאַרברעכער! מען האָט אים אַהער
פֿאַרשטויסן פֿון וואַרעמע קאַנטן;
געקליימט, און געגאָלט, און געשמידט זייער שווער
אין ווילדן עטאַפּ אַרעסטאַנטן.

אזוי האָט מען אים ביז אהער אזש געשלעפּט,
אזש טויזנטער מיילן געטריבן;
פון דאָרטן, וואו אַלעם — עס בליט און עס לעבט,
פול מענטשן, וואָס פילן און ליבן.

א זעלטענער אינגל! אים האָט זיך געדוכט
גאָר נעבעך משונהקע זאַכן:
ער האָט פאַר דער וועלט עפּעס מיטלען געזוכט
ניט אנדערש איר גליקלעך צו מאַכן.

נאָר אָט וואָס: — נאָך איידער עס האָט אים באַגליקט
אָט טאַקי די וועלט צו פאַרזאָרגן,
נאָר האָט מען, פאַרשטייט זיך, אים פּלוצלונג פאַרשיקט
אין איינעם א שיינעם פרימאָרגן.

מען האָט אים פאַרשיקט אין סאַמע עק וועלט
אויפן שרעקלעכן צפון דעם קאַלטן;
און ערגעץ געהיים אויף א קייט דאָ געשטעלט,
אין פינצטערן טורעם באַהאַלטן.

ער שטייט דאָ אויפן קייט, ווי א משוגענער הונט,
און יאָרן, די בליענדע יאָרן,
זיי קריכן אומענדלעך — ער איז שוין אצונד
גאָר גרוי און פאַרעלטערט געוואָרן...

און בלייך גייט פאַריבער דער קרענקלעכער טאָג,
עס טונקלען די בלייענע הימלען;
א כמאַרע א סומנע פאַרציט דעם אָסטראָג,
און אַלעם פאַרזינקט דאָרט אין דרימלען.

ערהאבן און גרויזאם! אין שניי־פולן פעלד
פארדרעמלט דער פינצטערער טורעם;
ער דרעמלט זיך שטאלץ, דער פארצויבערטער העלד
און לאכט פון דעם ווינט און דעם שטורעם.

און בייז און מיט אימפעט פאלט אונטער די נאכט,
א חושך, גאר פלוצלונג א וואונדער!
און ווילד, מיט א שטרענג אומגעלומפערטער מאכט,
דער שטורעם, ער יאגט זיך פאנאנדער.

דער שטורעם, ער יאגט, דער שטורעם, ער טראגט
א העליש, א גרוים זאווארוכע;
דאס בורטשעט און קרעכצט, און יאמערט און קלאגט,
און פירט אזש אריבער א סקרוכע.

עס שוידערט, עס פילדערט דער אלט־בייזער וואלד;
ער צארנט: מען לאזט אים ניט שלאפן!
עס האט זיך צעהוליעט מיט ווילדן געוואלד
דער גרויזאמער גיהנם פון צפון...

די לבנה א רגע גייט אויף און פארגייט,
ווי ווער וואלט אויף איר אנגעשריען;
די ערד און די הימלען, זיי שפרינגען פון הויט,
די וואלקנס, דערשראקענע, פליען.

זיי פליען שנעל האסטיק, און קוועטשן זיך אויף
אין זעלטענע פארמעס און בילדער,
אזוי ווי עס וואלט אויף זיך קלייבן א גוף
א שרעקלעכער רוח, א ווילדער.

דער שטורעם, ער רייסט זיך, דער שטורעם, ער קלאָגט,
און קייקלט זיך ווילד אויף די דעכער.
אין שרעקלעכן בענקען, פאַראומערט, פאַרצאָגט,
הערט־צו אים דער יונגער פאַרברעכער.

ער הערט, און עס וואַרפט אים אין שוידער, עס גרוילט!
און עפּעס אַזוי ווי מיט ווערטער —
אים דוכט זיך — דאָ ווערט אים אַ מעשה דערציילט,
דורך ציין־קריצעריי און געלעכטער...

אַ טרויעריקע מעשה! פון זודיקן בלוט,
און גרויסע און ברייטע פאַרלאַנגען,
פון גוואַלטיקע קרעפטן און העלדישן מוט,
וואָס זיינען אויפן טייוול געגאַנגען;

וואָס זיינען געגאַנגען אויף פּיטקעס און פּלאָג
און אַלערליי מיני יסורים;
אין וויסטן סיביר, אין פאַרפלוכטן אָסטראָג,
אין יעדערן קאַטאָרזשנעם טורעם;

וואָס צאַפּלען זיך שוואַך אונטערן חלף אין האַנט,
שוין גוסס אין איינע טויט־שמערצן;
פון אַלע פיר זייטן פון אומגליקלעכן לאַנד
אים הערט זיך אַליץ זיפצן און קרעכצן.

אים הערט זיך אַ סוויסטש פון אַלמעכטיקן קנוט,
פון עכטע תליונים־קייסאָרים;
אים הערט זיך אַ שטראָם פון אומשולדיקן בלוט
אין יונגינקע, פרישינקע קברים.

די יונגינקע קברים! דאָס זיינען אַלץ פריינט,
אַלץ נאָענט, אַלץ ליב און אַלץ טייער,
וואָס האָבן ווי ליכטיקע שטערן געשיינט,
געטראָגן דעם הייליקן פייער;

דורך נאכט און דורך פראָסט, אים סמעלע אין סטעפּ
צו זינדיקע מענטשן געטראָגן;
געוואַרעמט די הערצער, געלויכטן די קעפּ,
דעם אייז און דעם חושך צעשלאָגן;

גערופן מיט כוח צום הויך־אידעאַל
די שלאָפנדע וועלט צו ערוואכן,
גערופן צום שטרייט פאַר דעם אָרעמען כלל,
פאַרן ליידנדן ברודער דעם שוואכן.

די יונגינקע קברים! דאָס הארץ, אָ, עס רייסט!
דאָס זיינען אַלץ פריינט און חברים
פון ליכטיקן זינען און הייליקן גייסט,
אַלץ איינע אין איינע גבורים;

צעשאָסן, צעהאנגען, צעפוילט אין אָסטראָג,
צעקאַרטשעט, צעמורשט און צעריבן...
אָ, שרעקלעך! ווי לאַנג איז דער מארטיראָלאָג!*)
קיין שריד און פּליט געבליבן...

ב. בוימסאָן, ווינטער, 1888—1889.

*) אַ ליסט פון מאַרטירער, געמאַטערט פאַר אַ הייליקער זאַך.

# דער געריטער אַריסטאָקראַט

מיין אָרעמער ברודער, מיין ליבער, מיין מידער,
איך קען ניט דיין ביטערן מזל פארגעסן;
כ׳וואָלט וועלן דיר פּשוט צעקושן די גלידער,
וואָס קליידן, וואָס שוכן, וואָס גיבן מיר עסן!

וואָס אַקערן און זייען און שניידן די פעלדער,
און קרענקען און שפּייזן און ווייסן קיין רעכט;
וואָס בויען די הייזער און האַקן די וועלדער
פון הונדערטער יאָרן — דו אייביקער קנעכט!

ביסט הויך און דערנידריקט, דערשלאָגן און שטאַרק,
מיין שוואַכער, מיין שמאַכטנדער נארישער העלד;
איך זע דיך אַ וואָרעם אין גאַס און אין מאַרק,
און פיל דיך אַ לייב אין פאַבריק און אין פעלד.

דו האָלטסט אויף די וועלט, דו ערנערסט איר, דו קליידסט,
דו טראָגסט איר אין גאַנצן אַרויס אויף די פּלייצעס;
דו הונגערסט, די בעטלסט, די ליידסט,
דו פילסט ניט דיין ווערדע, דו זוכסט ניט קיין עצות.

כ׳וואָלט וועלן זיך נאָענט צונויפגיין מיט דיר,
אין גאַנצן זיך דורך אין דיין וועלט איבערטראָגן,
באַטראַכטן דיין עלענד, דיין פּיין אָן אַ שיעור,
דיין ביטערן חושך פאַנאַנדערצעשלאָגן.

כ׳וואָלט קענען כאָטש איצטער צו דיר אַוועקשוועבן,
איך וואָלט עס פאַרגרינגערט, ס׳וואָלט נעמען אַ סוף;
נאָר אָבער, מיין פריינט, אַז דער מערדערשער לעבן —
ער האָט אונז געאַרבעט פון אַנדערן שטאָף.

אַ מענטש ביסטו טאַקי ווי איך און נאָך מערער,
דיין שוויים איז מיר הייליק, מיין אָרעמער פויער;
נאָר שמעקט אָבער דאָרטן אַ ריח אַ שווערער;
עס כאַפּט אַזש דעם אָטעם, עס שמעקט מיר פאַרט זויער.

דיין רייד איז נאַטירלעך, אָן פאַלשקייט, אָן קונצן;
און ריין ווי די יוגנט, און קלאָר ווי די שטערן;
נאָר אָבער די ווערטער— זיי קנאַלן, זיי רונצלען,
כאָטש פאַל אין חלשות, איך קען זיי ניט הערן.

געבויט איז דיין כאַטקע גאַנץ כשר און נוציק,
דורך בלוטיקער פראַצע איז אַלץ דאָרט דערוואָרבן;
נאָר דאָך איז זי דושנע, און דומפּיק און שמוציק;
כאָטש נעם און דערשטיק זיך — די לופט איז פאַרדאָרבן.

דיין מעבל, כלי בית, דיין האָק און דיין פּאַק —
אַלץ גוטע, אַלץ שטאַרקע, אַלץ נוצלעכע זאַכן;
נאָר אָבער ווי שרעקלעך עס פעלט דאָרט געשמאַק
עס עקלט מיר אָפּ, אַזש די אויגן פאַרמאַכן.

כאָטש רייס זיך אויף שטיקער, וואָס קען איך דיר טאָן —
פון וווייטן נאָר שרייען, פון וווייטן נאָר ברומען;
דערשמעק איך דיך — ברויך איך אַ ים אָד׳קאָלאָן,
און קען ניט פיל צייטן דערנאָך צו זיך קומען.

און זאָל איך די נאָז און די אויערן פאַרשטעקן,
און זאָל איך פאַרמאַכן דאָס מויל און די אויגן —
ווי וועסטו זיך פילן, ווי וועט דאָס דיר שמעקן —
צו וואָס, זאָג, צו וואָס עפּעס קען איך דיר טויגן?

.1889

# דער לאַטוטניק

(פראַגמענט)

... דאָס לעבן אַרום, עס שפּריצט און עס בליצט
אין שיינעם און רייכן קוואַרטאַל;
רב חצקל, ער זיצט און שטעכט אַלץ און שוויצט
צען קלאַפּטער אַזש טיף אין פּאַדוואַל.

ער שטעכט אַלץ און שלעפּט מיט שוויים און מיט מי
דעם פּאָדים אַראָפּ און אַרויף,
און האָט זיין געצאָלט ניט מער, ווי אַבי
דערהאַלטן די נשמה אין גוף.

1894—1891

# ינאי המלך און די פרושים

(אַ ניט פאַרענדיקט ליד *)

אויפן באַרג מודיעין שטייען
זיבן ווייסע מאַרמער־זיילן,
שטאָלץ באַצירטע מיט טראָפּייען,
וואָס מען זעט זיי ווייט פאַר מיילן;
ווי זיי בלענדן, פֿיין־געקריצטע,
מיט די וואָפֿן פֿון די שטרייטער —
פֿיין־געקריצטע, זון־צעבליצטע,
פֿאַר דער אומה דער באַפֿרייטער;
ווי זיי בלאַנקען מיט אָקרענטן
ווײַס אַראָפּ צום ים צום בלאָען —
זיבן קברים־מאָנומענטן
פֿונם הויז פֿון מתתיהו׳ן.

האָט אויף אָט־דעם באַרג דער זקן
בראַוו צו ערשט זיין שווערד געהויבן
אויף אַ וועלט־מאַכט, אומדערשראָקן,
פֿאַרן פֿאָלק און פֿאַרן גלויבן;
איז ער, ווי אַ נס, געשטאַנען,
מיט פֿינף זין, אין קאַמף אין גרויסן;

*) אַ נײַ געפֿונענער מאַנוסקריפּט; געשריבן וואַרשײַנלעך אין פֿרילינג פֿון 1938.

זיינען ענדלעך די טיראַנען
שווין פון גאַנצן לאַנד פאַרשטויסן —
פון דעם מדבר דעם צעברענטן
ביז די ים־כוואַליעס די בלאָע;
שטייען זיבן מאָנומענטן
פאַרן רום פון חשמנאי.

פאָטער, מוטער און פינף ברידער
אומגעקומענע אין פלאַקער,
אַז דאָס פאָלק זאָל קענען ווידער
גיין אין פרידן נאָכן אַקער.
ווילן אָבער דאָך פון פרידן
שוין די אייניקלעך ניט וויסן —
טוען אַלץ נאָך שווערדן שמידן,
טוען אַלץ נאָך בלוט פאַרגיסן;
קען זיך שוין, אין רום צעבלענדטן,
זייער קריגס־לוסט ניט פאַרלעשן;
בלייבן גיך די מאָנומענטן
פון די אייניקלעך פאַרגעסן.

זיבן פיראַמידן ווייסע
בלענדן זוניק מיט געמעלדן —
מיט דער שטראַלנדיקער מעשה
פון באַפרייער און פון העלדן.
דאָך די אייניקלעך פאַרשוועכן
דעם גאולה־גייסט, דעם פרייען —
מיט אכזריות, מיט פאַרברעכן,
מיט מלחמות, טיראַנייען.
און אין אָנדענק אין געשענדטן

שטייען, ווי פֿאַרשעמטע עדות,
אָן אַ זייט די מאָנומענטן
פֿון די שטראַלנדיקע זיידעס.

* * *

פּוילט די מלכות יון, און עס פֿאַלט פֿאַנאַנדער
די ירושה פֿון דעם גרויסן אַלעקסאַנדער.

פּוילט, צעפֿאַלט די סעלעווקידן־מאַכט אויף שטיקער,
און די שטיקער שטרייטן איינער מיטן צווייטן;
בראַנדעווען אַרמייען, פֿון נקמה שיכור,
מיט די קריג־מושטירטע העלפֿאַנטן און פֿערד,
און פֿאַרשקלאַפֿטע פֿעלקער ברעכן ראַש די קייטן
און זיי בושעווען מיט פֿייער און מיט שווערד:
ברויזט גאַנץ פֿאָדער־אַזיע ווי אַ ים —
שטראָמען בלוט און זיילן רויך און פֿלאַם.

אָ, מיין פֿאָלק, ווי עלענד־הויך און איינזאַם־גרויס
טיילסטו זיך שוין דעמאָלט פֿון די פֿעלקער אויס.

— — — — — — — — — — — — — — —

